Linetzki Hebr. Ej 951

די

# בלוטיגע נקמה

אדער

## יאקאוו טיראדא

א העכסט־אינטערעסאנטער היסטארישער ראמאן פון דער צווייטע אינקוויזיאן געשעהן אין דער צייט פון פיהליפּ מלך שפאניען.

אין געזויבערטען יודישען זשארגאן פון י. י. לינעצקי.

(מחבר פינם פוילישען יונגעל, אונ פיעל אנדערע ספרים)

הזכות נמכר לצמיתות לר׳ יוסף חיים שוכמאן בארעססא

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

חלק ראשון

ווארשא

---

## Ди Блутиге Нкомо

или Тирада Историческій романъ временъ Филипа II

Обработалъ изъ Нѣмецкаго

И. О. Линецкій (Ланицеръ)

Варшава

דיא

# בלוטיגע נקמה

אדער

# יאקאוו טיראדא

א העכסט־אינטערעסאנטער היסטארישער ראמאן פון דער צווייטע אינקוויזיאן געשעהן אין דער צייט פון פיהליפ מלך שפאניען.

אין געזוויבערטען יודישען זשארגאן פון **י. י. ליניעצקי.**

(מחבר פינם פוילישען יונגעל, און פיעל אנדערע ספרים)

הזכות נמכר לצמיתות לר׳ יוסף חיים שוכמאן באדעססא

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

## חלק ראשון

## ווארשא

---

**Ди Блутиге Нкомо**

или Тирада Историческій романъ временъ Филиппа II

Обработалъ изъ Нѣмецкаго

И. О. *Линецкій* (Линицеръ)

Варшава 1902

Изданіе Іосифа Х. Шухмана.

Варшава. Въ типографіи А. Гинса. Новозельная № 47.

Дозволено Цензурою.
Варшава, 29 января 1902 года.

# 1

# דֶער דְוָוארֶעץ בֶּעלְוֶועדֶער

אין דעם אומגעגענד פון דער טירקישער רעזידענץ שטאט. אויף אַבאַרג צווישען דעם שוואַרצען ים פון איין זייט אויף אַשיינעם לאַנדשאַפט אוים פרוכט ביימער אונ בלומען גערטנער פון דער אַנדערער זייט. איז געשטאַנען אַגרויסער שיינער פּראַכטפּאַלער דוואַרעץ. מיט דעם נאָמען דער בעלוועדערער דוואַרעץ" דער דוואַרעץ איז שטענדיג געוועהן בעליבט פון דיא הונדערטער געסט. וואס פלעגן זיך אין איהם איבער וואַרפען אַטאָג פון דיא גרעסטע אונ פאַרנעהמסטע קייזערליכע פערזאָנען אונ וועלטבעריהמטע מענער אין יעדען ווינקעל האט געקאָכט. גערודערט אונ גערוישט פון דיא קארעטען אונ פייטאָנען. וואס האבין אַלע ווייִלע געבראַכט אונ אָפּגעפיהרט דיא גרויסאַרטיגע געסט. אונ מע האט נאָר געזעהען שווייצאַרען אין זייערע גאָלדגעשטיקטע ליווערייען לויפען אַרום דיא טייערע געסט. וואס קומען אַלץ בעזוכען דעם ווירט פון דעם רייכען דוואַרעץ. אַזוי פלעג זיך אַלץ רידערען כסדר דיא גאַנצע וואך: נאר היינטיגער טאָג. אין וועלכען אונזער געשיכטע קומט פאָר איז גראַדע שטיל אונרוהיג דאָרט. ווייל דער טאָג איז געוועהן שבת. אונ דער ווירט פונם דוואַרעץ איז אַ פראָמער פּאַטריאָטישער אונ רעליגיעזישער יוד. דאָן יאָזעף הנשיא.. הערצאָג פאָן נאַקסאָס.

פיל גרויסע קייזערליכע מענער פון יודען. האבין מיר שוין אין דער היסטאָריע בעגעגענט. נאר צוא אַזאַ הויכער שטופע וויא אונזער דאן יאזעף הנשיא איז נאך קיין איינציגער יוד אין דער וועלט ניט געקומען. ניט פאַר איהם אונ ניט נאך איהם. דאן יאזעף הנשיא איז געוועהן פון דיא גרעסטע פאַמיליען אין פּאָרטוגאַל. אונ צו דער צייט. ווען מע האט יודען אַרויס געטריבען פון שפאַניען אונ פּאָרטוגאַל. איז דאַן יאָזעף מיט זיינער אַ מוטער: דאָנאַ גראַציאַ. אַוועק מיט איין אונגעהייער פערמעגען קיין אַנטווערפען. אין בעלגיען. נאר דאָרט האט ער קיין סך ניט געוואָהנט א.נ. איז געקומען אַהער קיין סטאַמבול. דעמאָלט האט דער טערקישער סולטאַן. סאַליימאַן דער גרויסער. גיעפענט זיין לאַנד פאַר דיא יודישע עמיגראַנטען אונ האט זייא מיט ליבע אויפגענומען אונטער זיין שוטץ. אונ דאַריבער איז אונזער דאן יאזעף אַהין געקומען. אום ער זאל זיך קאָנען רוהיג פאַר ברענגען זיינע יאָהרען אין תורה אונ אין חכמה אונ מיט וואס נאר מעגליך צו העלפען זיינע אונגליקליכע ברודער. נאר דאַן יאָזעף האט דורך זיין גרויסער בילדונג אונ עדלען כאַראַקטער גרויס חן בעקומען ביים סולטאַן סאַליימאַן אונ ער איז ביי איהם געוואָרען אַמיניסטער אונ פליגעל אַדיוטאַנט. אונ נאך סאליימאנ'ס טויט. אַז זיין זוהן סעלים איז אַרויף אויפען טראָהן. האט זיך דאן יאזעף אַזוי וויט בעליבט ביים יונגען קייסער. ביז ער האט איהם בעשיינקט מיטען טיטעל הערצאָג איבער דעם גריכישען אינזעל נאַקסאָס מיט נאך גריכישע קליינע אינזעלען. וועלכע זיינען דעמאָלט אונטערוואָרפען געוועהן דער טערקישער רעגירונג. אַזוי. אַז דאן יאזעף הנשיא איז איין פאָלמעכטיגער רעגירער איבער דיא אינזלען.

חוּץ וָואס דֶער סוּלְטַאן סֶעלִים הָאט אִיהְם פִּילֶע שְׁטֶעדְט אוּנ דֶערְפֶּער גֶעשֶׁיינְקְט אַלְס אֵייגֶענְס . אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט זִיךְ דאן יאזעף בֶּעזֶעצְט אִין דֶעם דְוָוארֶעץ בֶּעלְוִוידֶער . וָואס אִין דֶער אוּמְגֶעגֶענְד פוּן סטאמבול . אוּנ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט צוּם סֵדֶר . אַז דִיא גַאנְצֶע וָואךְ זָאל עֶר זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט פָּאלִיטִיקָא אוּנ עֶקָאנָאמִיָא . אוּנ דֶעם שַׁבָּת'דִיגֶען טָאג זָאל עֶר זִיךְ אָפְּגִיבֶּען מִיט תּוֹרָה אוּנ תְּפִלָּה מִיט דִיא חֲכָמִים אוּנ לוֹמְדִים . וָואס זַיינֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעזֶעסֶען בַּייא זַיין טִישׁ . נָאר אִיבֶּער רֶעלִיגְיֶע אוּנ אִיבֶּער יוּדִישֶׁע אוּנְטֶערֶעסֶען . אוּנ אַזוֹי וָואס דאן יאזעף אִיז אַלְס גְרֶעסֶער אוּנְמַאכְטִיגֶער גֶעוָוארֶען . אִיז עֶר אַלְץ מֶעהְר פְרוּמֶער אוּנ מֶעהְר יוּדִישֶׁער הֵייסֶער פַּאטְרִיאַט גֶעוָוארִין אוּנ אַלֶע קֵייזֶערְלִיכֶע פֶּערְזָאנֶען אוּנ דִיא קָאנְסוּלַאטֶען פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע קֵינִיגְרֵייכֶען הָאבֶּען שׁוֹין גֶעוִויסְט אַז שַׁבָּת נֶעמְט עֶר נִיט אוֹיף פַאר קֵיין פַאל . אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אִיז בַּייא אִיהְם גְרַאדֶע גֶעוֶועהְן דֶער בֶּערִיהְמְטֶער חָכָם פוּן סַאלָאנִיק . רַבִּי משֶׁה אַלְמוּשַׁאנִין דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטֶען דֶעם סוּלְטַאן . עֶר זָאל בֶּעשְׁטֶעטִיגֶען דֶעם אוּסְטַאוו וָואס אַלֶע יוּדִישֶׁע גֶעמֵיינְדֶען אִין טִירְקַייא הָאבֶּען גֶעגְרִינְדֶעט צוּם צְוֶועק הֲחֲ[..]רִים כָּל יִשְׂרָאֵל בְּטִירְקַיי . אוּנ אִיז גֶעוֶועהְנְלִיךְ גֶעוֶועהְן גֶעלַאדֶען צוּ דָאן יָאזֶעף הַנָּשִׂיא אוֹיף שַׁבָּת . צוּ דֶער מִינוּט וָואס אוּנְזֶער גֶעשִׁיכְטֶע גֶעהְט פָאר . טְרֶעפֶען מִיר דאן יאזעף אִין זַיין בִּיבְּלִיאטֶעק . פַאר מִיטַאג זִיטְצֶען אוּנ שְׁפְּרֶעכֶען מִיט זַיין לִיבֶּען גַאסְט . ר' משֶׁה אַלְמוּשַׁאנִין .

דוּא וֵוייסְט מַיין לִיבֶּער אלמושאנין . הָאט דאן יאזעף גִיזָאגְט . אַז פִּילֶע חֲכָמִים אוּנ פַּאטְרִיָאטֶען פוּן דִיא שְׁפַּאנְיֶער אוּנ פָּארְטוּגַאלֶער יוּדֶען קוּמֶען אָפְט אַהֶער צוּ אוּנְז וֶועגֶען יוּדִישֶׁע אוּנְטֶערֶעסֶען צוּ בֶּעשְׁפְּרֶעכֶען . נָאר אוֹיף הֵיינְטִיגֶען שַׁבָּת אִיז אֵיינֶער פוּן דָארְט גִיקוּמֶען צוּ מִיר . אוֹיךְ וֶועגֶען אַזַא עִנְיָן . זָאג אִיךְ דִיר אלמושאנין . אַז עֶר אִיז אֵיין אוֹיסנַאהְם פוּן אַלֶע . אַ יוּנגֶער מֶענְטְשׁ מִיט פְּרַאקְטִיקָא מִיט עֶנֶערְגִי אוּנ מִיט מוֹטְה פוּן אֵיין אַלְטֶען אָפִּיטְנֶע מֶענְטְשֶׁען . נָאר זַיין גֶעשְׁפְּרֶעךְ אוּנ זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זַיינֶען עֶפִּים אַזוֹי הוֹיךְ . אַזוֹי שְׁפִּיצִיג אַזוֹי טִיף . אַז אִיךְ קָאן אוֹיף קֵיין פַאל נִיט אַרוֹיס פִיהְרֶען פוּן זֵיי אַ קְלָארֶע מֵיינוּנְג אִיבֶּער זַיין חַארַאקְטֶער . אוּנ אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ אִיהְם בֶּעשְׁטִימְט אַ אוֹדִיעֶנְץ אוֹיף הֵיינְט מִיטַאג . לָכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ לִיבֶּער אלמושאני׳ דוּא זָאלְסְט זִיךְ אוֹיךְ גוּט צוּהֶערֶען צוּ דֶעם יוּנְגֶען מַאן אוּנ צוּ זַאמֶען זָאלֶען מִיר אִיהְם קָאנֶענֶעהְרֶענֶען אוּנ בֶּעשְׁלִיסֶען אוּנְזֶער רִיכְטִיגֶע מֵיינוּנְג אִיבֶּער אִיהְם מִיט זַיין פְּלַאן .

אַזוֹי רֶעדֶענְדִינְג הָאט אַ שְׁוֵוייצַאר גִיעֶפֶענְט דִיא טִיר אוּנ אִין צִימֶער אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אַ הוֹיכֶער שֵׁיינֶער יוּנְגֶער מַאן מִיט 2 פַייֶערְבְּלִיצֶענְדֶע שְׁוַוארְצֶע אוּנ פָאלְטְרָאוֶועריגֶע אוֹיגֶען . אוּנ זֶעהֶער אֵיין עֶדֶעל עֶרְלִיכֶעס גֶעזִיכְט וָואס צֵייגְט אוֹיף דֶער חָכְמָה אוּנ אוֹיפֶען הֶעלְדֶעשִׁין חַארַאקְטֶער פוּן דֶעם יוּנְגֶען מַאן . אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אוֹיף דֶער טִיר הָאט עֶר זִיךְ תְּחִלַּת וִויא אַ חַאפּ גֶעטוּהְן צוּרִיק . נָאר דאן . יאזעף הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דֶער יוּנְגֶער מַאן זְשִׁינִירְט זִיךְ פַארִין גַאסְט . אוּנ הָאט אִיהְם מִיט אַפְרֵיינְדְלִיכֶער מִינֶע אַ זָאג גֶעטוּהְן . ווִילְקָאמֶען לִיבֶּער מֶענְטְשׁ ! נֶעם פְּלַאטְץ מִיט אוּנְז . דָאס אִיז דֶער סַאלַאנִיקֶער חָכָם . אוּנְזֶערֶע אֵיין אַלְטֶער אוּנְפַּארְטְרוֹיטֶער מֶענְטְשׁ דוּא קָאנְסְט גַאנְץ זִיכֶער פַאר אִיהְם שְׁפְּרֶעכֶען מִיט מִיר אִיבֶּער דַיין פְּלַאן ! אוֹיף דִיא רֵייד אִיז דֶער יוּנְגֶער מַאן פֶעסְט צוּגֶעטְרֶעטִין צוּם טִישׁ . הָאט זִיךְ זֶעהֶער הָאפְלִיךְ גֶענֶרִיסְט מִיטֶען ווִירְט אוּנ מִיטֶען גַאסְט . אוּנ הָאט פְּלַאטְץ גֶענוּמֶען אוֹיף דֶער שְׁטוּל . וָואס דאן יאזעף הָאט אִיהְם אָנְגֶעוִויזֶען . נָאךְ אֵיינִיגֶע מִינוּט שְׁוֵוייגֶען הָאט זִיךְ דֶער חָכָם גֶעוֶוענְדֶעט צוּם יוּנְגֶען מַאן מִיט דִיא וֶוערְטֶער .

וָואס מַאכֶען דָארְט אוּנְזֶערֶע בְּרוּדֶער בַּייא אַייךְ אִין אַייעֶר פַּאטֶערְלַאנְד . אִיךְ בִּין

אויך אַ דָארְטִינֶער. אִיךְ בִּין פוּן דָארְט אַוֶועק נָאךְ בִּימֵי הַקֵיסָר פֶערְדִינַאנְד אוּנ הָאבּ נָאךְ עַד הַיּוֹם אֵיינִיגֶע קְרוֹבִים דָארְט. אוּנְזֶערֶע בְּרוּדֶער אִין שְׁפַּאנְיֶען פָּארְטוּגַאלְיֶען הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גִיֶענְפֶערְט גֶעהְט עֶס זֶעהֶער שְׁלֶים. אִיבֶּער הוֹיפְּט זַייט דֶער פַאנַאטִישֶׁער. טִירַאנִישֶׁער קֶענִיג פִילִיפּ דֶער צְווייטֶער אִיז אוֹיפֶען טְרָאהְן אַרוֹיף. הָאט זִיךְ אוּנְטֶער זַיין שׁוּטְץ דִיא אִינְקְווִיזִיצְיָאן נָאךְ מֶעהֶער פַארְשְׁטֶערְקְט אִין לַאנְד. אַזוֹיא אַז אֲפִילוּ דִיא גֶעבּוֹירֶענֶע פְרָאמֶע קְרִיסְטֶען. זַיינֶען צוּא יֶעדֶער מִינוּט אוּנְטֶערְוָוארְפֶען טוֹיזֶענְדְטֶער מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת. וַוייל דִיא אִינְקְווִיזִיטָארֶען. אוּנְטֶער דֶער מַאסְקֶע פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. זוּכֶען אַלֶערְלֵייא בִּלְבּוּלִים אוֹיף דִיא רַייכֶע קְרִיסְטֶען. אַבִּיא זֵייעֶר פֶערְמֶעגֶען אַפּוֹרְשָׁה׳נֶען זִיךְ; יֶעצְט קָאן מֶען שׁוֹין פֶערְשְׁטֶעהֶען וִויא שְׁרֶעקְלִיךְ דִיא יוּדִישֶׁע קְרִיסְטֶען גֶעהְט עֶס דָארְט. אַז ס׳אִיז כִּמְעַט שׁוֹין נִיטָא אֵיינֶער פוּן דִיא רַייכֶע אָנְגֶעזֶעהֶענֶע אֲנוּסִים וָואס זָאל שׁוֹין בִּיז יֶעצְט נִיט זַיין פַארְבְּרֶענְט אָדֶער וָואס זָאל זִיךְ נִיט מַארְטִירֶען אִין אַ אוּנְקְווִיזִיטִישֶׁער הֶעל אוּנ מִיט גֶעבְּרוֹינְטֶע לֵיידֶען עֶרְוַוארְטֶען הֵיינְט. מָארְגֶען דֶעם טוֹיט פָּאן זַיינֶע אוּמְזִיסְטִיגֶע בְּלוּטְזוֹיגֶער. אָ שְׁלֶעכְט מִיט מַיינֶע בְּרוּדֶער. שְׁלֶעכְט בִּיז אִין עֶק.

אָ גְרוֹיסֶער גָאט הָאט דֶער חָכָם אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען. נָא אוּנ וִויא הַאלְטֶען דִיא מַארְטִירְטֶע אֲנוּסִים אִין זֵייעֶר אֱמוּנָה? דִיא מַארְטִירְטֶע זַיינֶען אַלֶע מִיט מִיר אִין אֵיין עֵצָה הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גִיֶענְטְפֶערְט. זֵייא הַאלְטֶען זִיךְ פֶעסְט אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען גְלוֹיבֶּען. אוּנ הָאפֶען צוּ גָאט. אַז פִהִילִיפּ זָאל אִין גִיכֶען אַ מַפָּלָה הָאבֶּען.

אַךְ וִויא זִיס דִיא הָאפְנוּנְג אִיז. הָאט זִיךְ דֶער הֶערְצָאג אָנְגֶערִיפֶען. אַלְוַאי מִיר זָאלֶען שׁוֹין דֶער לֶעבֶּען דָאס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען צוּ זֶעהֶען. נָאר נִיט אַזוֹי גִיךְ וֶועט דָאס קוּמֶען. פִהִילִיפּ אִיז יֶעצְט דֶער אֵיינְצִיג מֶעכְטִיגֶער אוּנְטֶער אַלֶע אֵייראָפֵּייעֶשֶׁע קֶענִיגֶען אִי מִיט מֶענְטְשֶׁען אִי מִיט גֶעלְט אוּנ אֲפִילוּ אִין אַמֶערִיקָא אִיז עֶר אוֹיךְ שְׁטַארְקֶער פוּן אַלֶע נָא וֶוער קָאן זִיךְ פְרוּצִים שְׁטֶעלֶען גֶעגֶען אַזַא לֵייבּ?

דָאס אֵיינְצִיגֶע קֶענִיגְרַייךְ. נִידֶערְלַאנְד. הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעזָאגְט פוּן דָארְט הָאף אִיךְ זַיין מַפָּלָה.

נָא זָאגְט דֶער הֶערְצָאג. דִיא צַייט וֶועט שׁוֹין וֵוייזֶען אִיהְרֶעס. נָאר זָאג מִיר. לִיבֶּער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ. צוּ וָואס בְּרוֹיכֶען עֶס גָאר אוּנְזֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בְּרוּדֶער דִיא ווייטֶע הָאפְנוּנְג. וָואס גֶעהְט זֵייא גָאר אָן דִיא מַפָּלָה פוּן פִהִילִיפֶּ׳ן אוּנ דִיא הַצְלָחָה פוּן נִידֶערְלַאנְד? נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג. קָאם וִוילֶען זֵייא נָאר פַארְלָאזֶען זֵייעֶר טִירַאנֶעשׁ פַאטֶער לַאנְד. בְּרוֹיכֶען זֵייא נָאר זִיךְ צוּ זֶעהֶען מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוֹיס צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דָארְט. אוּנ דַאן אִיז דִיא לִיבֶּע טִירְקִישֶׁע רֶעגִירוּנְג גַאנְץ אָפֶען פַאר זֵייא.

עֶרְלוֹיבֶּען זִיא הֶערְצָאג. זָאגְט דֶער יוּנְגֶער מַאן דִיא עֶדְלֶע יוּדֶען אִין שְׁפַּאנְיֶען פָּארְטוּגַאלְיֶען קָאנֶען נִיט פַארְגֶעכֶען דָאס זִידִיגֶע פַארְגֶעסֶינֶע בְּלוּט פוּן זֵייעֶרֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע גֶעבְּרֶענְטֶע גֶעהָאנְגֶענֶע אוּנ גֶעשְׁטָאכֶענֶע פַאטֶער בְּרוּדֶער אוּנ קְרוֹבִים. זֵייא קָאנֶען אַנְטְלוֹיפֶען נָאר נִיט דָאס אִיז זֵייעֶר צִוֶועק. נְקָמָה וִוילֶען מִיר אִין אוּנְזֶער טִירַאנִישֶׁע בְּלוּטְצַאפֶער. נְקָמָה מִיט זִיךְ אַלֵיין. מִיר אַלֵיין מוּזֶען הֶעלְפֶען צוּ זֵייעֶר מַפָּלָה.

דאָן יאזעף הָאט אַוִוינְק גֶעטוּהְן אוֹיפֶען חָכָם. עֶר זָאל זִיךְ גוּט אַנְהֶערֶען אֵינֶעם יוּנְגֶענְמַאנְס רֵייד. אוּנ אַלֵיין הָאט עֶר אַ פְרֶעג גֶעטוּהְן דֶעם יוּנְגֶען מַאן. זָאג וְשֶׁע מַיין לִיבֶּער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ מִיט וָואס קָאנְט אִיהְר דָאס בֶּעהוֹיפְּטֶען.

דִיא פְרַאגֶע אִיז טַאקֶע דִיא הוֹיפְּט. הָאט עֶר גִיֶענְטְפֶערְט אוּנ וֶועגֶען דֶער פְרַאגֶע בִּין אִיךְ אַלְס פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן מַיין פַּארְטֵייע גֶעקוּמֶען זִיךְ מִיט אַייעֶר מַאיְסְטֶעט אֵיין עֵצָה הַאלְטֶען. אִיהְר וֵוייסְט דָאךְ אַז דִיא מוּסוּלְמַאנֶער אִין שְׁפַּאנְיֶען לֵיידֶען אוֹיךְ פוּן

 דער

דֶער אִינְקְוִויזִיצְיָאן גְלַייךְ מִיט אוּנְז . אַלְזָא וֶועמֶען נָאךְ פַּאסְט אַזוֹי זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר זֵייא . וִויא דֶעם גְרוֹיסֶען סוּלְטַאן סֶעלִים . אוּנ קָאם וֶועט דֶער סוּלְטַאן עֶרְקְלֶעהְרֶען קְרִיג פִּהִילִיפֶּ'ן . דַאן וֶועט אִיהְם שׁוֹין דֶער קָאפּ נִיט זַיין בַּייא נִידֶערְלַאנְד . אוּנ דֶעמָאלְט וֶועט אִיהְם נִידֶערְלַאנְד גֶעוִויס דֶעם עֶק דֶערְגֶעהְן .

נוּא אוּנ מִיט וֶועלְכֶען קָאנְט אִיהְר דָא בֶּעהִילְפִיג זַיין דֶער נִידֶערְלַאנְדִישֶׁער רֶעגִירוּנְג פוּן אַייעֶר זַייט .

מִיט לֶעבֶּען אוּנ גֶעלְט . הָאט דֶער יוּנְגֶערְמַאן גִיעֶנְטְפֶערְט . דִיא טוֹיט שְׁרֶעקֶען פוּן דֶער אִינְקְוִויזִיצְיָאן הָאט מִיךְ שׁוֹין גֶענִיג אוֹיס גִילֶעהְרֶענְט אַ בַּעלָן צוּ זַיין אוֹיף מְסִירוּת הַנֶּפֶשׁ . דֶער צוּא הָאט מִיךְ דִיא נַאטוּר בֶּעשֶׁענְקְט מִיט אַ הִיבְּשֶׁען דִיפְּלַאמַאטִישֶׁען גַייסְט אוּנ גֶעלְט הָאבִּין מִיר אוֹיךְ כְּחוֹל הַיָם . יָא מִיט אַלֶעס אוּנ מִיט זִיךְ אָפְּפֶערֶען מִיר פַאר דֶער זִיסֶער הֵיילִיגֶער נְקָמָה אוּנ דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט וֶועט אוּנְז גֶעוִויס אִין אוּנְזֶערֶע נוֹיטֶען שְׁטֶעהֶען .

נָא אוּנ דִיא נִידֶערְלַאנְדֶען הָאבֶּען דֶען נִיט פַיינְד אַ יוּדֶען . וִויא אַ קַאטָאלִיק דַארְף צוּ זַיין ? נָא וֶועלֶען זֵייא אַייךְ דֶען צוּ רוּהה לָאזֶען אִין זֵייעֶר לַאנְד ?

אִיךְ וֵויים דָאס . הֶערְצָאג נָאר אִיךְ מֵיין . אַז מִיר וֶועלֶען זִיךְ מַקְרִיב זַיין מִיט לַייבּ אוּנ לֶעבֶּען פַאר זֵייעֶר פְרַייהֵייט . וֶועלֶען זֵיי גֶעוִויס נִיט פַארְגֶעסֶען אוּנְז דִיא טוֹבָה אֵייבִּיג . דֶער אַרַאנִיֶער פְּרִינְץ . וָואס אִיז יֶעצְט דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִיא נִידֶערְלַאנְדִישֶׁע רֶעוָואלִיצְיָאנֶען . אִיז אַ הֶעכְסְט גֶעבִּילְדֶעטֶער מַאן . אוּנ ווייכְט נִיט קֵיין אוּנְטֶערְשֵׁייד אִין גְלוֹיבֶּען אוּנ רֶעלִיגְיָאן . אוּנ אִיהְם וֶועט דָאס נָאךְ פְרֵייעֶן . אַז יוּדֶעשׁ רַייכְטְהוּם פֶעיִגְקֵייט אוּנ הַאנְדֶעלְס גֵייסְט וֶועט בֶּעלֶעבֶּען זַיין לַאנְד . אוּנ דָאס פָאלְק אַלֵיין . וִויא פַאנַאטִישׁ זֵייא זֶענֶען דָאךְ אַז זֵייא וֶועלֶען זִיךְ בֶּעפְרַייעֶן פוּנֶעם טִירַאנִישֶׁען פִּהִילִיפֶּ'ן מִיט זַיינֶע אִינְקְוִויזִיטָארֶען . וֶועלֶען זֵייא אוֹיךְ גָאר אֵיין אַנְדֶער מֵיינוּנְג בֶּעקוּמֶען אִיבֶּער אַזַא רַייךְ לֶעבֶּעדִיג פָאלְק וִויא יוּדֶען .

דוּא הָאסְט פָארְטְרֶעפְלִיכֶע יְדֶעעֶן . הָאט דאן יאזעף גֶעזָאגְט . גָאר דָאס אִיז אַלְץ נְבִיאוֹת אוֹיף אַמָאהְל . אוּנ דֶער אַמָאל אִיז נָאךְ גַאנְץ וַוייט . פָאלְג מִיךְ לִיבֶּער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ . אוּנ לָאז אָפּ דִיא וֵוייטֶע הָאפְנוּנְג . פַאר גֶעסְט אִין נְקָמָה אוּנ קוּמְט אַלֶע אַהֶער קֵיין סְטַאמְבּוּל וְואוּנֶען וֶועט אִיהְר גֶעוִויס בֶּעסֶער מַאכֶען וִויא מִיט אַייעֶר פַאנְטַאזְיֶע .

פֶערְצֵייעֶן זִיא מִיר הֶערְצָאג . אִיךְ בִּין גַאנְץ וַוייט פוּן אַייעֶר מֵיינוּנְג . אִיךְ אַלֵיין בִּין שׁוֹין פֶערְאוּרְטְהֵיילְט גֶעוֶועהְן פוּן דֶער אִינְקְוִויזִיצְיָאן צוּם פַאר בְּרֶענֶען . נָאר אַ טָאג דֶער פָאר בִּין אִיךְ דוּרְךְ אַ פְרוּיא גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען אוּנ בִּין אַנְטְלָאפֶען פוּן שְׁפַּאנְיֶען אוּנ צוּא דֶער מִינוּט הָאבּ אִיךְ מִיר אַ שְׁבוּעָה גֶעגֶעבֶּען . אִיךְ זָאל מַיין גֶעשֶׁענְקְט לֶעבֶּען אָפְּפֶערִין פַאר דֶער נְקָמָה אִין דִיא יוּדִישֶׁע מֶענְטְשֶׁען פְרֶעסֶער . דִיא שְׁבוּעָה בְּרַייבְּט מִיר תָּמִיד הֵיילִיג . עֶס מַאכְט מִיר נִיט אוֹיס וָואס דֶער פְּלַאן אִיז וַוייט . אִיךְ אָפְּפֶער מִיךְ פַאר אַ פָאלְק . אוּנ אִין דֶער הִיסְטָארְיֶע פוּן אַ פָאלְק אִיז אַ יָאהְר הוּנְדֶערְט נָאר אֵיין טָאג . אֵיין מִינוּט פַאר מַיין טוֹיט לָאז אִיךְ זֶעהֶען נַאֲשַׁיין פִיר מַיין אוּנְגְלִיקְלִיךְ פָאלְק מֶעהְר דַארְף אִיךְ נִיט נְקָמָה ווִיל אִיךְ נְקָמָה ווִילֶען מִיר אַלְלֶען . דֶער הֶערְצָאג הָאט זִיךְ פוּן זַיין שְׁטוּל אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען מִיט דִיא וֶוערְטֶער . יֶעצְט מַיין לִיבֶּער טִירַאדַא (אַזוֹי הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעהֵייסֶען : יַאקָאוו טִירַאדַא) פֶערְשְׁטֶעהֶען מִיר דִיךְ . צוּם ווִידֶער זֶעהֶען , בַּיים מִיטַאג וֶועלֶען מִיר ווִידֶער בֶּעשְׁפְּרֶעכֶען דַיין פְּלַאן . צוּם ווִידֶער זֶעהֶען . טִירַאדַא אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען . אוּנ דאן יאזעף הָאט זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּם חָכָם מִיט דִיא וֶוערְטֶער . נָא מַיין טַייעֶרֶער אַלְמוּשַׁאנִין . וִויא אַזוֹי אִיז דַיין מֵיינוּנְג אִיבֶּער דֶעם יוּנְגֶען מַאן .

דאס איז ניט קיין געוועהנליכער מענטש האט דער חכם געזאגט. אין אזעלכע הויכע נאטורען גייטיגט זיך דאס פאלק.

איך מיין : זיך אזוי; האט דער הערצאג צו געשטימט. קאס שטרעבט ער צוא הויך אונ גרויס. איז ער מן הכתם געשאפען צו הויך אונ גרויס. יא איך וועל איבער לייגען זיין פלאן אונ וועל איהם מיט העלפען מיט אלעם מיגליכעם.

זונטאג אין דער פריא איז טיראדא געזעסען ביים הערצאג אין זיין קאבינעט. אונ וויא דער הערצאג האט זיין ברייעף גיענדיגט האט ער זיך צוא איהם געווענדעט מיט דיא ווערטער. ווייסטו טיראדא אז דער הערצאג פון אלבו איז יעצט פון פיהליפען געזעצט פאר פרעזידענט אין נידערלאנד? קאנסטו דעם מערדער. דעם טיראן וואס מענטשען בלוט איז ביי איהם דאס בעסטע שפיעלכען. איך קאן איהם צו פיל, הערצאג אונ דאס גיט מיר נאך מעהר האפנונג אויף אוים צו פיהרען מיין פלאן. וייל ערגערס פון איהם קאן שוין דאס נידערלאנדישע פאלק ניט ערווארטען. אונ דאס וועט זייא שוין גאר ברענגען אין דער לעצטער שטופע פערצווייפלונג. אונ ביא אזא מאמענט אז זייא וועלען הערהערען וועגען א קריג ערקלעהרונג פינם סולטאן אויף פיהליפען וועלען זיי זיך אלע מיט מסירות נפש ווארפען אויף פיליפס גארניזאן אונ וועלען פון שקלאפען ווערען זיין ערשטע פיינדליכע ארמיע.

אלזא ליבער טיראדא האט דאן יאזעף הנשיא געזאגט אויפשטייענדיג פון זיין שטוהל נעם זשע דיא בריף פון מיר צום אראניער פרינץ. נאר ווייס יאקאב אז דער וועג פון דאנען קיין נידערלאנד איז פארפלייצט מיט שפאנישע שפיאנען און אויף איין האר ווערט פערלוירען דאס גאנצע יודישע האפנונג מיט דיין לעבען צוא זאמען.

פערלאזט זיך הערצאג אויף מיר אונ אויף אונזער ליבען גאט אין הימעל. האט טיראדא געזאגט אונ מיט דיא ווערטער האט ער אפשייד גענומען אונ איז אוועק פון סטאמבול.

---

. 2

# אין מידעלבורג

אין דער שטאט מידעלבורג. וואס אין דעם נידערלאנדישען פראווינץ זעלאנד. דארט אין איינעם פון דיא שענסטע האטעלען. אין א רייך בעלייכטעט צימער. איז געזעסען אנגעשפארט ביים טיש א יונגער מאן פון א יאהר דרייסיג געקליידעט אין א איינצוג פון קאמער דינער. נאר דאס פנים ווייזט כלל ניט אוים פון א קאמער דינער. ער זיצט פערטיפט אונ רעדט צו זיך אליין. געוואלד וואס האב איך געטוהן. וויא פאר שטעלט זיך אליין א מענטש זיין וועג צו זיין האפנונג אונ גיט נאך אליין איין אנדערען א מיגליכקייט. יענער זאל ערהייכען זיין צוועק. א מרים א מיין טרייע זעלע מיין שטאלצע ליבע. וויא זאל איך מיך אויף אייביג ענטזאגען פון דיר. אונ נאך מיט העלפען איין אנדערען צו ערהייכען נאר. גענוג גערעדט דער פון. דיא ידיעה פארן כלל שטעהט העכער פון אלעם. דאס האב איך איין מאהל בעשלאסען אונ אזוי מוז בלייבען. וויא ער איז אזוי געזעסען פארטיפט. האבען דיא שווייצארען אויף געפראלט דיא טירען אונ א עהרליך שייגער מאן אין א שפאניש אריסטאקראטישען

אײנצוג איז אַרײן אין צימער. דער פאַר טראַכטער יונגער מאַן. האָט זיך פון זײן שטול אויף געהאַפּט און מיט גרױס רעספּעקט אַ פערבײגונג געמאַכט פאַר זײן פּאַטראָן. דער פּאַטראָן. דער זעהענדיג דעם יונגען מאַן. האָט מיט ערשטוינטקײט אױס געשריגען. יאַ, זאָב בּיסט דאָ. שוין אײניגע שטונדען. אַז איך ערוואַרטע אײך מײן הער דאָן סאַמאָיל.

דאָן סאַמאָיל פּאַלאַחי איז אײגענטליך אײן גאַנץ קלוגער מאַן געװעהן; נאָר שטענדיג איז ער בעשעפטיגט געװעהן מיט זײן שײנער און הויכער אַסאַבּע און האָט זעהער געװאָלט ער זאָל יעדען געפעלען און דאָס האָט איהם געמאַכט פויל. ליב האָבּין לוקסוס און רוהה און קײן װיכטיגע זאַך ניט טוהן פאַרן כּלל; אַ שװײצער האָט געגרײט צו טיש און דער לאַנגט אַבּענדסמאהל מיט דיא טײערסטע װײנען. דאָן סאַמאָיל האָט זיך געזעצט עסען און יאַקאָװ האָט איהם בעדינט.

נאָ זאָגט דאָן סאַמאָיל פּאַלאַחי צו יאַקאָװען. נאָט זײא דאַנק װאָס בּיסט בּשלום געקומען. זײט מיר האָבּען זיך געשײדען אין אַמסטערדאַם איז דאָך שוין טאַקע אַ היבּשע צײט און דוא האָסט זיך מיט קײן זאַך ניט געלאָזט הערען. איך האָב שוין געמײנט װער װײסט װאָס מיט דיר איז פאָרגעקומען אין אַזאַ בּיטערער אונרוהיגער צײט.

איך האָב אײך ניט געקאָנט צו װיסען גיבּען פון מיר כּדי מיר זאָלען חלילה בּײדע אין אומגליק ניט אַרײן פאַלען. נאָר איך פון אײך האָב שטענדיג בּעריכטע געהאַט. װאָרען װיא נאָר דער נאָמען דאָן סאַמאָיל פּאַלאַחי. עס׳ט שוין דיא גאַנצע געגענד; טיראַדאַ האָט דיא װערטער געזאָגט אַלעס אַ פאָרװירף זײן הערען. דאַרויף װאָס אין אַזאַ טײנע פּלאַן פאַר טובת הכּלל. האַלט ער זיך אימעדים אַזױ עפּענטליך און שטאַרק. נאָר דאָן סאַמאָילען זײנען דיא עטליכע קריטישע װערטער פאַר געקומען אַלס קאָמפּלימענט און עס האָט איהם גאָר מחיה געװעהן.

אַלזאָ זאָגט ער צו טיראַדען. װיא איז דיר דײן רײזע געגאַנגען און װאָס פאַר גוטע נײעסען האָסטו מיר געבּראַכט?

איך בּין אױס געװעהן אימעדים. איך בּין געװעהן אין בּריוכעל. אַנטװערפּען, רוטמיך. מעכלען. צופּטען און אַרנהײם. און האָב זיך איבּער צײגט אַז דאָס לאַנד איז יעצט פאַר יודען קײן אָרט ניט. אמת טאַקע דער הערצאָג פון אַלבּו האָט אין זײא מיט זײנע טיראַנישע טאַהטען ערװעקט אַ גײסט פון נקמה. נאָר דער געגען האָט ער זײא אָבּער אין אַזאַ פּחד געבּראַכט. אַז זײא קאָנען זיך גאָר לחלוטין ניט ריהרען און בּיז אַלבּו מיט זײן אינקװיזיציאָן װעט דאָ עקסיסטירען. האָבּין אונזערע אנוסים קײן האָפנונג ניט אױף דעם לאַנד. זעהט איהר מײן גינעדיגער הער. דאָ אין דיא פּראָװינצען. אין זעלאַנד אין האָללאַנד קאָן אפשר יאָ זײן עפּיס אַ שטיקעל האָפנונג פאַר אונז. װײל אַהער איז נאָך אַלבּו דער מערדער ניט אַזױ שטרענג. און צו דעם צװעק האָב איך יעצט מיט זיך געבּראַכט אַ בּריף פינם אָראַניער פּרינץ. צום היגען בּורגעמײסטער און דעפּוטאַטען. רעדענדיג האָט טיראַדאַ אַרױס גענומען אַ פערזיגעלטע בּריף פון זײן טאַש; און האָט זיא איבּער גיגעבּען זײן הערען. דאן סאמאיל איז מלא שמחה געװאָרען רעזענדיג דעם אַדרעס און זאָגט אַזױ צו טיראַדען. אָ יעצט זײנען מיר איבּערגליקליך. יעצט װעלען שוין אַללע דעפּוטאַטען געװיס אײנװיליגען דיא יודען בּײא זיך אין מידדעלבּורג.

נאָר איך באַטה אײך. מײן הער. איהר זאָלט דיא בּריף גאַנץ שטיל בּסוד סודות איבּער געבּען דעם בּורגעמיסטער. אום עס זאָל זיך ניט װאַרפען אין דיא אויגען. אַז דיא היגע בּירגער האָבּען עטװאָס פערעלטניסע מיטען אָראַניער פּרינץ. דאן סאמאיל

הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען רֶעכְט אוּנ הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט זַיין מֵיינוּנְג אִיבֶּערְן פְּרִינְץ. יַאקָאוו הָאט אִיהְם פָאר גֶעשְׁטֶעלְט פַארִין גְרֶעסְטֶען אִידֶעאַל חָכָם עֶדֶעלְמַאן אוּנְזֶשֶׁענְיֶע אִין דֶער וֶועלְט. אַז עֶר אִיז אוֹיס גֶעהִילְט פוּן אַלֶע פַאנַאטִיזְמוּס אוּנ אַבֶּער גְלוֹיבֶּען. בַּיי אִיהְם זַיינֶען אַלֶע מֶענְטְשֶׁען גְלַייכֶע בִּירְגֶער אַבִּיא אָרֶענְטְלִיךְ. אוּנ זַיין מַאטְיֶעזְשׁ יֶעצְט גֶעגֶען שְׁפַּאנִישֶׁער רֶעגִירוּנְג פִּיהְרְט עֶר נָאר פוּן דֶעם צְוֶועק וֶועגֶען. אַז קָאם וֶועט עֶר דָאס לַאנְד בֶּעפְרַייעֶן פוּן פְּהִילִיפֶּען מִיט דֶער אִינְקְווִיזִיצְיָאן. זָאל עֶר פוּן זַיין לַאנְד אַ גַן עֵדֶן מַאכֶען אוּנְטֶער אֵיין מֶענְשֶׁענְלִיבְּלִיךְ גֶעזֶעטְץ פִיר אַלֶערְלֵיי נַאצְיֶעס אִין דֶער וֶועלְט. דָאן סַאמָאִילֶן זַיינֶען גָאר דִיא הוֹיכֶע וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אִין לִינְקֶען אוֹיעֶר נִיט גֶענַאנְגֶען. אוּנ מִיט אוּנְגֶעדוּלְד הָאט עֶר אַ פְרֶעג גֶעטוּהְן טִירַאדֶען. וִויא אַזוֹי זֶשֶׁע יַאקָאוו. הָאסְטוּ זִיךְ צוּ גֶעשְׁלָאגֶען צוּם פְּרִינְץ טִירַאדַא הָאט מִיט אוּנ צוּפְרִידֶענְהֵייט גִיעֶנְטְפֶערְט. אִיהְר מוּזְט גֶעדֶענְקֶען דֶעם תְּנַאי צְוִוישֶׁען אוּנְז. נָאךְ בַּיים אַרוֹיס פָאהְרֶען פוּן לִיסַאבָּאן. אַז נָאר בִּיז אַ גֶעוִויסֶער גְרֶענֶעץ. הֵייסְט אִיהְר מִיר הֶערְ. אוּנ אִיךְ אַייךְ קַאמֶער דִינֶער. אוּנ אִיהְר טְרֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם תְּנַאי. בַּייא אַזַא וִויכְטִיגֶען עִנְיָן פְּרֶעגְט אִיהְר מִיךְ אִיבֶּער. מִיט אַ טָאהְן פוּן אֵייבֶּער הַאר. וֶועגֶען אַזֶעלְכֶע זֵייטִיגֶע קְלֵיינִיגְקֵייטֶען. אִיהְר דַאנְקְט בֶּעסֶער גָאט פַאר דֶער בְּרִיף. אוּנ גִיט מִיר אִיבֶּער אַלֶעס וָואס אִיהְר דָא אוֹיסְפֵּייעֶט. פִילֵייכְט וֶועל אִיךְ אַייךְ קָאנֶען מִיט עֶטְוָואס נוּטְצְלִיךְ זַיין צוּם טוֹבַת הַכְּלַל.

דָאן סַאמָאִיל הָאט זִיךְ אֲפִילוּ אִין דֶער תְּחִלָּה אַבִּיסֶער גֶעפוּנֶען בֶּעלֵיידִיגְט נָאר בַּאלְד הָאט עֶר זִיךְ בַּארֶעכֶענְט. אַז יַאקָאוו אִיז דָאךְ זַיין רֶעכְטֶע הַאנְד. הָאט עֶר אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעטוּהְן אוּנ הָאט אִיהְם עֶרֶענְסְט גֶעזָאגְט. דוּא וֵוייסְט דָאךְ נִיט מֶעהְר פוּן מַיין רֵייזֶע נָאר דָאס. אַז אַלֶעס קָאנְסוּל אִין פָּארְטוּגַאל שְׁפַּאנִיֶען פוּן מַיין מַאיְסְטֶעט. דֶעם מַארָאקִישֶׁען סוּלְטַאן. הָאבּ אִיךְ בֶּעקוּמֶען אִין לִיסַאבָּאן אַ פָארְשְׁרִיפְט פוּנֶעם סוּלְטַאן אִיךְ זָאל אַרוּמְרֵייזֶען דִיא נָארְדְאַיירָאפֵּייעֶשֶׁע לֶענְדֶער אוּנ אִיהְם צוּ שִׁיקֶען אוֹיס לֵייז גֶעלְט פַאר דִיא אֵיירָאפִּישֶׁע קְרִיכְטֶען. וָואס עֶר הָאט אִין פְרֶעמְדֶען גֶענוּמֶען בְּעֵת זַיין מִלְחָמָה מִיט דִיא לֶענְדֶער. אוּנ דוּא וֵוייסְט נָאר דָאס אַז דִיא בֶּערִיהְמְטֶע פְרוֹיא. דָאנַנַא מַאִיר רָאדְרִיגֶעס. הָאט מִיר דִיךְ רֶעקָאמֶענְדִירְט בְּעֵת מַיין אַפְרֵייזֶען פוּן לִיסַאבָּאן. אַלְס בְּרַאוֶוער. פֵּיעֶגֶער אוּנ שְׁפְּרַאכֶקֶענֶער יוּנְגֶער מַאן. פַאר אַ קַאמֶער דִינֶער. מֶעהְר וֵוייסְטוּ דָאךְ נִיט. וֶועל אִיךְ דִיר יֶעצְט עֶנְטְדֶעקֶען מַיין הֶערְץ. וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֶעהְן פַאר וָואס מַיין פְרֵייד אִיז אַזוֹי גְרוֹיס. אַז אִיךְ וִויל אַזְשׁ וִויסֶען פוּן אַלֶע קְלֵיינִיגְקֵייטֶען בִּפְרַט? מוּזְט וִויסֶען יַאקָאוו אַז דִיא דָאנַנַא מַאִיר מִיט אִיהְר מַאן. דָאן גַאסְפַּאר לוֹפִּיץ הַאמָאן. הָאבֶּען מִיךְ בַּייא מַיין אַפְרֵייזֶען גִיבֶּעטֶען. אַז אוֹיף מַיין רֵייזֶע זָאל אִיךְ אָפּ זוּכֶען עֶרְגֶעץ אַ רוּהִיג אָרְט אִין נָארְדְאַיירָאפָּא פוּן זֵייעֶרְט וֶועגֶען. זֵייא זָאלֶען קָאנֶען עֶפֶענְטְלִיךְ וֶוערֶען צוּרִיק יוּדֶען אוּנ פְרַייא דִינֶען דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט. אוּנ דֶער פַאר וֶועלֶען זֵייא מִיר גִיבֶּען זֵייעֶר בֶּערִיהְמְט שֵׁיינֶע טָאכְטֶער. מִרְיָם נוּנֶעס. פַאר אַ פְרוֹיא. דֶער צוּא הָאבֶּען זֵייא מִיר נָאךְ גֶעגִיבֶּען דָאס וָוארְט. אַז אִין דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג וֶוען זֵיי וֶועלֶען קָאנֶען פְרַיי עֶפֶענְטְלִיכֶע יוּדֶען וֶוערֶען דֶעמָאלְט. אִין דֶעם טָאג וֶועט מַיין חֲתוּנָה מִיט דֶער שֵׁיינֶער מִרְיָמֶ'ן זַיין.

טִירַאדַא הָאט פוּן דֶעם אַלֶעמֶען יָא גֶעוִויסְט. נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט נִיט וִויסֶענְדִיג. אוּנ בְּעֵת דָאס גַאנְצֶע גֶעשְׁפְּרֶעךְ הָאט אִיהְם זַיין הַארְץ גֶעבְּלוּטֶעט. זַיינֶע אוֹיגֶען הָאט עֶס פֶערְפִינְצְטֶערְט אוּנ אַלֶע זַיינֶע גְלִידֶער הָאבֶּען. וִויא אִין אַ קָאנְוָואלְסִיֶע גֶעפְלַאטֶערְט. נָאר דֶער עֶגָאִיסְטִישֶׁער דָאן סאמאיל הָאט דָאס אַלֶעס פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה גָאר נִיט בֶּעמֶערְקְט. אוּנ הָאט וֵוייטֶער גֶערֶעדְט. יֶעצְט יאקאוו פַארְשְׁטֶעה מַיין אִיבֶּער

גליקליכע פרייד ! מאהל דיר אז איך בין פון אמסטערדאם געקומען אהער , קיין מידדעלבורג . לויט טאקע וויא דוא האסט מיך ביים צו שיידען זיך אין אמסטערדאם געראטהען . האב איך באלד א רעדגעטוהן מיטען בורגעמיסטער וועגען דיא שפאניש פארטוגאלישע יודען בכלל . נאר וויא איך האב א קוק געטוהן אז דאס איז איין אונמיגליכקייט . האב איך זיך טאקע באלד בארעכענט . איך זאל נאר בעטען פיר דיא צוויא פאמיליען . לופיץ האמאן אונ פאלאחי . באלד האב איך פאר דיא דעפוטירטע פאר געשטעלט דאס אונגעהארע רייכטהום מיטן אוים געשפרייטען וועלט האנדעל פון דיא צוויא פאמיליען . אונ דער צוא האב איך נאך פאר געלייגט צו שענקען באלד 30000 רענדליך אויף דער שטאדט . אונ אלע יאהר צו 1000 רענדליך . אונ דיא בירגער האבען מיין פארשלאג שוין כמעט וויא העכער האלב אנגענומען . אונ עס איז נאר געבליבען . אז איבער מארגען זאל מען מאכען א געגעראל זיטצונג פון אלע אריסטאקראטישע בירגער אונ מען זאל בעשליסען דיא זאך . יעצט יאקאוו אז איך האב נאך דאס גליק . א בריף פונם פרינץ אליין צו דער שטאדט צו בעקומען . קאנסטו פאר שטעהען . וויא ווייט גליקליך איך בין אז איך ווייס כמעט יעצט פון קיין צרה פון קיין קרעכץ פון אימיצען אין דער גאנצער וועלט . אזוי רעדענדיג איז דאן כאמאיל אויף געשטאנען פון זיין שטול . האט זיך געזעגנט מיט טיראדאן אונ געגאנגען אין זיין שלאפצימער . טיראדא האט אויך פארלאשען דיא ליכט אונ איז אוועק געגאנגען .

אויף מארגען האט דאן כאמאיל בסוד איבער געגעבען דעם בורגעמיסטער דעם פרינצ'ס בריף . אונ איז זעהער פרייליך געוועהן מיטען בורגאמיסטערס פאר זיכערען איהם . נאר טיראדא האט דער וויל . אין דעם טאג אוים געשפירט אלע ווינקעלעך אין מידדעלבורג אונ האט זיך ענדליך פעסט ערקונדיגט . אז הגם דיא אריסטאקראטיא איז צופריעדען מיט פאלאחי'ס פארשלאג . אונ עס איז שוין טאקע אפ געבעט ארום אונ ארום . אז מארגען אויף דער געגעראל זיטצונג זאלען אלע געבען זייערע שטיממען אויף יא . נאר דאס פאלק הייבט ניט אן וועלען קיין נאמען פון א יודען ביי זיך אין לאנד . דאס פאלק האט קיין יודען קיין מאהל אין דיא אויגען ניט געזעהען . אונ נאר פונם אנהערען זיך וועגען דיא געברוינטע ליידען . מיתות משונות אונ ארוים טרייבען וואס דיא יודען טראגען איבער אין שפאניען פארטוגאליען ; פאר זייערע נארן פאלקס מיינונג זינד שטעלען זייא זיך פאר א יודען אלס א שרעק בילד אונ ווילען איהם נאר זעהען . וויא א בער אויף דער קייט .

טיראדאס איבער צייגונג איז טאקע ווירקליך אמת געבליבען , אויף מארגען האט טאקע דער פארלאמענט אנגענומען פאלאחים פארשלאג . נאר דאס גאנצע פאלק מיט דעם פאסטאר בראש זיינען אנגעפאלען אויף דער אריסטאקראטיא אונ האבען זייא שיעור צו ריסען וויא אטיגער דאס שייקצע ביז ענדליך דיא גאנצע אריסטאקראטיע מיטען בורגאמיסטער האבען געמוזט נאכגעבען דעם פאלק אין קורצע אריין דארט האט דאס פאלק אנגעמאכט א ליארעם . אז דיא גאנצע שטאדט איז געגאנגען חאדארם . דיא פאסטערס האבען געפרעדיגט . דיא גלעקער האבען געקלינגען דאס פאלק האט געשריגען ביז דיא אריסטאקראטיע האט געמוזט תשובה טוהן אויף איהר גרויסען פערברעך אונ זיך שלאגען חטאתי . אונ פאלאחים האפנונג איז אזוי פאר שטערט געווארען אויף אייביג .

צו דיא אלע אומשטענדען איז נאך פלוצים אנגעקומען א עקסטרע צירקוליאר פונעם הערצאג אלבא . אין אלע שטעדט פון דיא פראווינצען האללאנד אונ זעעלאנד . אז אזוי וויא ער איז געוואהר געווארען . אז יודען זיינען אהין געקומען מיט דעם זינען

צוּ בֶּעזָעטְצֶען זִיךְ דָארְט. רָבֵן בֶּעפֶעהְלְט עֶר אַז יֶעדֶער שְׁטַאדְטִישֶׁע פָּאלִיצֵיי זָאל אוֹיגֶען בְּלִיק אַרֶעסְטִירֶען אַלֶע יוּדֶען. וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אִיהְר. זוּנ מֶען זָאל זֵייא אִין גִיכֶען אִיבֶּער גֶעבֶּען אִין זַיין הַאנְד.

דִיא וִויסְטֶע בְּשׂוֹרָה הָאט שׁוֹין פאלאחין גָאר צוּם אִיבֶּרִיגֶען דֶער שְׁלָאגֶען. אוּנ אִין אֵיין אוֹיף דֶער נַאכְט זֶעהֶען מִיר ווִידֶער פאלאחין מִיט טיראדאן זִיטְצֶען אִין דֶעם זֶעלְבֶּען צִימֶער אִין הָאטֶעל. נָאר שׁוֹין גָאר נִיט בַּיי דֶעם לוּקְסוּס וִויא יֶענֶעם אוֹיפְּדֶערְנַאכְט אוּנ דִיא רָאלֶעס פוּן דִיא צְוֵייא יוּנְגֶע לַייט הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ גָאר אִיבֶּער גֶעבִּיטֶען. פאלאחי זִיצְט שׁוֹין יֶעצְט אוּמֶענְדִיג אוּנ דֶער שְׁלָאגִין אוּנ טיראדא פַארֶעקֶערְט אִיז פָּאלְל מוּטְה אוּנ מִילְדֶעקַייט. דֶעם פוֹילֶען עֶגָאִיסְטִישֶׁען טְרוּם פאלאחין הָאט זִיךְ אוּיס גֶעוִויזֶען אַז אַלֶעס אִיז שׁוֹין פַארְלוֹירֶען. אַלֶעס פֶערְשְׁפִּילְט. נָאר אוּנְזֶער עֶנֶערְגִישֶׁער הֶעלְדִישֶׁער הֵייסֶער פַּאטְרִיָאט. טיראדא הָאט נָאךְ גָאר בַּיי דִיא אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶע קֵיין פִּיצֶעל הָאפְנוּנְג נִיט פֶערְלוֹירֶען. עֶר הָאט אַלְץ גֶעגְלֶעבְּט אַז מִיט אַרְבֵּייטֶען וֶועט עֶר נָאךְ זַיינֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע בְּרוּדֶער אַרוֹיס הֶעלְפֶען פוּן זֵייעֶר בִּיטֶערֶען צוּ שְׁטַאנְד אִין שְׁפַּאנְיֶען. פָּארְטוּגַאלְיֶען. אַיי וָואס דָא אִין מִידְדֶעלְבּוּרְג אִיז נִיט גֶערָאהְטֶען? טיראדא הָאט נִיט נָאר אֵיין מִידְדֶעלְבּוּרְג אִין זַיין פְּלַאן. אוּנ עֶר הָאט פָאר אוּיס גֶעוִויסְט. אַז נִיט אַזוֹיא גִיךְ וֶועלֶען שׁוֹין זַיינֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בְּרוּדֶער וֶוערֶען בִּירְגֶער אִין דֶעם לַאנְד. אוּנ דָאס וָואס פאלאחי וֶועט מוּזֶען אוּיס חָתָן וֶוערֶען פַאר מְרִימֶ'ן. דָאס הָאט זִיךְ אִיהְם אַוַודַאי נִיט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַהֶרֶען. אַזוֹי זַיינֶען דִיא בֵּיידֶע גֶעזֶעסֶען אֵיינִיגֶע מִינוּט אִין שְׁוַויגֶען. בִּיז עֶנְדְלִיךְ פאלאחי הָאט אַ טִיפֶען זִיפְצְץ גֶעטוּהְן מִיט דִיא וֶוערְטֶער. נָא וָואס זִיטְצֶען מִיר נָאךְ דָא יאקאוו? אַלֶעס אִיז פֶערְשְׁפִּילְט. לָאמִיר אַוֶועק פָּאהְרֶען קֵיין אַמְסְטֶערְדַאם אוּנ פוּן דָארְט גְלַייךְ מִיט דֶער שִׁיף אַ הֵיים קֵיין לִיסַאבָּאן.

נֵיין דאן סאמאיל הָאט טיראדא גֶעזָאגְט מִיט הַארְץ. נָאךְ נִיט אַלֶעס אִיז פַאר שְׁפִּיעלְט! גָאט אִין הִימֶעל לֶעבְּט נָאךְ. אוּנ מִיר הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיךְ דָא אוּסְפִּיעט עֶטְוָואס אֵיין אַנְדְרוּק צוּ מַאכִין אוֹיפֶען לַאנְד. דֶעם פְּרִינְץ'ס בְּרִיף אִיז אוֹיךְ נִיט קֵיין שְׁפִּילֶעכֶען דֶער אַרִיסְטָאקְרַאטְיֶע'ס בֶּעלֵיידִיגוּנְג פוּנֶם פָאלְק אִיז אוֹיךְ נִיט קֵיין קְלֵיינִיגְקֵייט. דִיא אַלֶע וֶועלֶען זִיךְ גֶעוִוים אָן נֶעמֶען זֵייעֶר קְרִיוְודֶע. אֱמֶת נִיט בַּאלְד אוּנ נִיט נָאר מִיט וֶוערְטֶער וֶועלֶען מִיר גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען. נָאר דִיא צֵייט אִיז שׁוֹין גֶעוִוים גֶעקוּמֶען דֶער פוּן. דִיא שְׁטוּנְדֶע הָאט נָאךְ נִיט אוּיס גֶעשְׁלָאגֶען. אָבֶּער הָאפְנוּנְג אוֹיף שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעוִוים דָא אַסַךְ. דִיא מִלְחָמָה וֶועט אַלֶעס אִיבֶּער עֶנְדֶערֶען אוּנ דוּרְךְ אִיהְר וֶועלֶען מִיר דִיא פְרַייהֵייט גֶענִיסֶען.

פאלאחין הָאט זִיךְ גָאר וֵוייטֶער נִיט-גֶעגְרִיסְט הֶערֶען טִירַאדַאס פָּאעֶזְיֶע. אוּנ עֶר הָאט אִיהְם מוֹדִיעַ גִיוֶועזֶען. אַז עֶר אִיז שׁוֹין רֵייזֶע פֶערְטִיג אוֹיף מָארְגֶען פְרִיא אוּנ עֶר זָאל זִיךְ אוֹיךְ צוּ פֶערְטִיגֶען. נָאר טיראדא הָאט אִיהְם יֶעצְט אוֹיךְ מוֹדִיעַ גֶעוֶועהְן אַז עֶר נָאךְ הֵיינְט בַּאנַאכְט פָּאהְרְט עֶר אַוֶועק עֶרְגֶעץ. אוּנ עֶרְשְׁט אִין דְרַייא וָואכֶען אַרוּם וֶועט עֶר צוּ אִיהְם קוּמֶען קֵיין אַמְסְטֶערְדַאם. אוּנ קָאם וֶועט עֶר אִין דְרַייא וָואכֶען אַרוּם נִיט קוּמֶען. זָאל עֶר אוֹיף אִיהְם שׁוֹין גָאר נִיט וַוארְטֶען. מִיט דִיא רֵייד הָאט זִיךְ שׁוֹין טַאקֶע טיראדא גִיזֶעגֶענְט מִיט פאלאחין אוּנ הָאט שׁוֹין טַאקֶע דִיא מִינוּט פוּנֶעם צִימֶער נִיט גֶעסְטֵייעֶט.

---

3.

# דִּיא חֲבֵרִים

נָאר אִין עֶק שְׁטְרַאסֶע . וָואס פַארֶען מַאגִיסְטְרַאט . אִין בְּרִיעֶסֶעל . גֶעפִינְט זִיךְ אַ שְׁטָאהְלֶער אוּנ אַ לַאנְגֶער הוֹיף . אִין וֶועלְכֶען עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ אַ סַךְ אַלְטֶע קְלֵיינֶע אוּנ דְרַאבְּלֶע הֵייזְלֶעךְ נָאר דָאס אֵיינְצִיגֶע הוֹיז . וָואס אִין פְרָאנְט . אִיז אַ גְרוֹיס הוֹיז מִיט אַ סַךְ נוּמֶערֶען אִין אַלֶע פִיר זַייטֶען . דָאס הוֹיז אִיז אוֹיךְ נִיט זֶעהֶער שֵׁיין . נָאר דֶער פַאר אִיז דָאס אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג בֶּעלֶעבְּט פוּן טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשֶׁען אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט בַּיי נַאכְט וַוייל דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ גְרוֹיסֶער רֶעסְטָארַאן פִיר דֶעם שְׁפַּאנִישֶׁען גַארְנִיזָאן אִין וֶועלְכֶען דִיא שְׁפַּאנִישֶׁע קָאלְדַאטֶען בְּרֶענְגֶען צוּ פְרֵיילִיךְ דִיא נֶעכְט . אִין דֶעם רֶעסְטָארַאן גֶעפִינֶען זִיךְ . אוֹיסֶער דִיא בְּרֵייטֶע טִירֶען אִין פְרָאנְט פִיר דֶעם חַיִל . נָאךְ פִיל קְלֵיינֶע טִירֶען אִין אַלֶע ווִינְקֶעלֶעךְ . צוּ אֵיינֶע פוּן דִיא זַייטִיגֶע טִירֶען זַיינֶען יֶעצְט אִין אַ פִינְסְטֶערֶער נַאכְט צוּגֶעקוּמֶען צְווייא פֶערְוִוייקֶעלְטֶע מֶענְטְשֶׁען מִיט דִיא הִיטְלֶען אִיבֶּער דִיא אוֹיגֶען . אֵיינֶער פוּן זֵייא הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַ שְׁלִיסֶעל פוּן דִיא טַאשֶׁע אוּנ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁלָאסֶען דִיא טִיר אוּנ אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין פָאר הַייזֶעל הָאט עֶר אַ ווִינְק גֶעטְהוּן צוּם צְווייטֶען . עֶר זָאל אִיהְם נָאכְגֶעהֶען אוּנ אַלֵיין הָאט עֶר דִיא טִיר צוּרִיק פֶערְשְׁלָאסֶען פוּנֶעם פָאר הוֹיז זַיינֶען זֵייא גֶעקוּמֶען אִין אַ גַאנְץ שְׁמָאהְלֶען פִינְסְטֶערֶען קָארִידַאר . אוּנ דָארְט הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער ווִידֶער אוֹיפְגֶעשְׁלָאסֶען אַ טִיר אוּנ אוּנְזֶערֶע מֶענְטְשֶׁען זַיינֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין אַ גַאנְץ הִיבְּשׁ צִימֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט דִיא טִיר אוֹיךְ פֶערְשְׁלָאסֶען אוּנ הָאט אָנְגֶעצוּנְדֶען אַ לִיכְט אוּנ דִיא צְווייא זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען אֵיינְס גֶעגֶען אַנְדֶערֶען שְׁטֶעהֶען וִויא פַארְשְׁטֵיינֶערְט .

אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען זַיינֶען אַזוֹי אוּנְזֶערֶע צְווייא אוּנְבֶּעקַאנְטֶע גֶעשְׁטַאנֶען אָהְן וֶוערְטֶער בִּיז עֶנְדְלִיךְ דֶער צְווייטֶער הָאט אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען . אִיהְר זָאגְט מִיר נִיט וֶוער אִיהְר זַיינְט ? אִיהְר מוּזְט ווִיסֶען מַיין הֶערְר . אַז עֶס אִיז גַאנְץ גֶענוּג פוּן מַיין זַייט . אַז בַּיי דֶער צַייט . אִין דֶעם אָרְט אוּנ אִין אַזַא שְׁטָאק פִינְסְטֶערֶער נַאכְט בִּין אִיךְ בִּיז אַהֶער נָאךְ גֶעגַאנְגֶען נָאר אוֹיף אַייֶער סִימָן . אֱמֶת טַאקֶע דֶער סִמָּן אִיז גַאנְץ גֶענוּג מִיךְ צוּ אִיבֶּער צֵייגֶען . אַז אִיהְר זַיינְט אַ פְרָאמֶער עֶדֶעלְמַאן . נָאר דָאךְ מֶעג אִיךְ פָאדֶערֶען פוּן אַייךְ אַייֶער נָאמֶען אוּנ פַאמִילְיֶע . אַלְזָא אִים נָאמֶען פוּן אַייֶער סִמָּן טַאקֶע . אִים נָאמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען מַאן פְרַא גֶערָאנִימַא . . . פָאדֶער אִיךְ פָאן אַייךְ אִיהְר זָאלְט מִיר בַּאלְד זָאגֶען וֶוער זַיינְט אִיהְר ? אוּנ וָואס בְּרוֹיכְט אִיהְר ?

נִיט אַנְטְוָוארְטֶענְד אוֹיף דִיא פְרַאגֶען . הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער נָאר אַרוֹיף גֶערִיקְט זַיין הִיטֶעל אוֹיפֶען שְׁטֶערֶען . הָאט אַרָאפּ גֶעוָוארְפֶען פוּן זִיךְ זַיין מַאנְטִיַא אוּנ מִיט זַיינֶע צְווייא אוֹיס גֶעגְלָאצְטֶע אוֹיגֶען אוֹיפֶן צְווייטֶען הָאט עֶר אִיהְם אַ זָאג גֶעטְהוּן .

דוּא הָאסְט מִיךְ נִיט דֶער קָאנְט . דוּא . דִיא אַלְפָאנְס דִי גֶערִירַא ?

דֶער צְווייטֶער הָאט נֶענְטֶער צוּ גֶעטְרֶעטֶען צוּם עֶרְשְׁטֶען . הָאט זִיךְ אִין אִיהְם גוּט אָנְגֶעקוּקְט אוּנ מִיט אַ פְרֵייד הָאט עֶר אַ גֶעשְׁרֵייא גֶעטְהוּן אוֹיסֶער זִיךְ פְרַא דִיגַא .

יָא בְּרוּדֶער אַלְפָאנְס דָאס בִּין אִיךְ . אלפאנס אִיז אִיהְם גֶעפַאלֶען אוֹיפֶן הַאלְז . הָאט אִיהְם גֶעקוּשְׁט אוּנ גֶעווֵיינְט פוּן פְרֵייד . אַזוֹי זָאגְט עֶר אִיהְם בִּיכְטוּ דָאס פְרַא דִיגַא דָאס הַארְץ הָאט מִיר אָבֶּער טַאקֶע גֶעזָאגְט . בְּעֵת דוּא הָאסְט מִיךְ אַרוֹיס גֶעהֶענְדִיג פוּנֶעם מַאגִיסְטְרַאט אַ רוּף גֶעטְהוּן . וִויא דוּא הָאסְט נָאר אוֹיס גֶערֶעדְט דֶעם סִמָּן „אִים נָאמֶען



פון

פון פרא גערא‌נימא קום מיט מיר. האב איך שוין געטראכט אויב דאס ביסטו ניט מיין אלטער גוטער ברודער פרא דיגא.

נא וואזשע מאכסטו אלפאנס מיין טהייערער. אך וויא גליקליך איך שאטץ מיך יעצט אז איך האב דיך געפונען נאך מיט דער יונגער ליבע אונ טרייהייט צו מיר ביז היינט.

א פרא דיגא האט אלאפנס געזאגט מיט הארץ. וויא קאן איך פאר געסען דאס וואס עס איז בייא מיר אויף אייביג איינגעבאקען אין מיין הארץ. געדענקסטו: ליבער פרא דיגא. דיא זיסע צייט ווען מיר זיינען ביידע געזעסען פארן הייליגען פרא גערא‌נימא אונ מיר האבען זיינע הייליגע הויכע ווערטער מיט ברענענדיגען דארשט געשלינגען?

אויב איך געדענק עס... ווען ניט דיא גילדענע צייט וואלט איך דיך געוויס יעצט ניט געפיהרט אהער אין מיין צימער וועגען...

יא האט אלפאנס פאר האפט דיא רייד. איך האב דיך פון פריידע גאר פאר געסען פרעגען. וויא אזוי ביסטו אהער געקומען. וואס דארפסטו דא אונ וואס פאר קליידער טראגסטו עפעס? דוא ביסט דען אנטלאפען פונעם קלויסטער? דוא טראגסט שוין גאר טאקע מעהר ניט דיינע פריסטער קליידער? דוא ביסט שוין מעהר ניט דער פרא דיגא? זאג ברודער איך בין זעהער נייגעאירעג צו וויסען דאס אלעס.

פרא דיגא. בין איך שוין געוויס מעהר ניט. איך היים יעצט בייא מיין אלטער יודישער פאמיליע: צוריק: טיראדא נאר זאג זשע מיר ברודער. אונ דוא הייסט דען נאך אלץ אלפאנס ניט וויא דוא פלעגסט זיך א מאהל. בעת צוגיסען זיך איבערן אונגליקליכען יודענטהום רופען „אברהם דיא געריא״? אלפאנס איז ביי דיא ווערטער דער ציטערט געווארען אונ מיט טויט שרעק האט ער טיראדאן געזאגט שטיל. שא ברודער לכען השם רעד ניט פון אזעלכע זאכען גאנץ געניג. אז דוא האסט זיך אפ געזוכט א קוואטיר אין דעם געפערליכסטען ארט. וויא שפאניער סאלדאטען שכורן אונ אויף יעדען טריט איז דא טויזענד אויגען.

אומגעקערט. זאגט טיראדא איך האב אונמיסטען טאקע נאר דאס ארט מיר אפ געקליבען פאר א קוואטיר דוא ווייסט דאך אלפאנס. דאס ווערטיל מען שטעלט דעם גנב פאר דער טיר. פאר שטייסטו ברודער טאקע נאר דא קאן איך מיר גאנץ רוהיג זיטצען אונ ארבייטען וועגען מיין פלאן. ווארען דא וועט מיך אפילו דער רוח אליין אויך ניט חושד זיין אין קיין זאך.

אלפאנס איז איהם אויפן האלז געפאלען. אונ מיט א טיפען זיפץ האט ער איהם געזאגט. אוי דוא אונגליקליכער ברודער איך קאן מיר שוין משער זיין. וואס מיט דיר האט זיך שוין בעדארפט פאסירען אויף דעם ווייטען וועג פונעם פראנציסקאנער קלויסטער ביז אין דעם רעסטאראן. גענוג צרות אפנים האסטו שוין איבער געטראגען אין דער צייט. דער צעהל מיר ברודער דיין אונגליקליכע ביאגראפיא בפרט. דער צעהל מיר וועגען דיין האפנונג וועגען דיין צוועק. הכלל דער צעהל מיר איטליכעס פיצעלע. מיין הארץ איז אפען פאר דיר.

הער זשע אויס ברודער אלפאנס. איך וועל דיר ענטדעקען. נאר קודם כל וויל איך וויסען וויא האלטסטו. ביי וועלכע מיינונגען ביסטו אצונד אונ וואס דיינקסטו בכלל איבער דער יעצטיגער פראגע. געראא ביידע זיינען מיר געשטאנען אויף א פייערבארג בעת ער האט זיך צו פלאקערט אונ האט איבער געקערט דיא גאנצע געגענד. דוא ביסט אריין אין דעם ברענענדיגען בארג אונ איך בין געבליבען שטעהען פון אויוען. נאר היינט. יעצט אז דיא שיקזאל האט אונז יא נאך א מאהל צו נויפגעפיהרט אונאייגעם

יָעצְט בְּרוּדֶער זָאג מִיר דֶעם גַאנְצֶען אֱמֶת װֶער אוּנ װָאס בִּיסְטוּ ?

יָא בְּרוּדֶער הָאט אלפאנס מִיט הַארְץ אוּיס גֶעשְׁרִיגֶען אִיךְ דֶער צֶעהְל דִיר שׁוֹין טַאקֶע מַיין קוּרְצֶע בִּיאָגְרַאפְיֶע פוּן אַלֶף בִּיז תָּיו . גֶעדֶענְקְסְטוּ בְּרוּדֶער אַז מֶען הָאט מִיךְ אַרוֹיס גֶעפָּאדֶערְט פוּן אוּנְזֶער טְהֵייעֶרֶען לֶעהְרֶער פְּרַא גֶערָאנִימַא . אִיךְ זָאל פָּאהְרֶען קַיין װַאלַאדַאלִיד צוּ מַיינֶעם אַ פֶּעטֶער מֶענְדֶעל אִיךְ זָאל זִיךְ מִיט אִיהְם גֶעזֶעגֶנֶען פַאר זַיין טוֹיט . פוּן דֶעמָאלְט אָן זֶענֶען מִיר צוּ שֵׁייד גֶעװָארֶען בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג . הֶער זְשֶׁע אוֹיס . װָאס מִיט מִיר הָאט זִיךְ פוּן דֶעמָאלְט אָן בִּיז יֶעצְט פַּאסִירְט . דֶער פֶּעטֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ מַיינֶע פְרַיינְד הָאבִּין מִיךְ אָפְּגֶעגִיבֶּען אִין אוּנִיװֶערְזִיטֶעט אוֹיף קוּרְס יוּרִי אִין פָּאלִיטִיק . אִיךְ הָאבּ דַאן גֶעדֶענְקְט . אַז קָאם װֶעל אִיךְ נָאר עֶנְדִיגֶען . װֶעל אִיךְ בַּאלְד צוּרִיק פָּאהְרֶען צוּ דִיר . אוּנ מִיר זָאלֶען בֵּיידֶע פָּארְט זֶעטְצֶען אוּנְזֶער פְּלַאן . נָאר צוּם אוּמְגְלִיק מַאכְט זִיךְ . אַז דֶער סִיר װֶערְגַא אִיז גְרַאדֶע דַאמָאלְס גֶעקוּמֶען קַיין װַאלַאדַאלִיד אוּנ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען קְװַאטִיר בַּיי מַיין פְּרָאפֶעסָאר . אוּנ װִיא דֶער פְּרָאפֶעסָאר הָאט מִיךְ פַאר אִיהְם אַזוֹי שֵׁיין אָפְּרֶעקָאמֶענְדִירְט . אוּנ עֶר הָאט מִיךְ נָאךְ אַ קְלֵיינֶעם גֶעקַאמֶען . דֶער קֶענְט פַאר דֶעם פֶּעיְנְסְטֶען דִיפְּלַאמַאטֶען פִיהְרֶער . הָאט עֶר מִיר פָאר גֶעלֵייגְט אִיךְ זָאל זִיךְ שְׁטֶעלֶען בַּיי אִיהְם אַלְס סֶעקְרֶעטַאר . אִיךְ הָאבּ זֶעהֶער נִיט גֶעװָאלְט דִיא קָארִיֶערא . וּבִפְּרַט נָאךְ בַּיי דֶעם טִירַאנִישֶׁען װֶערגַא . נָאר דֶער פְּרָאפֶעסָאר הָאט מִיר צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען גֶעגִיבֶּען . אַז װערגא אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער חָשׁוּב בַּיי פהיליפען אוּנ בַּיים הֶערְצָאג אלבּו . אוּנ קָאם װֶעל אִיךְ אִיהְם אָפּ זָאגֶען אִיךְ אֵיינִיקֶעל פוּן דִיא אֲנוּסִים שְׁפִּיל אִיךְ מִיטֶען לֶעבֶּען אַוַדַאי הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט פַאר טְרֶעטֶען בַּיי אִיהְם דִיא פָּאסְט אוּנ פוּן דַאן אָן בִּין אִיךְ פֶערְקוֹיפְט בַּיי אִיהְם מִיט לַייבּ אוּנ זֶעלֶע . אוּנ דָא אִין בְּרִיוּסֶעל בִּין אִיךְ אוֹיךְ מִיט אִיהְם װֶעגֶען דֶער יֶעצְטִיגֶער פָּאלִיטִיקָא אוּנ אוֹיף מַיין יֶעדֶען טְרִיט . אוֹיף מַיין יֶעדֶער מִינוּט קוּקְט עֶר אוֹיף מִיר מִיט מוֹיזֶענְד שְׁפַּאנִישֶׁע אוֹיגֶען . אוּנ אַזוֹי בִּין אִיךְ בְּרוּדֶער פוּן דֶעמָאלְט אָן אַ אוּנְסְטְרוּמֶענְט . אַ מַאשִׁינֶע בַּיי דֶעם מֶערְדֶער בַּיי דֶעם טִירַאן אִין דִיא הֶענְד . אָ טִיראדא בִּיטֶער װִיא דֶער טוֹיט אִיז מַיין שִׁיקְזַאל . פִינְצְטֶער אִיז מַיין װֶעלְט !

טיראדא אִיז אִיהְם אוֹיפֶן הַאלְז גֶעפַאלֶען אוּנ גֶעזָאגְט . אלפאנס בְּרוּדֶער . אִיךְ װִיל נְקָמָה אִין דִיא בְּלוּט שׂוֹנְאִים פוּן מַיין גָאט אוּנ פוּן מַיין פָאלְק . אִיךְ בִּן יָחִיד פוּן עֶדְלֶע פְרָאמֶע עֶלְטֶערֶען װָאס זַיינֶען אוֹיף קִדוּשׁ הַשֵּׁם פַאר בְּרֶענְט גֶעװָארֶען אוֹיפֶען אִינְקְװִיזִיטִישֶׁען קָאסְטֶער . אִיךְ בְּרוּדֶער פוּן דֶער אֵיינְצִיגֶער טְהַייעֶרֶער שְׁװֶעסְטֶער . װָאס אִיז פוּן פְלַאגֶען אוּנ מַארְטִירֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען אִין אַ פִינְסְטֶערֶער אִינְקְװִיזִיטִישֶׁער הֶעל . אִיךְ פְרַאנְצִיסְקַאנֶער מַאנַאךְ . װָאס פַאר עֶטְװָאס אֵיין אֱמֶת װָארְט . הָאט מִיךְ דִיא טִירַאנִישֶׁע אִינְקְװִיזִיצְיָא שׁוֹין גֶעהַאט פַאר אוּרְטְהֵיילְט צוּם קַאכְטֶער . נָאר מִיט דִיא חֲסָדִים פוּן אוּנְזֶער לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט . בִּין אִיךְ גֶערֶעטֶעט גֶעװָארֶען פוּן דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער מֶענְשֶׁען פְרֶעסֶערִין . װָאס הָאט מַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אַיין גֶעשְׁלִינְגֶען . אִיךְ קְלֵיין פֶערְנִיכְטֶעט מֶענְטְשֶׁעלֶע . אִיךְ מַארַאנֶען אֵיינִיקֶעל . הָאבּ זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען אוֹיפְצוּרֵייצֶען אַ מִלְחָמָה . אוּנ אַ בְּלוּט מִלְחָמָה . אוֹיף דֶער אַלְטֶער מְכַשֵּׁפָה . דִיא אִינְקְװִיזִיצְיָאן . אוּנ װֶעל נִיט רוּהֶען בִּיז אִיךְ װֶעל זִיא עוֹקֵר מִן הַשּׁוֹרֶשׁ זַיין . אַ פַייֶער װֶעל אִיךְ אָנְצוּנְדֶען אִין אַלֶע עֶקֶען פוּן דֶער װֶעלְט אוּנ זִיא ; דִיא אוּנְמֶענְשְׁלִיכֶע בְּלוּט זוֹיגֶערֶען . װֶעט אִין דֶעם פַייֶער בְּרֶענֶען אַזוֹי לַאנְג בִּיז מַיין נְקָמָה . בִּיז דִיא נְקָמָה פוּן מַיינֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בְּרוּדֶער װֶעט נִיט אוֹיס לֶעשֶׁען .

אלפאנס מַיין טְהֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער דָאס אִיז מַיין אֵיינְצִיגֶער װאוּנְשׁ אוּנ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִין דֶעם אַ סַךְ אוֹיסְפִּיעֶט . פוּן דֶער צַייט װָאס דוּא הָאסְט זִיךְ פוּן מִיר גֶעשֵׁיידֶען .

בין איך נאך א יאהר געבליבען לעבען אונזער טהייערען פרא גראנימא. אונ אין דעם יאהר בין איך ערשט ערפאהרען. וואס דער אלטער היידיגער מאן מיינט מיט זיינע הויכע ווערטער ביז אהער. דוא געדיינקסט אלפאנס אז נאך פאר דיר האט ער אונז ענטדעקט. אז מיר קומען ארויס פון יודען. אונ אז אונזערע עגאיסטישע עלטערען האבען צו ליב זייער רייכטהום ניט געוואלט ארויס פון דעם פינסטערען שפאניען אונ האבען מיט זייער לייכטזיניקייט. בעל כרחו אנגענומען דאס קריסטענטהום. אונ ביי דעם אלמען האט זייא דיא אינקוויזיציאן דאך איינגעשלינגען. נאר דעמאלט האבען מיר ביידע ניט געוויסט. ווער אונ וואס איז דער פראמער פרא גראנימא אונ וואס וויל ער מיט זיינע געטליכע פלאמפייעריגע ווערטער? נאר אז דאס יאהר האט זיך גיענדיגט. אונ אונזער ליבער לעהרער איז טויטליך קראנק געווארען. בין איך געוועהנליך ניט אפ געטרעטען פון זיין בעט אונ ער האט מיר אלץ מעהר אונ מעהר מיינע אויגען גיעפענט. ענדליך האלבע נאכט איינגע מינוט פאר זיין טויט. האט מיך דער 80 יאהריגער היילגער גרייז א האפ געטוהן ביי דער האנד אונ מיט שוואכע בלאסע ליפען האט ער צו מיר געזאגט. פרא דיגא איך שטארב נאך אין איינגע מינוט ארום. לכן מוז איך דיר מיין אכציג יאהריגען סוד ארויס גיבען. איך בין אויך א מאראן. איך בין דיינער א פעטער. דיין מוטערס פאטערס א ברודער. אונזער יודישע פאמיליא איז טיראדא אונ נאר מיר ביידע זיינען גאנץ געבליבען פון אונזער גרויסער פאמיליע. אלע האט דיא בלוטיגע אינקוויזיציא איין געשלינגען. געדענק טיראדא אז דיינע עלטערען זיינען נהרג געווארען אויף קדוש השם. אונ ווייס וואס צו טוהן. מיט דיא ווערטער איז ער אויס געגאנגען. אונ פון דער מינוט האב איך מיין דיינקען מיין פערמייגען. מיין לעבען מיין נשמה געאפפערט אויף נקמה. פון דער שרעקליכער אינקוויזיציא מיט אלע איהרע נאכפאלגער. אונד יעצט ליבער אלפאנס זאג מיר עפענטליך ביסטו פערטיג מיר מיט צו העלפען אין דער היילגער ידעע?

פערטיג ברודער מיט לייב אונד זעלע. האט אלפאנס מיט פייערליכער ליבע צו זיין פאלק א געשריי געטוהן ניט מיט זיין קול. פערטיג טיראדא נאר זאג מיר. מיט וואס קאן איך דיר נוטצליך זיין? זאג בעפעהל. איך וועל פאר דיין יעדען ווארט דעם טויט אליין אין דיא הענד אריין לויפען.

הער זשע אויס מיין טהייערער אלפאנס האט טיראדא שוין בערוהיגטער געזאגט איך האב דא אין ברוסעל אויך א סך מיט גלידער אונ אפילו צווישען דער וואכע. וואס ארום הערצאג אלבו געפונען זיך אויך מיינע טרייע אגענטען. אונ טאקע פון זייא האב איך ערפאהרען. אז אלבו וויל דיא טעג צו שיקען שפאניש מיליטער אין גאנץ נידערלאנד. אונ אין יעדער שטאדט פון זייא שטעלען א גארניזאן. לכן ברודער וויל איך יעצט פון דיר אזוי וויא דוא ביסט דאך סעקרעטאר ביי ווערגא'ן. אונ ווערגא אלס וויצע פרעזידענט אלבו'ס. פיהרט דאך אלע זיינע דיפלאמאטישע פרעגער ביי זיך אין קאנצעלאריע געוויס קאנסטו מיר זאגען. וואס דיינקט דער מערדער אלבו צוא טוהן. נאכען צו שטעלען אלע גארניזאנען?

אך! דאס קאן איך דיר שוין איבער גיבען גאר אין קורצען נאר זאג מיר ליבער ברודער וואס קאן דיר דען פון דער בעריכטע ארויס קומען.

וואס פאר שטייסטו דא ניט אלפאנס? האט טיראדא געזאגט. אז איך וועל אלע זיינע פלענער פאר אויס וויסען. וועל איך עס באלד צו שיקען אין אלע שטאדישע מאגיסטראטען מודיע זיין דורך מיינע אגענטען. וואס זייא ערווארטעט פון אלבו'ס גארניזאנען. אונ דאס וועט זייא אלע אויפוועקין. זייא זאלען זיך שטעלען געגען דעם

שפאנישען מיליטער אונ זיי ניט זנהייבען אראנקאזען אין קיין שטאדט אריין. אונ קאם דאס וועט זיך ערפאלען אזוי וועט באלד מוזען דיא מלחמה אויס ברעכען.

ביסט גירעכט ברודער אלזא הער זשע אויס מיט קאפ. וואס איך וועל דיך דא בעריכטען. וואס דיינע אגענטען האבען דיר געזאגט איז אמת. וויא אונזער גאט איז אמת! עס איז שוין אפילו פאר געצייכענט דער ספיסאק פונעם גאנצען שפאנישען מיליטער אונ עס איז שוין איינגעטהיילט אין גארניזאנען. לויט נאך יעדער שטאדט אונ אין דרייא טאג ארום וועט זיך דאס גאנצע מיליטער אויפהייבען מיט א מאהל אונ וועט מארשירען אין אלע נידערלאנדישע שטעדט. אונ בעת אוועק מארשירען וועט מען יעדען קאמענדאנט מיט גיבען אויף דער האנד דרייא פערזיגעלטע צירקולארען. אונ מען וועט זייא פערזאגען. אז באלד נאך דער אקיפאציא. (אנריכטען דעם גארניזאן) זאלען זיי אלע אין איין טאג. אויפזעגלען דיא צירקולארען אין אלע שטעדט אונ זאלען פארלעזען פארען פאלק וואס דארט איז געשריבען. דיא צירקולארען זיינען שוין אפילו אלע אנגעשריבען אונ שוין געחתמה'ת מיט ווערגא'ס חתימה. יעצט ליגען זייא שוין ביים הערצאג אלבו אין קאבינעט. ער זאל נאך זיין חתיכה אויף זייא לעגען.

אויס געצייכענט בנאמנות. האט טיראדא געזאגט מיט א פרייד. נאר זאג זשע מיר נאך ברודער. אפשר ווייסטו. וואס אין דיא צירקולארען איז געשריבען?

איך וויים זעהער. ווארען איך אליין האב זייא געמוזט שרייבען. דער ערשטער צירקולאר זאגט. אז מען זאל אויגענבליקליך בעניען קארל דעם פינפטענס אוקאז. אז אין גאנץ נידערלאנד טאר זיך ניט געפונען קיין אנדער גלויבען אונ רעליגיאן אויסער קאטאליציזם אונ פון יעצט אן. ווער עס וועט נאר דאס מינדעסטע פרייהייט ווייזען געגען דעם קאטאליציזם זאל מען זיין פערמעגען קאנפיסקירען אונ איהם אליין הרגנ'ען. דער צווייטער זאגט. אז מען זאל באלד מיסד זיין אין אלע נידערלענדישע שטעדט דיא היילינע אינקוויזיציאן. אלע ריכטער אדמיניסטראציעס אונ מעליטער. עלטסטע זאלען איהר אונטער ווארפען זיין אונ פאר איהר איין ווארט בעשטראפען. הרגנען אונ קאנפיסקירען דיא פארמיגענס. דער דריטער זאגט. אז מען זאל: אלע גיטער. תבואות. הייזער. אונטסטרומענטען אונ אלערליי געשעפטען בעלייגען מיט אונגעהאר גרויסע צינזשען.

בראווא אלפאנס. האט טיראדא פאל פריידען אויס געשריגען. דיא צירקולארען מיטען הערצאג'ס חתימות דארף איך טאקע. אונ קאם בעקים איך זייא. אזוי ווערען זייא אויגען בליק צו שיקט אין גאנץ נידערלאנד. אונ דאן האב איך שוין מיינס אפ געטוהן בשלמות! נאר דוא אלפאנס; זעה מיר נאר בעקומען איין אויפגעצייכענטען פלאן פון דעם הערצאג'ס קאבינעט. דאס איבריגע איז שוין מיין זאך. איך וועל דיא צירקולארען נעמען פון זיין קאבינעט. איך ניט קיינער אונ קאז זיך זיין וואס עס וויל זיך. איך פערהאף צו דעם גרויסען אלמעכטיגען גאט אין הימעל פאר וועלכען איך אפפער יעצט מיין לעבען וויא צום טאנץ. דיא צוויי הערצליכע גוטע ברודער זיינען ביז פאר טאג געזעסען אונ געפלאנעוועט זייער הויכע ידעע. אונ וויא עס האט נאר אן געהויבען טאגען האבען זיי זיך ביידע ווידער פערהילט אין דיא מאנטיעס אונ זיינען אוועק מיט דעם זעלבען פאר בארגענעם וועג אין גאס אריין. דארט האבען זיי זיך געזעגענט אהן ווערטער. אונ יעדער איז געגאנגען זיין וועג.

. 4

# אין אַלבּוּ'ס דוואַרעץ

דער בּריוּסעלער קעניג שלאָס . וואָס דער הערצאָג אַלבּוּ האָט איהם בּעוואוינט איז בּעשטאַנען פוּן דריא שטאָק . אין דעם אוּנטערשטען שטאָק האָבּען זיך געפוּנען אַלבּוּס לייבּ גוואַרדיא אוּנ דיא מעליטער אַלטסטע פוּן בּריוּסעלער שפּאַנישען גאַרניזאָן דעם מיטעלסטען שטאָק האָט בּעוואוינט דער הערצאָג אַליין מיט זיינע קאָנצעליאַריעס אוּנ פּאַלאַטעס אוּנ אויפען אייבּערשטען שטאָק האָבּען זיך געפוּנען אַלע זיינע אַדיוּטאַנטען . קאָמער דינער אוּנ בּעדינטע . צווישען דיא אַלע דריא שטאָק האָבּען זיך געפיהרט גאַנץ לאַנגע בּרייטע קאָרידאָרען . פוּן וועלכע מען האָט געקאָנט קומען אין יעהען צימער אַריין בּעזוּנדער צוּ דיא ערשטע צוויא שטאָק האָבּען געפיהרט גאַנץ בּרייטע פּראַכטפאָלע טרעפּ אין אַלע קאָרידאָרען אַריין . נאָר צוּם אייבּערשטען שטאָק איז מען צוּ געקומען דוּרך שווינדעל טרעפּ . וואָס האָבּען זיך געדרייט פוּנם טאָרעם . וואָס אין דער מיט פּאַלאַטץ איז געשטאַנען בּיז אַרויף . עס איז אַפילוּ געוועהן גענוּג פוּנעם אייבּערשטען צוּם מיטעלסטען שטאָק . נאָר דער הערצאָג האָט זייא אַלע געהייסען האַלטען פעסט געשלאָסען אוּנ חוּץ דזה איז אין דעם גאַנץ גרויסען קאָרידאָר . וואָס פאַרען הערצאָג'ס צימערען . געשטאַנען אַ שטענדיגע וואַכע . וואָס האָט זיך איינינגע מאָהל אין מעת לעת געבּיטען .

פוּן איינעם פוּן דעם הערצאָג'ס וואַכע האָט אלפאנס אַרוֹיס געקריגען אַ פּאָדראָבּנע פּלאַן פוּן דעם הערצאָגס אַלע צימערען מיט אַלע זייערע פאַרבּאָרגענע גענג אוּנ נאָך געמאַכטע שליסלען צוּ אַלע טיהרען . אוּנ דאָס אַלעס האָט ער איבּער געגעבּען טיראַדען . טיראדא האָט דעם פּלאַן גוּט קענען געלערענט אוּנ ער האָט זיך געפילט אַז ער וועט זיך אַזויא קאָנען פרייא ריכטען אין דוואָרעץ . גלייך ער וואָלט דאָרט אַליין יאָהרען געוואוינט . אַ נאַכט דערפאַר פאַר דער נאַכט וואָס דער הערצאָג האָט שוין בּעדאַרפט חתמה'נען דיא אַלע צירקוּליאַרען אוּנ צוּם טאָג זייא אַוועק שיקען האָט זיך דער זעלבּער וואַכמאַהן . וועלכער האָט דעם פּלאַן אַלפאָנסען געגיבּען . געמאַכט קראַנק אוּנ פאַלענדיג צוּ דער ערד האָט ער מיט יאָמערליכע קולות געשריגען . אַז דיא קאָנוואַלסיע האָט איהם געהאַפּט אוּנ ער בּעט רחמים . מען זאָל איהם רוּפען דעם פראַנציסקאַנער פּאַסטער . פרא דיגא . וואָס קוואַטירט אין שפּאַנישען רעסטאָראַן . ער זאָל איהם אוֹיס ריכטען פאַרן טוֹיט . דער אָפיצער פוּן דער וואַכע האָט בּאַלד געשיקט נאָך דעם פּריסטער פרא דיגא . . . טיראדא איז געקומען אין זיינע פּריסטער קליידער אין דוואָרעץ אַריין . האָט קלאָמערשט גאַנץ ערענסט דעם וואַכמאַהן מבקר חולה געוועהן . אוּנ זעהער אַ פרוּמע . גאָטעס פוּרכטיגע רעדע איהם געהאַלטען אוּנ דוּרך זיינע עדלע פרוּמע אוּנ שיינע בּענעהמוּנגען האָט ער חן בּעקומען בּיי אַלע אָפיצירען . וואָס אין דוואָרעץ אַזוי . אַז דיא גאַנצע נאַכט אוּנ דעם מאָרגענדיגען גאַנצען טאָג האָט ער שוין געהאַט אַ פרייען אַנטרעע קלאָמערשט צוּם חולה . אוּנ האָט דער ווייל אוֹיס געקוּקט אַלעס ; וואָס איהם איז נייטיג געוועהן וויא אין לעבּען . צוּ דער קוּנפטיגער נאַכט .

אוֹיסשלאַג האַלבּע נאַכט . איז טיראדא אַרויף פוּנעם טאָרעם . וויא ער האָט זיך בּסוֹד אויף געהאַלטען בּיי איין חוֹלה . אויפען אייבּערשטען שטאָק . פוּן דאָרט איז ער

מיט אַ שמאהל פינסטערען שווינדעל לייטער צו געקומען צו איין פערריגעלטער טיר. וואס פיהרט אין מיטטעלסטען שטאק. ביי וועלכער עס איז שוין געשטאנען גרייט אַ וואכמאהן פון טיראדעס אנגענטען. טיראדא האט פון יענער זייט טיר געגיבען אַ פּאראל (אַ טיינע צייכען) און דער וואכמאהן האט איהם באלד אויפגעריגעלט דיא טיר. טיראדא איז מיטען שמאהלען אונטער קארידאר ארום געגאנגען דיא גאנצע צוויי גלוהע ווענד פונם הערצאג'ס צימערען ביים לעצטען ווינקעל האט ער גענומען אַ שליסעל אין איין האנד און מיט דער אנדערער האט ער. אונטערען מאנטעל אנגענומען זיין בלויזע שווערד. און אזוי האט ער צו געטרעטען צום ברייטען גרויסען קארידאר. וואס אין פראנט פארן הערצאג'ס צימערען. אין קארידאר האבען געברענט עטליכע העלע לאמפען. און אַ וואכמאהן האט זיך מארשירט היען און צוריק דורך דער גאנצער לענג פונעם קארידאר. מיט אַ ביקס אויפען אקסעל און אַ בלויזע שווערט אויף דער זייט. טיראדא האט פונעם ווינקעל אפּ געוואַרט דעם מאמענט. ווען דער זעלנער האט זיך אוים געדרייט אַ היען צו איהם מיט דיא פלייצעס. און שנעל וויא אַ פייגעלע איז ער שטיל איבער געלאפען אַ שטיק קארידאר צו דער ערשטער טיר. מאמענטאלנע האט ער אויף געשלאסען דיאזטיר און איז אריין געקומען אין אַ פינסטער צימער. טיראדא האט געוויסט אַז דאס צימער. איז דעם הערצאג'ס ארחיוו און פון דעם צימער האט ער נאך אַ פארצימער צום קאבינעט! ער האט זיך אויף אַ קורצע ווייַלע אפּ געשטעלט האט אַ קורצע טיעפהערציגע תפלה געטוהן צום אלמעכטיגען גאט. און פעסט אן גענעמענדיג זיין שווערד. האט ער אויף געשלאסען דיא צווייטע טיר און אויף דיא שפּיץ פינגער איז ער איבער געגאנגען דאס פינסטערע פאר צימער אויך און איז געקומען צו דער קאבינעטען טיר. ער הערט זיך איין אין דער טיר עס איז שטיל. ער קוקט אינעם לעכעל פונעם שלאס. ווייזט זיך איהם אויס עס איז פינסטער. נא האט טיראדא אַ טראכט געטוהן דאנקען און לויבען דיר ליבער גאט. יעצט וועל איך קאנען אוים פיהרען מיין זאך אהן אַ שום איבער שלאג כמעט. און וויא ער האט נאר אויף געשלאסען דיא טיר האט איהם אַ שלאג געטוהן אַ העלע ליכטיגע שיין פונם קאבינעט אַז ער איז מאמענטאלנע כמעט וויא פערשטיינערט געבליבען. נאר באלד איז ער צו זיך געקומען. און האט אן געהויבען ארומקוקען דאס צימער אין אלע זייטען. טאמער וועט ער יעמיצען דער זעהן. נאר ער זעהט אבער דאך ניט מעהר. וויא אַ גרויסען קאנטאר טיש פאר וואלעט מיט זשורנאלען און בריף. אויף איהם שטעהען צוויי גרויסע לאמפען און ביי דער זייט אַ גאנץ גרויסער פאטעל. וואס הייסט עס זאגט טיראדא ערשטוינט צו זיך אליין! לאמפען ברענען. ארבייט ליגט פערטיגע אויפן טיש און קיינער איז ניטא גאט זאל דאס זיין אַ נס פון דיר בכדי איך זאל גיך און בשלום מיין גרויסען צוועק ערייכען? נאר וויא ער קוקט אלץ אזוי אויף דער וואנד וואס אקייגען טיש בעמערקט ער עפּיס וויא אַ שטן פון אַ קאפּ שטעקט פונעם פאטעל ארויס. טיראדא האט אן געהויבען פאר שטעהען אַז אין פאטעל קער אודאי דרימלען דער הערצאג פלאטערענד אויף דיא שפּיץ פינגער. איז ער נענטער צום טיש צוא געטרעטען. ער קוקט זיך גוט איין אין פאטעל יא דער הערצאג אליין שלאפט אין פאטעל. טיראדא האט ארוים געהאפט זיין שווערד און איז צו געגאנגען צום פאטעל ער קוקט זיך איין אין דעם מערדעריש טיראנישען פנים. אין דיא שרעקליך באברייטע אויגען אין דיא גיפטיגע צוויי ליפען. יא עס איז ער דער מענטשען פרעסער. דער פערקער מיגער דער וועלט טיראן. יעצט שלאפט ער וויא אַ ליימענער גולם. אַ דוא וועלט מלאך המות. דוא גהנום שמש דוא אשמדאי. דוא ביסט יעצט ביי אַ מאראנע

אייניקער אין דיא הענט . ביי דיין אייגענעם א קרבן אין רשות . איין שטאך אין דיין מערדערישען הארץ . איז דיא וועלט שוין בעפרייט „נא וואס שטעהסטו ט׳ אדא ? עק אפ מיט איהם אונ גענוג“ ניין דאס טוא איך ניט אונזער רעליגיאן . אונזער טראדיציא אונ אונזער כאראקטער הייסט ניט א געבינדענעם שונא אבלינדען א פאר שלאפענעם הרגנען . שטעך איהם טיראדא אט אדעם שכור פון מענשענבלוט פאר שפארסטו מלחמות . מיט טויזענטער מענטשען קרבנות . און דיין נקמה פאר דיינע עלטערען זעהסטו שוין פאר דיא אויגען . ניין ? מיט זיין טויט וועל איך נאך גאר ווייניג אויס שפילען ; אזעלכע טיראנישע אלבום איז דא ביי פהיליפען אין זאפאס א סך ; אונ דער ווייל קאן זיך פאר ליינגערען מיין היילינגער פלאן . ניט דעם טיראן מיין איך צו טייטען נאר דאס גאנצע טיראניזם אויס ווארצלען . ניין קיין האר זאל דעם מערדער ניט געקרומט ווערען . אונ אזוי רעדענדיג צו זיך האט ער דיא שווערד אנידער געלייגט אויפען טיש . האט א האפ געטוהן דעם פאק פאר תתמה׳טע בריף אונ מיט דעם זעלבען וועג וואס ער איז געקומען איז ער בשלום ארויס פונעם דרווארעץ אונ האט נאך אלע טירען פאר שלאסען נאך זיך צוריק .

אין א פאר שעה ארום האט זיך אלבו אויף געכאפט אונ האט פון פאר שלאפענקייט א ווייל גאר ניט געוויסט . וויא ער איז אין דער וועלט ענדליך האט ער זיך דאזערעכעט אונ האט בעמערקט וויא דיא לאמפען געהן שוין כמעט אויס . א זאגט ער ציהענדיג זיך דיא צירקוליארען האבען מיך גוט אויס געמאטערט . אז איך האב געקענט אזוי געשמאק אנטשלאפען ווערען אויף אזא צייט . אונ מיט דיא ווערטער האט ער זיך אויף געהויבען פונם פאטעל . מיט דער מיינונג זיך א ביסעל דורך געהן איבערן צימער . אונ וויא ער האט זיך אזוי אנגענומען ביים טיש אויף צו הייבען . האט זיך איהם א ווארף געטוהן אין דיא אויגען דאס ליידיגע שטיק פלאטץ . וויא דער פאק צירקוליארען איז געלעגען . ער טוט א קוק א נאמען פון א צירקוליאר איז ניטא אונ אויף דעם ארט ליגט גאר א גלאנצענדע בלויזע שווערד . פאר שטיינערט האט דער מענטשען טיגער א געשריי געטוהן וואס טוט זיך עס דא מיט מיר ? גנבים . מערדער ; איזמעניקעס . שפיאנען ביי מיר אין קאבינעט . נאר באלד האט ער זיך בארעכענט אז דיא זאך איז שוין פערפאלען . אונ דער וואס האט דאס אפ געטוהן איז שוין געוויס ניטא אין דרווארעץ אונ דער ליארעם וועט איהם נאר קאמפראמענטירען ביי דער וועלט בכלל אונ ביי זיינע אלע דינער בפרט . אז איהם דעם גרויסען טיפען דורך געטריבינעם דיפלאמאט האט מען ביי איהם אין זיין קאבינעט . אזוי מיאוס אן געפייפט . אונ אזוי האט ער נאר גענומען א לאמפ אין דער האנד אונ איז גאנץ געלאסען ארויס געגאנגען אין קארידאר אונ האט א פרעג געטוהן דעם וועכטער איז דא ניט געוועהן אימיצער ? דער וועכטער האט איהם גאנץ פעסט גיענטפערט אז ניין אונ אלבו איז צוריק אין קאבינעט אריין . נאר וויא ער האט זיך הארץ געמאכט . דאך האבען איהם טויזענטער געדאנקען ניט געלאזט רוהען . ער האט זיך בערעכענט נאך אמאהל דער מענטש איז דאך ניט נאך מיין געלט געקומען . זיין גאנץ מוכר נפש זיין זיך איז דאך נאר אפנים געוועהן וועגען דעם אז ער זאל מיין סוד ארויס געבען אונ דער מיט זאל ער מיין גאנצען פלאן צו שטערען . אונ וויא עס ווייזט אויס האט דער מענטש אפנים געוויסט מיין פלאן פון אלף ביז תיו . פאלגליך אז דער מענטש איז אפנים טאקע איינער פון מיינע ערשטע פארטרויטע מענטשען אונ אז ער מיינט נאר מיין פלאן שטערען ניט מיך . זעה איך דאך ארויס דער פון אז מיין לעבען איז ביי איהם אין דיא הענד געוועהן אונ ער האט מיר אפילו קיין האר ניט געקרומט .

און קאם אזוי מוז איך טאקע באלד זעהן פאר רעכטען און פאר שטעלען דעם גנב זיין וועג. און אין די געדאנקען איז אלכּו אפּ געזעסען ביז טאג. און קאם טאג האט ער געלאזט רופען זיין אמת פאר טרויעטען סעקרעטאר און האט איהם געהייסען איבער נייעס אן שרייבען די אלע צירקוליארען נאך מיט מעהר רציחה. און סערדעריא. און מען זאל זיי באלד צו געבען אלע קאמענדאנטען. און חוץ לזה האט ער באלד ארויס געגעבען איין אוקאז. אז מען זאל שטרענג אכטונג געבען אויפען חיל און אויף די אפיצערען. אז ביי א מינדסטער רעוואלוציאנע בעוועגונג זאלען זיי זעהן וויא ווייט מעגליך פאר חאפען דאס פייער ביים ערשטען מאמענט.

אלכּו האט געמיינט אז דער מיט וועט ער שוין געווים פאר רעכטען די זאך. נאר וואס די פארגאנגענע שטונדע שלאגט אוים. קאן מען שוין מיט דער גאנצער עוויגקייט ניט פאר חאפען. טיראדא האט נאך די נאכט אוספּיעט ארוים צו שיקען דרייסיג קוריערען מיט די צירקוליארען אין אלע נידערלאנדישע שטעדט צוא די אלע בורגעמיסטערס פון יעדער שטאט. אז זיי זאלען איבער צייגען דאס פאלק אין זייער טיפען אונגליק. וואס אלכּו וויל אויף זיי אנווארפען. און זיי זאלען למען השם אויף שטעהן אלע וויא איין מענטש און זאלען ניט אריין לאזען דאס שפּאנישע חיל אין קיין שטאדט אריין. דער פאקט האט גאנץ נידערלאנד אויף געוועקט פונם שלאף וויא אדינער האט עס יעדען געטראפען אין זיין הארץ. זייא האבען זיך פון גרוים ביז קליין איבער צייגט אז אלכּו איז נאר אויסען. זיי אלע אוים צו קוילען און זייערע פארמייגענס צו נעמען. די פינסטערע בשורה איז שנעל וויא א פייל אויסען בויגען איבער געלאפען פון שטאדט צו שטאדט. פון דארף צו דארף און פון שטוב צו שטוב אפילו א שיף ערגעץ אין נידערלאנדישען מער איז אויך באלד געוואר געווארען דער פון מען האט אימעדים געמאכט אסיפות. רעמאנטירט די פעסטונגען. אן געפילט די הרסינאלען. געשטעלט באטאריעס. און אלע איינוואהנער זיינען געשטאנען גרייט געוואפענט. צו שלאגען זיך מיטען בלוט שונא ביז דעם לעצטען טראפען בלוט און טאקע אין דעם זעלבען טאג איז דער אראניער פרינץ מיט פיר און צוואנציג מעליטער שיפען. מיט זיין גאנצען פלאט אריין אין בריוסעלער פארט. און האט איהם שוין טאקע באלעגערט פון אלע זייטען. דער הערצאג אלכּו האט זיך איבער צייגט. אז דעם שאדען. וואס דער גנב האט איהם געמאכט. איז נישט נאר שוין ניט צום פאר רעכטען. זאנדערען ער האט נאך א סך מער פאר ערגערט דעם הערצאג זיין פריהריגע פאליטיקא אין דעם לאנד. ווארען אזוי האט יעדער נידערלאנדישער בירגער נאר אין הערצען געטראגען זיין און צו פרידענהייט. אבער איין עפענטליכער געגנער צו זיין. האט ער אפילו ניט געוואגט צו דענקען. און יעצט זיינען אלע פון דער העזה ארוים און די רעוואלוציאן האט זיך צו פלאקערט וויא א העלעש פייער. און דאס האט אנגעמאכט ווער? ער אליין זיין שעה שלאפען האט איבער קערט זיין גאנצע דיפלאמאטי מיטען קאפ אראפ און מיט די פוס ארויף. ארום געהענדיג אזויא צו קאכט פון ווייטיג און שאנדע. אין זיין קאבינעט האט איהם צו פעליג א בלישצע געטוהן טיראדעס שווערד. וואס איז נאך אלץ געלעגען אויפען טיש. ער איז מאשינאלנע צו גענאנגען צום טיש און האט ווידער אן געהויבען באקוקען די שווערד. האט ער בעמערקט אויף דער קלינג. לעבען דער שטיעל זיינען אוים געקריצט די פיר ווערטער „דוא מאראנען און נידערלענדער" א האט ער אוים געשריגען מיט א לעווען שטימע, אט די צוויא פאר ניכטעטע סעקטען: מיינע שטענדיגע צוא טרייטענע ווערעם. מיינע אבשייליכע ברוטערען האבען זיך צו זאמען גענומען מיינע

פלענער צו שטערען אונ מיין כבוד צו דער ערד טרעטען . אט א דיא נבלות ווירען שטירצען דיא שפאנישע רעגירונג אונ אום ווארצלען דיא היילינגע אינקוויזיציאן . איין איינציגע מלחמה האב איך מיט אייך . א מלחמה ביז מיין לעצטער מינוט אינם לעבען .

דיא זעלבע ווערטער . נאר אין איין עדלען ערהאבענעם זינען . האט טיראדא איך געזאגט . אויפגעטצענדיג זיך אויף דער שיף אין אמסטערדאם . צו פאהרען מיט דאן סאמאיל פאלאחי קיין ליסאבאן . איין איינציגע מלחמה האב איך מיט שפאניען אונ מיט דער אינקוויזיציאן ! א מלחמה פון טויט אונ פערניכטונג דאס פייער וואס איך האב אן געצונדען אין נידערלאנד . וועט שוין ברענען אין אלע עקען פון איירא‍פא א פינסטערע טעג געהן אויף נידערלאנד הונדערטער מענטשען זיינען שוין געפאלען פאר זייער פרייהייט אונ נאך טויזענטער וועלען פאלען . נאר מיט דיא היילינגע קרבנות וועט שפאניען מיט איהר אינקוויזיציא אבער אויך פאלען איין איינציגע מפלה און מיר פאר שאלטענע יודישע קינדער וועלען נאך דא . אין דעם לאנד גענייסען פרידען פריידען אונ פרייהייט גלייך מיט אלע בירגער .

יא כבוד אונ גליק צו דיא מאראנען אונ נידערלאנדער ! אדיע דוא ליבעס לאנד אדיע איהר אלע העלדען . וואס פאר גיסט בלוט פאר דער פרייהייט אמת אונ יושר אדיע צום שנעלסטען ווידער זעהן מיט אייך .

דאן סאמאיל איז אויך געשטאנען אויף דער שיף מיטען פנים צום לאנד נאר זיין שווער הארץ האט פון איהם ארויס געווארפען דיא פארגענגענע ווערטער : אדיע דיא פינסטערע מרה שחורה'דיג לאנד . וואס דוא האסט מיר צו שלאגען מיין לעצטע זיסע האפנונג אדיע איך זאל דיך איביג מער ניט אן קוקען .

---

. 5

# דאס הויז פון דאן גאספאר לופיץ האמאן

דער בערעג פונם טייך טאיא . אין צפון זייט גיט זיך אוים מיט גאנץ הויכע פראכטפאלע בערג אונ היגלען צווישען וועלכע עם געפונען זיך זעהר שיינע טיפע טאהלען . וואס ליגען אזוי טיף פאר שטעלט אין דיא בערג אריין . אז אפילו דיא שיפס פאסאזשירען ביים ברעג . קאנען זיי אויף קיין פאל ניט ארויס זעהן . צווישען צוויי הויכע בערג פון דיא פאריגע געבירגע . וואס זענען בעוואקסען מיט געדיכטען וואלד . ציהט זיך א גאנץ שמאהלער שליאך פונם ברעג טאיא . איבער א סך בערג אונ וועלדער געדרייט אונ געשלייננגעלט . ביז אין א גרויסער פלאכער טאהל . וואס ליגט זיך גאנץ שטיל אליין צווישען הויכע . ענגענדיגע היגלען אונ פינסטער געדיכטע וועלדליך . דיא מאהל איז זעהר שיין אונ איינגענעהם . אונ אבוואהל קיין שפאציר פלעטצע מיט בלומען סעדער איז דארט ניטא . נאר דער פאר איז זיא בעשאטען מיט געטריידע פעלדער אונ אלערליי גארטענוואוארג . און גאר אין עק . אין א ווינקעל אריין אונטער א הויכער ענגענדיגער סקאלא שטעהט זייער א שיין אנגענעהעם הויז ארום געריננגעלט מיט א וועלדערע . אין וועלכען דיא איינוואהנער פון דארט . געפונען זיך איין אנגענעהמענע רוה אונ שטילע פרידען נאך דעם רעש אונ גערידער . וואס אין דער רעזידענץ שטאדט ליסאבאן .

אִינֶם בְּרֵייטֶען לִיכְטִיגֶען קָארִידָאר. וָואס פַאר דֶעם שְׁטִילֶען אֵיינְזַאמֶען הויז. גֶעפוּנֶען זִיךְ יֶעצְט צְווֵיי מֶענְטְשֶׁען. אִין אַ גְרוֹיסֶען טִיפֶען פַאטֶעל זִיצְט אַ קְרַאנְקֶער. אָפּ גֶעצֶערְטֶער זֶעכְצִיג יֶאהְרִיגֶער מַאהְן אָנְגֶעשְׁפַּארְט אוֹיף אַ קֵיילִיכְדִיגֶען טִישׁ וָואס שְׁטֶעהְט פַארֶען פַאטֶעל און אוֹיף וֶועלְכֶען עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁטֶעלְט לִיקָארְסְטְוֶועס און פֶערְשִׁידֶענֶע רַאקָאמֶעקֶעס צוּם קְווִיקֶען זִיךְ. און אַקֶעגֶען אוֹיף אַ שְׁטוּל זִיצְט אַ בֶּעיַאהְרְטֶע הִיבְּשֶׁע פְרוֹיא מִיט אַיין הַאנְד אַרְבֵּייט אִין דִיא הַאנְד. און קוּקְט אַלֶע וַוייְלֶע אוֹיף אִיהְר קְרַאנְקֶען מַאן און צוּ יֶעדֶער מִינוּט פַאר גְלָאצְט זִיא דִיא אוֹיגֶען צוּם הִימֶעל דִיא פְרוֹיא. אָבְּװָאהְל זִיא אִיז שׁוֹין אִין דִיא עֶלְטֶערֶע יָאהְרֶען. דָאךְ הָאט נָאךְ דִיא יוּגֶענְד גֶעלָאזְט אוֹיף אִיהְר זַיין זֶעגֶעל. וִויא מִיט אִיהְר אַמָאלִיגֶען שֶׁענְהַייט. אַזוֹי מִיט אִיהְר יוּנְגֶער זֶעלְבְּסְטְשְׁטַאנְדִיגְקַייט און עֶהְרֶען שְׁטָאלְץ. אִיהְר גֶעזִיכְט זָאגְט אַ יֶעדֶען אַז זִיא הָאט אַ סַךְ מִלְחָמוֹת גֶעפִיהְרְט אִין אִיהְר מָארַאלִישֶׁען לֶעבֶּען און אַ סַךְ שְׁטֶעהְט אִיהְר נָאךְ פָארָאוֹיס צוּ בָּארֶען זִיךְ אוֹיף אִיהְר עֶלְטֶער נָאר זִיא נֶעמְט אַלֶעס מִיט לִיבֶּע אָן אַבִּיא רֵיין. אוּנְשׁוּלְדִיג און אוֹיף רִיכְטִיג צוּ קוּמֶען אַהִין פַארֶען אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט אִין הִימֶעל.

דֶער קְרַאנְקֶער הֵייסְט מִיטֶען נָאמֶען. דאן גאספאר לופיץ האמאן. עֶר אִיז גֶעװֶעהְן אַ מָאהְל פוּן דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁפַּאנִישֶׁע סוֹחֲרִים אִין בַּארְצֶעלָאנָא און הָאט זַיינֶע מְסַחֲרִים גֶעטְרִיבֶּען אִין גַאנְץ אַזְיֶען און אֵייךָאפַּא. זַיין זֵיידֶע אִיז גֶעװֶעהְן אֵיין הֶערְצְפְּרֵיינְד פוּנֶם גֶעװִיסֶען יוּדִישֶׁען גֶעלֶעהְרְטֶען און פִינַאנְס מִינִיסְטֶער בַּיים קֵייזֶער פֶערְדִינַאנְד. דָאן יִצְחָק אַבְּרַבַּנְאֵל. און װֶען פֶערְדִינַאנְד הָאט אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶּען אַלֶע יוּדֶען פוּן שְׁפַּאנְיֶען און דֶער גְרוֹיסֶער פַּאטְרִיָאט דָאן יִצְחָק אִיז אוֹיךְ מִיט זֵיי אַװֶעק אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם דֶעמָאלְט הָאט גאכְּפַּאר׳ס זֵיידֶע זִיךְ נִיט גֶעװָאלְט שֵׁיידֶען מִיט זַיין גְרוֹיס פֶערְמֵייגֶען. און הָאט בֶּעסֶער אָנְגֶענוּמֶען דֶעם קַאטָאלִישֶׁען גְלוֹיבֶּען. אַבִּיא רוּהִיג צוּ בְּלַייבֶּען אִין זַיין בֶּעלִיבְּטֶען פַאטֶער לַאנְד. שְׁפַּאנְיֶען; מִיט זַיין לִיבֶּער פַאמִילְיֶע און פֶערְמֵייגֶען. גאספאר׳ס זֵיידֶע. אַזוֹי װִיא אַלֶע יוּדִישֶׁע אֲנוּסִים (מַארַאנֶען גֶעטוֹיפְטֶע מִיט גֶעװַאלְד) הָאט לְפָנִים. גֶעהַאלְטֶען דָאס קַאטָאלִיצִיזְם װִיא אֵיין הֶעכְסְט פְרָאמֶער גֶעבּוֹירֶענֶער קַאטָאלִיק מִיט אַלֶע פְּרָטִים און הָאט אֲפִילוּ אָפְּט גְרוֹיסֶע נְדָבוֹת גֶעשֵׁיינְקְט אוֹיף דִיא קִירְכֶען און מָאנַאסְטֶערֶען. און בְּסוֹד הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גֶעגִיבֶּען מִיט תּוֹרָה און תְּפִלָּה צוּ זַיין אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט און אִיז אִין זִיךְ גֶעװֶעהְן אַ יוּד מִיט אַלֶע פִּישְׁטְשֶׁעװְקֶעס דֶעם גַאנְג הָאט זַיין זוּהְן אוֹיךְ גֶעפִיהְרְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען און מִיט דֶעם זֶעלְבֶּען צְװֵייא פָּנִים׳דִיגֶען גַאנְג הָאט זִיךְ אוּנְזֶער גאספאר אוֹיךְ גֶעפִיהְרְט בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג. װָאס מִיר זֶעהְן אִיהְם קְרַאנְק אִין פַאטֶעל. בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים בְּסוֹד סוֹדוֹת הָאט עֶר גֶעדַאװֶענְט און גֶעלֶערְנְט גָאט און פוּן דֶער שְׁטוּב אַרוֹיס אַ שְׁרִיט ז״ז עֶר גֶעװֶעהְן אַ װַאהְרֶער פַאנַאטִישֶׁער קַאטָאלִיק אַזוֹי אַז נִימַאלְס הָאט מֶען נִיט בֶּעמֶערְקְט אוֹיף זַיין פָּנִים עֶטְװָאס אַ אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט אוֹיף זַיין נִידֶערִיג מָארַאלִישֶׁער לַאגֶע. און װִירְקְלִיךְ הָאט דִיא רָאלֶע גַאסְפַּאר׳ען טַאקֶע כְּלָל נִיט אוּנְבֶּערוּהִיגְט און אִיז זִיךְ תָּמִיד גַאנְץ צוּ פְרִידֶען גֶעװֶעהְן מִיט דֶער אַרְט לֶעבֶּען.

פוּנְקְט דֶער הֵפֶךְ פוּן גַאסְפַּארֶען אִיז גֶעװֶעהְן זַיין פְרוֹיא. דָאנָנא מַאיר רָאדְרִיגֶעס זִיא הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁטַאמְט פוּן מַארַאנֶען. נָאר אִיהְרֶע עֶלְטֶערֶען הָאבֶּען דָאס קַאטָאלִיצִיזְם אָנְגֶענוּמֶען נִיט צוּ לִיב זֵייעֶר פַארְמֵייגֶען. זָאנְדֶערְן דוּרְךְ גֶעבְּרוּנְטֶע לֵיידֶען פוּן דֶער אִינְקְװִיזִיצְיָאן. זֵיי הָאבֶּען זִיךְ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבֶּען גֶערִיסֶען פוּנֶם פִינְסְטֶערֶען שְׁפַּאנְיֶען. נָאר דִיא אִינְקְװִיזִיצְיָא הָאט אוֹיף זֵיי גֶעקוּקְט מִיט מִילְיָאנֶען אוֹיגֶען און הָאבֶּען זֵיי קַיין פְרַייעֶ מִינוּט נִיט גֶעלָאזְט. אַזוֹי הָאבֶּען זֵיי אִין כַּעס

פִּירְדְּרוּס שְׁמֶערְצֶען אוּנ טִיעְפֶהֶערְצְלִיךְ קְרֵיינְקוּנְג גֶעמוּזְט פַאר בְּרֶענְגֶען זֵייעֶר פִינְסְטֶער לֶעבֶּען מִיט זַיין צְוֵויי פָּנִים׳דִיגֶער רָאלֶע אִין דֶעם ווִיסְטֶען שְׁפַּאנְיֶען אוּנ מִיט דִיא זֶעלְבֶּע ווִינְדֶען אִין הַארְץ אוּנ שְׁטֶענְדִיגֶע מִלְחָמוֹת אִין זִיךְ אִיז דאננא מאיר אוֹיךְ עֶרְצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען . אוּנ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר גַאסְפַּאר׳ען אַז זִיא שׁוֹין אַ יְתוֹמָה גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ עַד הַיּוֹם לִיגְט אִיהְר טִיף אִין הַארְצֶען אָ אֵייבִּיגֶער בְּרֶענֶענְדִיגֶע שְׁמֶערְץ . אוּנ זִיא קָאן אוֹיף קֵיין פַאל נִיט צוּ פְרִידֶען בְּלַייבֶּען מִיט אִיהְר בִּיטֶערֶען צְוֵויי פָּנִים׳דִיגֶער לַאגֶע אַ סַךְ מָאל הָאט דאננא מאיר מִיט טְרֶערֶען גֶעבֶּעטֶען אִיהְר מַאן . עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס רַייסֶען פוּן דֶעם פִינְסְטֶערֶען שְׁפַּאנְיֶען . נָאר עֶר פְלֶעג זִיא אַלְץ טְרֵייסְטֶען . אַז דִיא זַאךְ אִיז שׁוֹין אֵיינֶע פַאר עֶלְטֶערְטֶע קְרֵיינְק . אוּנ מֶען הָאט זִיךְ גָאר נִיט וָואס צוּא עֶרְגֶערֶען אִיבֶּער דֶעם . אוּנ אָבְּוָואהֶל דִיא רֵייד הָאבֶּען זִיא גָאר וֵוינִיג גֶעטְרֵייסְט . נָאר גֶעלֶעהֶרֶעגְט הָאבֶּען זֵיי זִיא חָאטְשׁ אוֹיף אַזוֹי פִיל . זִיא זָאל אִיהְר טִיפֶען שְׁמֶערְץ אוֹיךְ קָאנֶען ׳וִים בֶּעהַאלְטֶען פַאר דֶער וֶועלְט . אוּנ פִיל וֶועניג ווַייזֶען אַ רוּהִיג פָּנִים .

נָאר גַאסְפַּאר׳ס גְרֵייכְגִילְטִיקֵייט מִיט אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע . רַייכֶע נְדָבוֹת אוֹיף דִיא קִירְכֶען הָאבֶּען אִיהְם אוֹיךְ נִיט גֶעהָאלְפֶען . נָאר אַ קוּרְצֶע צֵייט הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה . אוּנ בַּאלְד הָאט דִיא אוּנְגֶערִיגֶע אִינְקְוִויזִיצְיָאן גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג אוֹיף זַיין אוּנְגֶעהַארֶען רֵייכְטְהוּם אוּנ הָאט אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּירֶען אוֹיף יֶעדֶער מִינֶע . אוֹיף יֶעדֶען טְרִיט זִיא זָאל אִיהְם מִיט זַיין פַאמִילְיֶען אוּנ פַארְמֶעגֶען אַיינְשְׁלִינְגֶען לֶעבִּידִיגֶערְהֵייט . נָאר אַזוֹי וְוִיא גאספאר הָאט שׁוֹין אָבֶּער דוּרְךְ רַייכֶע נְדָבוֹת אוּנ מַתָּנוֹת אַ סַךְ גוּטֶע פְרַיינְד אוֹיךְ גֶעהַאט צְוִוישֶׁען דִיא אִינְקְוִויזִיטָארִישֶׁע אַגֶענְטֶען הָאבֶּען זֵיי אִיהְם ׳יִּים אַלֶעס מוֹדִיעַ גֶעוֶועהְן אוּנ הָאבֶּען אִיהְם גֶערַאטְהֶען . עֶר זָאל שׁוֹינֶען זַיין לֶעבֶּען בַּאלְד הָאט גאספאר בִּיסְלִיכְווַייס אָן גֶעהוֹיבֶּען אָפְּצִיעֶן זַיין קַאפִּיטַאל אוּן סְחוֹרוֹת אִין דִיא אִיטַאלְיֶענִישֶׁע בֵּיינְק . אוּנ דִיא הֵיימִישֶׁע מַאגַאזִינֶעס הָאט עֶר לְפָנִים אָנְגֶעשְׁטִיפְּט מִיט גַאנְץ לֵייכְטֶע . אוּנְווִירְדִיגֶע סְחוֹרוֹת . אוּנ דֶער צוּא הָאט עֶר נָאךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שֵׁם . אַז עֶר וִויל עֶרְשְׁט גָאר אָנְהֵייבֶּען קוֹיפֶען גְרוֹיסֶע גִיטֶער אִין שְׁפַּאנְיֶען בִּכְדֵי לֶאנְגֶער אוֹיף צוּ הַאלְטֶען דֶער מִיט דִיא אִינְקְוִויזִיצְיָאן פוּן אִיהְר מֶערְדֶערִישֶׁען גֶעדַאנְק . אוּנ וְוִיא עֶר אִיז שׁוֹין מִיט אַלֶעס פֶערְטִיג גֶעוָוארֶען . אִיז עֶר מִיט דֶער פַאמִילְיָא בְּכֹּוד סוֹדוֹת אַנְטְלָאפֶען פוּן שְׁפַּאנְיֶען קֵיין לִיסַאבָּאן (דִיא רֶעזִידֶענְץ פוּן פָּארְטוּגַאל) אוּנ אָבְּוָואהְל פָּארְטוּגַאל אִיז נִיט בֶּעסֶער גֶעוֶועהְן פוּן שְׁפַּאנְיֶען צוּ דִיא יוּדֶען . נָאר עֶרְשְׁטֶענְס הָאט דָאךְ גַאסְפַּאר נִיט גֶעמֵיינְט אִין לִיסַאבָּאן מֶעהְרֶער יוּד צוּ וֶוערֶען עֶפֶענְטְלִיךְ . וְוִיא אִין שְׁפַּאנְיֶען . צְוֵוייטֶענְס הָאט עֶר אִין פָּארְטוּגַאל אַ פֶעסְטֶע שְׁטִיצֶע גֶעהַאט . וֶועלְכֶע הָאט אִיהְם גֶעקָאנְט דָאס לֶעבֶּען גֶעוִויס פֶערְזִיכֶערֶען . דֶעם גֶעוֶועזֶענֶעם פָּארְטוּגַאלִישֶׁען קֶענִיג׳ס עֶמָאנוּאִיל׳ס צְוֵוייטֶער זוּהְן . דֶער הֶערְצָאג לוּדְוִויג מַאוֵויי הָאט גֶעהַאלְטֶען דֶער דָאנְנַא מַאִיר׳ס אַ מוּמֶע . אִיזַאבֶּעלַא רָאדְרִיגֶעס פַאר אַפְרוֹיא אוּנ דָאט מִיט אִיהְר גֶעהַאט אַזוּהְן דֶער פִירְסְט אַנְטָאנְיָא אַרְכִיפִּיסְקָאפּ אִין קְרַאטַא . פָאלְגְלִיךְ אַז דֶער פִירְסְט אַנְטָאנְיָא אִיז גֶעוֶועהֶען דֶעם קֶענִיג עֶמָאנוּאִיל׳ס אֵיין אֵיינִיקֶעל אוּנ דָאנְנַא מַאִיר׳ס אַ שְׁוֶועסְטֶערְקִינְד צוּא דֶעם פִירְסְט אַנְטָאנְיָא הָאט זִיךְ גאספאר גֶעוֶוענְדֶעט אוּנ עֶר הָאט בַּיים קֶענִיג סֶעוָואסְטְיַאן אוֹיס גֶעאַרְבֵּייט אַ פְרֵייא בִּירְגֶערְטְהוּם פַאר גאספאר׳ס פַאמִילְיֶען אִין לִיסַאבָּאן אוּנ דֶער פַאר הָאט גאספאר גֶעשֶׁענְקְט דֶעם קֶענִיג אַ מַתָּנָה . אַמָאנִיצְיָא אוּנ גֶעוֶועהְר אוֹיף טוֹיזֶענְד סָאלְדַאטֶען . פִיר דֶער מִלְחָמָה . וָואס סֶעוָואסְטְיַאן הָאט אוּנְטֶער גֶענוּמֶען גֶעגֶען אַפְרִיקַא .

דֶער פְרִיעֶדֶען גַאסְפַּאר׳ס הָאט אוֹיךְ פִיל נִיט גֶעדוֹיעֶרְט . דֶער קֶענִיג סֶעוָואסְטְיַאן אִיז טוֹיט גֶעפַאלֶען אִין דֶער מִלְחָמָה מִיט אַפְרִיקַא . אוּנ דִיא שְׁטָאדְט לִיסַאבָּאן אִיז גֶעוָוארֶען

א יאטקע פון מענשענבלוט. דיא בירגער דאבען קריג געפיהרט צווישען זיך איבער דעם אויפנעמען א נייעם קעניג; ווייל פראטענדענטען אויף פארטוגאלישען טראהן זיינען געבליבען פיר איינינקליך פון עמאנואילען יעדער האט זיך זיין פארטייע געמאכט אונ איינע מיט דער אנדערער איז געגאנגען אויף לעבען אונ טויט. איינער פון דיא פיר איז געוועהן פהיליפ דער שפאנישער קעניג. (איין איינינקעל פון עמאנואילס אטאכטער) אונ אבוואהל דאס פאלק האט פון דעם גרויזאמען גאר ניט געוואלט הערען אונ האט בעסער געוואלט דעם פרומען אנטאניא. נאר דיא אריסטאקראטיא מיט דער גייכטליכקייט זיינען איבער געקויפט געווארען פון פהיליפען. אונ האבען אין איין קול געשריגען. נאר פהיליפ אונ אזוי איז דאס שיינע לעבעדיגע ליסאבאן געווארען א היימיש שלאכט פעלד. גאספאר האט א קוק געטוהן. אז אין שטאדט איז שוין פאר איהם קיין תכלית ניט צו וואנען אונ סוף כל סוף קען ער אריין אין א געפאהר. האט ער זיך גאר מישב געוועהן אונ האט זיך באזעטצט אין זיין פארבארגענער דאטשע אין דער פאר בארגענער טאהל וואס מיר האבען דא פריהער בעשריבען. אונ אזוי איז דיא שטאדט מיט איהר רעש אונ טומעל. אפ געשטארבען פאר איהם אונ ער פאר דער שטאדט. נאר וואס דען דיא אלע עמיגראציעס אונ שרעקען האבען אויף איהם אונבעמערקט אליין ביסלעכוויים געווירקט. אונ קומענדיג אין זיין ניי אפגעזאנדערט וואוינונג. האט זיך דאס אלעס אפ געררופען. אונ גאספאר איז מיט יעדען טאג שוואכער אונ קראנקער געווארען. ביז מיר געפונען איהם יעצט געפעהרליך קראנק. זיטצענדיג אין זיין פאטעל אונ שפייטער מיט עטליכע מינוט איז ער אנדערימעלט געווארען.

וויא גאספאר איז נאר אנדרימעלט געווארען. האט זיך דאננא מאיר פארטיפט אין איהר אלטען שמערץ. אונ הייסע טרערען האבען איהר פון דיא אויגען געשלאגען דער מאנענדיג זיך אין איהר פארגאנגענהייט אונ פארזעהען דיא פינצטערע צוקונפט נאר פלוצעם האט זיך גאספאר אויף געהאפט אונ וויא ער האט בעמערקט איהר טרויריגעס געזיכט. האט ער מיט אלע קרעפטען איהר געזאגט.

ליבע מאיר! וואס איז דאס מיט דיר. וואס ווען איך קום עטוואס צו זיך בעמערק איך אלץ. אז דוא ביסט זעהער טרויעריג זאג מיר ליבע פרויא וועלכעס קומערט דיך אזוי טיף אין דיין הארץ?

וואס פרעגסטו מיין טייערער גאספאר? א קארגער ווייטיג איז מיר דיין קראנקהייט?

דאס איז אמת ליבע מאיר. דיין טרייהייט צו מיר ווייס איך גאנץ גוט. נאר ניט דאס אליין איז יעצט דיין שמערץ. ענטדעק זשע מיר מיין טרייע פרויא אלעס ווארען דיין קומער איז מיר ערגער פון אלע קריינק.

א ערגער זיך ניט מיין טייערער גאספאר איך בין פערזארגט וועגען אונזער דאן סאמאיל פאלאחי. אונ ווירקליך וואס זאל דאס זיין. וואס זייט זיין לעצטע בריף פון מידעלבורג. מיט דער גוטער בשורה איז שוין איינינע מאנאטע. אז מען הערט פון איהם קיין שום בעריכטע ניט?

איך ווייס ניט וואס דוא אונבערוהיגסט זיך אזוי מיין לעבען וועגען דעם פאלאחי? איך ווייס דען ניט. אז דוא האסט איהם ניט מיט דיין גאנצען ווילען פאר שפראכען אונזער טאכטער. וואס זשע דארפסטו אזוי נייטיג א בעריכטע פון איהם.

אמת טאקע אונזער יונגע צארטע עדעלע מרים איהם אלס בעיאהרטער אונ-בעקאנטער מאן. אפ צו גיבען איז מיר זעהער לייד. נאר וועגן אונזער אלגעמיינעם צוועק

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוֹיף אַלֶעס בֶּעשְׁלָאסֶען . אוּנ יֶעצְט אַז מִיר הָאבֶּען שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען כִּמְעַט בַּיים צְוֶועק . אוּנ עֶס וַוייזְט אוֹיס . אַז דִיא הָאפְנוּנְג אִיז אַזוֹי וִויא צוּ נִישְׁט גֶעוָוארֶען . אַוַודַאי טוּהְט דָאס מִיר הַארְצִיג בַּאנְק .

יָא וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפִּיס אִין לִיסַאבָּאן ? הָאט דֶער קְרַאנְקֶער אַפְּרֶעג גֶעטוּהְן .

וָואס גֶעהְט דִיךְ אָן . לִיבֶּער גאספאר דִיא רֶעזִידֶענְץ מִיט אִיהְרֶע אִינְטְרִיגֶעס ? הָאט מַאִיר גֶעזָאגְט דָא זֶענֶען מִיר גָאט זַיי דַאנְק פַּאר זִיכֶערְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶעָ צוּ פַאהְרֶן . זָאגֶענְדִיג דִיא וֶוערְטֶער הָאט זִיא זִיךְ דָאךְ נִיט גִיקֶענְט אַיין הַאלְטֶען . אוּנ הָאט זֶעהֶער אַטִיפֶען זִיפְטְץ גֶעטָאהְן .

דוּא פַּאר בָּארְגְסְט וֶוייטֶער פוּן מִיר דַיין אוּנ רוּהִיגְקֵייט ? הָאט גאספאר גֶעזָאגְט .

וָואס זָאל אִיךְ דִיר דֶער צֶעהְלֶען . מַיין לִיבֶּער כַּאן וָואס אִין לִיסַאבָּאן גֶעהְט פָּאהְר . פְּהִילִיפּ דֶער טִירַאן . שְׁטֵייט שׁוֹין מִיט זַיין אַרְמֶעע אוֹיף פָּארְטוּגַאלִישֶׁער גְרֶענֶעץ אוּנ אָט הַיינְט מָארְגֶען וֶועט עֶר אָנְפַאהְלֶען וִויא אַ טִיגֶער אוֹיפֶען לַאנְד . אוּנ וֶוער וֶועט זִיךְ אַקֶעגֶען דֶעם טִירַאן שְׁטֶעלֶען ? דַארִיבֶּער גַאאר אִיךְ דָאךְ אַזוֹי אַ בֶּערִיכְטֶע פוּן אוּנְזֶער פַאלַאהִין .

אֵיי לִיבֶּע מַאִיר . הָאט גאספאר גֶעזָאגְט גְלֵייבּ מִיר . אַז נָאר דַיין לוּסְט צוּא עֶמִיגְרִירֶען אִין אַפְרַיי לַאנְד . וִויא מֶען זָאל קֶענֶען פְרַייֶע עֶפֶענְטְלִיכֶע יוּדֶען וֶוערֶען . אָ דָאס שְׁטֶעלְט דִיר שְׁטֶענְדִיג פָאר פַאלְשֶׁע שְׁרֶעק בִּילְדֶער פַאר דַיינֶע אוֹיגֶען . אוּנ צוּם אֱמֶת אִיז דָאס נָאר אֵיין אַנְבִּילְדוּנְג . וָוארֶען גְלֵייבּ מִיר אוּנְזֶער אנטאניא הָאט אוֹיךְ אוּנְגֶעהַאר פִילֶע אַנְהֶענְגֶער אִינֶם פָאלְק . אוּנ זַיין הָאפְנוּנְג אִיז נָאךְ אוֹיךְ נִיט פַאר לָארֶען אוּנ וֶוען פְּהִילִיפּ אֲפִילוּ זָאל שׁוֹין טַאקֶע צַרוּיף אוֹיפֶען טְרָאהְן . נָא הָאט עֶר מֶער נִיט אִין זִינֶען נָאר אוּנְז צוּ פֶערְפָאלְגֶען ? וּבִפְרַט עֶר הָאט אָן אוּנְז שׁוֹין גֶעוִוים לַאנְג פֶערְגֶעכֶען .

הַדְוָאַי גאספאר פוּן דַיין מוֹיל אִין גָאטְס אוֹיעֶרֶען אַרַיין .

אַזוֹי רֶעדֶענְדִיג אִיז זֵייעֶר טָאכְטֶער מרים נאנעס אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ זֵייא מִיט אַ בְּרִיף אִין דֶער הַאנְד . מִיט דִיא וֶוערְטֶער . דִיא בְּרִיף הָאט קָארַאלוּ גֶעבְּרַאכְט פוּנֶם שְׁטָאדְט . אוּנ עֶר זָאגְט אַז הַיינְט וֶועט עכאנואיל אוֹיךְ קוּמֶען .

דִיא בְּרִיף זָאגְט מאיר . אִיבֶּער לֶעזֶענְד דֶעם אַדְרֶעס אִיז פוּן אוּנְזֶער דאן סאמאיל פאלאחי . הֶערְשְׁט פִינְף טָאג פוּן אַפַּארְטָא . וִויא פאלאחי קוּמְט קַיין אַפַּארְטָא . אוּנ פַאר וָואס אִיז עֶר אַהֶער נִיט גֶעקוּמֶען ? דָאס פַארְשְׁטֶעה אִיךְ נִיט .

אַ נוּא לֶעז נָאר מַאִיר . דִיא בְּרִיף הָאט גאספאר גֶעזָאגְט מִיט אַ הַארְבֶּען חֵשֶׁק . מַאִיר הָאט גִיעֶפֶענְט דִיא בְּרִיף אוּנ לֶעזְט .

מַיינֶע לִיבֶּע אוּנְד גֶעלִיבְּטֶע !

וָואוּנְדֶערְט אַייךְ נִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ פַארְזֶענְלִיךְ נִיט גֶעקוּמֶען מִיט אַייךְ זֶעהְן אִין מִידְדֶעלְבּוּרְג הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען נָאר בַּיים עֶרְרֵייכֶען אוּנְזֶער צְוֶועק . נָאר אִין אֵיין מִינוּט אִיז מַיין הָאפְנוּנְג צוּ שְׁלָאגֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף פְרַאךְ אוּנ אִיךְ בִּין כִּמְעַט דָארְט מִיט הַארְץ וֶוייטִיג אַוֶועק קַיין אַמְסְטֶערְדַאם . אוּנ פוּן אַמְסְטֶערְדַאם מִיט דֶער שִׁיף צוּ פָאהְרֶען קַיין לִיסַאבָּאן . נָאר אוֹיפֶען וֶועג אִיז גֶעוָוארֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער שְׁטוּרֶם אִין דֶער מִיט אַטְלַאנְטִישֶׁען מֶער אוּנ אַ חוֹדֶשׁ כְּסֵדֶר . הָאט עֶס מִיט אוּנְזֶער שִׁיף גֶעוָוארְפֶען וִויא אַ מַאַיאטְשׁ פוּן אִינְזֶעל צוּ אִינְזֶעל . אוּנ אוּנְזֶער לֶעבֶּען אִיז טוֹיזֶענְמָער מָאהְל גֶעוֶועהְן בַּיים טוֹיט אִין דִיא הֶענְד . בִּיז עֶנְדְלִיךְ אִין דְרַיי חֳדָשִׁים אַרוּם הָאבֶּען מִיר זִיךְ קָאם מִיט פֶערְצְווייפֶעלְטֶען מְסִירוּת נֶפֶשׁ . צוּ גֶעשְׁלָאגֶען קַיין אַפָּארְטָא . יֶעצְט

מוז איך באלד אפרייזען קיין מאראקא צו מיין גנעדיגען סולטאן אפ צו גיבען חשבון פון מיין רייזע . אונ פון דארט וועל איך וויא אם שנעלסטען קומען צו אייך קיין ליסאבאן אונ וועל ביי אייך בעטען דיא האנד פון אייער טהייערער מרים נונעס . אין וועלכער איך דיינק טאג אונ נאכט אונ מיין לעבען איז אין איהר בעהאנגען . אונ איך פערהאפ . אז זיא וועט מיר געוויס ניט ענטזאגען איהר ליבע . אונ וועט מיט מיר פאהרען אין מיין פעטען פראכטפאלען פאטער לאנד מאראקא . אויף צו פיהרען מיט מיר איין אייביגעס גליקליך זיס לעבען .

אייער טיראדא האט מיר טריי געדינט דיא גאנצע צייט . נאר זיין חאראקטע קאן איך ניט קלערען . עפים איז ער אלץ תמיד צו געהאלטען אונ פערבארגען . אונ קיין איבריג ווארט איז פון איהם ניט ארויס צו קריגען . ער האט מיר א בריף געבראכט פונם אראגיער פרינץ . נאר וויא אזוי ער האט בעקומען דעם בריף . איז איהם עפים וויא ניט אנגעשטאנען מיר צו זאגען . אונ בכלל פלעגט ער דיא גאנצע צייט זיך אלץ פערשווינדען ווערען פון מיר . אונ קיין איינציג ווארט מיר ניט זאגען וועגען זיינע טיינע געשעפטען . ענדליך פאהרענדיג מיט מיר פון אמסטערדאם . איז ער ביים אנפאנג שטורם פערשווינדען געווארען אונ איז וויא אין וואסער אריין איך האב געפרעגט געזוכט געפארשט ביים קאפיטאן אונ ביי דיא מאטראסען אונ פאסאזשירען . אונ קיינער האט מיר וועגען איהם קיין שום בעריכטע ניט געקאנט גיבען ; עס קען זיין אז ער איז חלילה בעת שטורם דער טרונקען געווארען . אוודאי טוהט עס מיר זייער לייד . נאר גאט ווייסט אז איך בין ריין פון איהם . איך קוש אייך דיא הענד אונ איבער הויפט דער טהייערער מרים נונעס אונ פערבלייב אייער עוויגער הערצענפריינד .

דאן סאמאיל פאלאחי .

אפ לעזענדיג דיא בריף האט דאננא מאיר א זיפטץ געטוהן פון איהר טיפען הערצען אונ מיט האלב וויינענדיגער שטימע האט זיא צו איהר מאן געזאגט . ניטא יאקאוו א אונזער לעצטע שטיטצע איז אויך פערלוירען . דיא צארטע מרים הערענדיג איהר מוטערס וויינענדיגע ווערטער . האט זיא מיט העכסט קינדערשען אונשולד א פרעג געטוהן . ווער איז דער יאקאוו . איז דאס ניט אפשר דער שיינער יונגער מענטש מיט דיא שווארץ בליצענדע אויגען אונ מיט לאנגע געגרייזעלטע שווארצע האר . וואס איז ביי אונז אין שטוב איינינגע מאהל געוועהן פאר דאן סאמאיל'ס אפ רייזען ? א מיר איז אויך זעהער באנק . אויב ער איז דער טרינקען געווארען . נאר זאגט מיר ליבע מוטער וואס לייגט איהר זיך אזוי אוועק וועגען איהם ?

דאס איז טהייערע טאכטער אונזערער א סוד . וועלכען מיר קאנען דיר נאך יעצט ניט ענטדעקען ! נאר זאג מיר מיין טהייערע . דוא ביסט געפאסט צו געהען פארען הער פאלאחי נאך מאראקא ?

פערצייעט מיר טרייע עלטערען . האט מרים מיט צוויא פאר שעהמטע רויזען באקען אונ אראפ געלאזט בריימען געזאגט פערצייעט מיר אז איך וועל אייך זאגען ניין . פאר זיין הבטחה וואס ער האט אונז פערשפראכען . אז ער וועט פיר אונז און פיר פילע אנדערע אונגליקליכע ברודער געפונען א פריי ארט ערגעץ אין אייראפא . וויא מיר זאלען עפענטליך קאנען וויא פאלקאמענע יודען דינען דעם לעבעדיגען גאט בין איך פערטיג געוועהן צו אפפערען בעדיי מיט זיך אהן ווילען גערען . אבער קאם האט זיך זיין הבטחה אויס געלאזט צו נישט . צו וואס זשע זאל איך טוהען א זאך וואס געגען מיין ווילען . ובפרט נאך אליין אהן אייך געהען אין פרעמד ווילד אפריקאנישט

לאנד

לַאנְד . וִויא הִיטֶען אִיהְר אַלֵיין ווֶילְט אוֹיךְ אוֹיף קֵיין פַאל נִיט גֶעהֶען ? נֵיין לִיבֶּע עֶלְטֶערֶען דָאס דַארְפְט אִיהְר גָאר נִיט פָאדֶערֶען פוּן מִיר !

חָלִילָה ! הָאט דאננא מאיר אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטוּהְן . מִיט וַוארֶעמֶע מוּטֶערְלִיכֶע גֶעפִיהְלֶע . דִיךְ צוּרֶעדֶען צוּ אֵיינֶער זַאכֶע . צוּ וֶועלְכֶער דוּא הָאכְט קֵיין חֵשֶׁק נִיט . לָאז זִיךְ פאלאחי גֶעזוּנְדְטֶערְהֵייט זִיטְצֶען אִין מָארָאקָא . אוּנ אוּנְז וֶועט מִן הַסְתָּם דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער גָאט אוֹיף וֵוייזֶען עֶפִּים אַ וֶועג . וִויא אַרוֹים פוּן אוּנְזֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער לַאגֶע זִיךְ אוֹיס צוּ דְרֵייֶען !

יָא הָאט מִרְיָם מִיט הֵייסֶע טְרֶערֶען אוֹיס גֶעוֶועהְנְט . דֶער לִיבֶּער גָאט קָאן הֶעלְפֶען אוּנ וָואלְט אוּנְז גֶעווִיס אַרוֹיס גֶעהָאלְפֶען פוּן אוּנְזֶערֶע נוֹיטֶען . נָאר וֶוען זְשֶׁע ?.. אָ טְהֵייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען פֶערְצֵייעֶט אַיְיעֶ אוּנְשׁוּלְדִיג ; נִידֶערְגֶעשְׁלָאגֶענֶעם קִינְד אוֹיף אִיהְרֶע וֶוערְטֶער גֶעגֶען אַייךְ . מִיט [illegible] הָאבֶּען מִיר דֶען פֶערְדִינְט בַּיי גָאט זַיינֶע הוֹיכֶע גְנַאדֶען צוּ אוּנְז ? אַז דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען שְׁפִּילֶען מִיר אַ צְווֵיי פָּנִים'דִיגֶע פַאלְשֶׁע רָאלֶע גֶעגֶען אִיהְם . מִיר וֵוייסֶען בַּיי [illegible] דֶעם גְרוֹיסֶען פַאר בְּרֶעךְ . וָואס מִיר טוּהֶען גֶעגֶען גָאט . אוּנ דָאךְ הַאלְטֶען מִיר זִיךְ אִין אִיהְם אוּנ מִיר מֵיינֶען אָפּ נַארֶען גָאט . גְוַואלְד וָואס לִיגֶען מִיר דֶען דָא אִין דֶעם וִוינְקֶעל זִינְדִיגֶען לַאנְד ? נָאר צוּ לִיבּ אוּנְזֶערֶע מַאטֶערְיַאלִישֶׁע פֶערְגְנִיגֶען . אוּנ וֶועגֶען אוּנְזֶערֶע מָארַאלִישֶׁע אִינְטֶערֶעסֶען הָאבֶּען מִיר זִיךְ גָאר קַארְג וָואס בֶּעשֶׁעפְטִיגְט . פַארְן כָּבוֹד גֶעלְט אוּנ רוּהִיג לֶעבֶּען הָאבֶּען מִיר גֶעזָארְגְט . אוּנ דֶער הֵיילִיגֶער גְלוֹיבֶּען . רֶעלִיגְיֶע אוּנ יוּדֶענְטְהוּם . אִיז אוּנְז אֲפִילוּ אִין זִינֶען נִיט גֶעלֶעגֶען .

נָא . מִיט וָואס זְשֶׁע פַאר אַ רֶעכְט קָאנֶען מִיר פֶערְלַאנְגֶען הִילְף פוּן דֶעם . וָואס מִיר הָאבֶּען בִּיז אַהֶער לַחֲלוּטִין נִיט אִין זִינֶען גֶעהַאט ?

דִיא פַייעֶרִיגֶע עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער . הָאבֶּען דֶעם קְרַאנְקֶען גַאסְפַארֶען וִויא מִיט טוֹיזֶענְד דָאנְנֶערֶען דֶער שְׁלָאגֶען . עֶר אִיז וִויא אַ כְנָאפּ גֶעפַאלֶען אִין פַאטֶעל . אוּנ אִיז הַרְגָשׁוֹת גֶעבְּלִיבֶּען . דאננא מאיר ווִידֶער פוּן אִיהְר זַייט אִיז פָאר פְרֵיידֶען גֶעפִיהְלֶע גֶעוֶועהְן הֶערֶענְדִיג פוּן אִיהְר זֶעכְצֶען יֶאהְרִיגֶער טָאכְטֶער . אַזֶעלְכֶע עֶרְהָאבֶּענֶע וֶוערְטֶער מִיט אַזַא הֵייסֶער גֶעפִיהְלֶע צוּ אִיהְר פָאלְק אוּנ צוּם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען . וֶוערְטֶער וֶועלְכֶע זִיא אַלֵיין הַאלְט זֵיי שׁוֹין צֶעהְנְדְלִיגֶער יָאהְרֶען אִין אִיהְר פֶעווִינְדֶעטֶען הֶערְץ אוּנ הָאט זֵייא נָאךְ בִּיז יֶעצְט פַאר קֵיינֶם נִיט אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען . נָאר וִויא זִיא הָאט אָבֶּער בֶּעמֶערְקְט . אַז אִיהְר קְרַאנְקֶער מַאן חַלוּשְׁט . אִיז זִיא מִיט אַ פְלַאטֶערְנִישׁ צוּ גֶעלָאפֶען אוּנ הָאט אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִינְטֶערֶען . אוּנ טַאקֶע דִיא מִינוּט הָאט זִיא פוּן אִיהְם גֶעהֶערְט דִיא וֶוערְטֶער . „בֶּערוּהִיג זִיךְ מַיין טְהֵייעֶרֶע פְרוֹיא עֶס אִיז מִיר שׁוֹין אַ סַךְ לֵייכְטֶער גֶעוָוארֶען" .

---

.6

## גַאספַארְס זוּהְן עֶמַאנוּאִיל

אַךְ וִויא פְרֵיידְט מִיךְ . אַייךְ צוּ זֶעהֶען אַלֶע דְרַיי אִינְאֵיינֶעם הָאט אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען אֵיין אַכְצֶעהְן יֶאהְרִיגֶער שֵׁיינֶער יוּנְגֶער מַאן . דֶער בֵּן יָחִיד פוּן גאספאר אוּנ דאננא מאיר . עמאנואיל אַרַיין קוּמֶענְדִיג פְלִיצִים אִין שְׁטוּב אַרַיין . ווִיכְטִיגֶע נַייעֶסֶען הָאבּ אִיךְ

אַייךְ גֶעבְּרַאכְט פוּן דֶער רֶעזִידֶענְץ שְׁטָאט. וִויכְטִיג אִיבֶּער הוֹיפְּט פַאר אַייךְ מַיינֶע לִיבֶּע עֶלְטֶערֶען. אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ וִויא פוּן אַ טִיפֶען שְׁלָאף עֶרְוַואכְט. אוּנ הָאבֶּען אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט מוֹיל אוּנ אוֹיעֶרֶען אוּנ עמאנוּאִיל הָאט פָּארְט גֶעזֶעטְצְט.

נֶעכְטֶען בַּאנַאכְט אִיז אנטאניא אַרוֹיף אוֹיף פָּארְטוּגַאלִישֶׁען טְרָאהְן; אוּנ טַאקֶע בַּאנַאכְט הָאבֶּען אִיהְם דִיא גְוַוארְדְיָא. דִיא אַדְמִינִיסְטְרַאצְיָאן אוּנ דִיא גַארְנִיזָאנֶען גֶעשְׁוָוארֶען אוֹיף טְרַייעֶר דִינְסְט. נָאר דִיא פִירְסְטֶען דִיא אַרִיסְטָאקְרַאטְיֶע אוּנ דִיא אַלֶע גֵייסְטְלִיכֶע פוּן לִיסַאבָּאן. זַיינֶען טַאקֶע בַּיי נַאכְט אַנְטְלָאפֶען פוּן דֶער שְׁטָאדְט אַרוֹיס. צוּם טָאג אִיז דָאס גַאנְצֶע לִיסַאבָּאנֶער פָּאלְק גֶעקוּמֶען צוּם דְוָוארֶעץ. אוּנ וִויא דֶער קֶענִיג אַנְטָאנְיָא הָאט זִיךְ נָאר גֶעוַיאוֶועט פַאר זֵיי אוֹיפֶען בַּאלְקָאן. הָאבֶּען זֵייא אַלֶע אִין אֵיין דָאנֶנֶער שְׁטִימֶע אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען אוּרַא. עֶס לֶעבֶּע וָואהְל דֶער קֶענִיג אנטאניא אוּנ מִיט פְרֵיידֶען גֶעפִיהְלֶע הָאבֶּען זֵייא אִיהְם אַלֶע צוּ גֶעשְׁוָוארֶען טְרַייהֵייט. בַּאלְד נָאכְדֶעם הָאט אנטאניא צוּ שִׁיקְט מַאנִיפֶעסְטֶען אִיבֶּער גַאנְץ פָּארְטוּגַאל וֶועגֶען זַיין טְרָאהְן בֶּעשְׁטֵייגוּנְג. אוּנ פוּבְּלִיקַאצְיֶעס צוּם פָּאלְק זֵיי זָאלֶען זִיךְ מָאבִּילִיזִירֶען אִין אֵיינֶער אַרְמֶעע. אוּנ זִיךְ שְׁטֶעלֶען גֶעגֶען פהילִיפ׳ס חַיִל. וָואס וִויל מִיט אוּנְרֶעכְט אוּנ בֶּעטְרִיג צוּ נֶעמֶען דִיא מְלוּכָה. וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֶעהְלֶען מַיינֶע לִיבֶּע עֶלְטֶערֶען. דִיא גַאנְצֶע יוּגֶענְד אִין פָּאלְק. אִיז בֶּעגֵייסְטֶערְט מִיט הֶעלְדֶענְטְהוּם אוּנ פֶערְטִיג זִיךְ צוּ שְׁלָאגֶען פַארְן קֶענִיג אוּנ פַארְן פַאטֶער לַאנְד בִּיז אִין לֶעצְטֶען טְרָאפֶּען בְּלוּט. דִיא הַארְסִינַאלֶען זַיינֶען אָפֶען אוּנ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ פֶערְשְׁרַייבֶּען אוּנ נֶעמֶען גֶעוֶועהְר. מִיט אֵיינֶעם וָוארְט עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער שַׁאנְס. אַז אִין אֵיינִיגֶע טֶעג זָאל זִיךְ מַאבִּילִיזִירֶען אַ גַאנְץ הִיבְּשֶׁע אַרְמֶעע.

נָא אוּנ דוּא מַיין זוּהְן. הָאט דאננא מאיר אַ פְרֶעג גֶעטוּהְן. עמאנוּאִילען הָאסְט זִיךְ גֶעזֶעהֶען מִיט אנטאניא׳ן?

אַ פְרַאגֶע גַאנְץ פְרִיא. וִויא אִיךְ בִּין צוּ גֶעקוּמֶען צוּם דְוָוארֶעץ. הָאט עֶר מִיךְ גֶעלָאזְט רוּפֶען. אוּנ מִיט פַאטֶערְלִיכֶע לִיבֶּע הָאט עֶר מִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט דִיא וֶוערְטֶער. אִיךְ בִּין פֶערְזִיכֶערְט אַז דוּא אוּנ דַיינֶע קָאמֶערַאדֶען. מֶענְדֶעס. מֶעדֵיירֶעס. בִּילְמָאנְטִי. דִי פִּינְטוּ. לַאבָּאטוּס אוּנ דִיא אִיבְּרִיגֶע. וֶועט מִיר גֶעווִיס אִין מַיינֶע נוֹיטֶען שְׁטֶעהֶען. אוּנ אִיהְר וֶועט גֶעווִיס שְׁטְרֵייטֶען פַאר דֶעם לַאנְד. וֶועלְכֶעס הָאט אַייךְ מִיט לִיבֶּע אַרַיין גֶענוּמֶען אִין זַיין שׁוּטְץ. אִיךְ הָאבּ דָאס אִיהְם פֶעסְט פַארְזִיכֶערְט אוּנ הָאבּ אִיהְם דַארוֹיף מַיין הֵיילִיגֶע שְׁבוּעָה גֶעגֶעבֶּען.

גאַספּאר אוּנ דאננא מאיר זֶענֶען פַאר צִיטֶערְט גֶעוָוארֶען. נָאר מִרְיָם׳ן הָאבֶּען דִיא וֶוערְטֶער דֶער קְוִויקְט אִין אַלֶע גְלִידֶער. אַז אִיהְר בְּרוּדֶער וִויל נְקָמָה נֶעמֶען פוּן פְהִילִיפֶּ׳ן אִיהְר בְּלוּט פַיינְד פוּן אִיהְר פָּאלְק. עמאנוּאִיל. נִיט בֶּעמֶערְקֶענְד דֶעם שְׁלֶעכְטֶען אַיינְדְרוּק. וָואס עֶר הָאט אוֹיף דִיא עֶלְטֶערֶען גֶעמַאכְט. הָאט אוֹיס גֶעלָאזְט זַיין עֶרְצֶעהְלוּנְג מִיט דִיא וֶוערְטֶער. יֶעצְט לִיבֶּע טְרַייעֶ עֶלְטֶערֶען בִּין אִיךְ נָאר גֶעקוּמֶען אַייעֶר בְּרָכָה צוּ נֶעמֶען פוּן אַייךְ פַאר מַיין גֶעהֶען אִין דֶער מִלְחָמָה אַרַיין.

גאַספּאר הָאט דֶעם זוּהְן שְׁטַארְקֶע פָּאר וִוירְפֶע גֶעמַאכְט. פַאר זַיין לֵייכְטְזִינִיגְקֵייט וָואס עֶר וִויל זִיךְ אָפְּפֶערֶען אוּמְזוּסְט. אָהְן אַ שׁוּם נוּטְצֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דֶער מִיט. אוּנ אֶפְשַׁר נָאךְ דֶעם גְרֶעסְטֶען אוּנְגְלִיק אוֹיף זֵיי אַלֶע אָנְשִׁיקֶען פוּן דֶעם טִירַאנִישֶׁען פְהִילִיפּ נָאר עמאנוּאִיל. נָאךְ אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען פֶערְצְוֵוייפְלוּנְג. הָאט גִיעֶפֶענְט דָאס מוֹיל מִיט פַייעֶרְלִיכֶער גֶעפִיהְלֶע אוּנ הָאט גֶעזָאגְט.

וִויא זְשֶׁע דֶען טְהֵייעֶרֶער פַאטֶער. נָאךְ דַיין מֵיינוּנְג? זָאלֶען מִיר דֶעם טִירַאן גָאר אָהְן אַ טְרָאפֶּען בְּלוּט עֶפֶענֶען דִיא טוֹיעֶרֶען פוּן פָּארְטוּגַאל. אוּם עֶר זָאל עֶס

נָאךְ דֶעם מַארְטִירֶען מִיט זַיינֶע מֶערְדֶערִישֶׁע אִינְקְווִיזִיטָארֶען ? אִיהְר וֵוייסְט דֶען נִיט - אַז קָאם פַאר טְרֵייט פְהִילִיפּ אוֹיפֶען פָּארְטוּגַאלִישֶׁען טְרָאהְן . זַיינֶען מִיר פֶערְלוֹירֶען ? פָּארְטוּגַאל הָאט דָאךְ אוּנְז מָארַאנֶען . פָּארְט אוֹיפ גֶענוּמֶען אוּנְטֶער אִיהְר שׁוּטְץ שׁוֹין ווִיפֶעל יָאהְרֶען . נָא זָאלֶען מִיר שְׁטֶעהֶען פַאר לֵייגְט דִיא הֶענְד אִין אִיהְר עֶרְגְסְטֶער קְרִיטִישֶׁער לַאגֶע ? אָ לִיבֶּער פַאטֶער . אַז דֶער גְרוֹיסֶער קְדוּשׁ הַשֵּׁם פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מַארְטִירֶטֶע עֶלְטֶערֶען אִין דֶער אִינְקְווִיזִיצְיָאן וֶועגֶען זֵייעֶר גְלוֹיבֶּען אוּנ רֶעלִיגְיָאן הָאבֶּען אוּנְז לַאכְטְזִינִיגֶע צְוֵויי פָּנִים׳דִיגֶע אֵיינִיקְלִיךְ שׁוֹין יָא עֶרְוֶועקְט צוּ דֶער הֵיילִיגֶער גֶעפִיהְלֶע פוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף קְדוּשׁ הַשֵּׁם ווִילְסְטוּ מִיר שְׁטֶערֶען דִיא הֵיילִיגֶע אִידֶעע . פַאטֶער אנטאניא אִיז בַּיי זַיין גַאנְצֶען פַאנַאטִישֶׁען קַאטָאלִיצִיזְם . אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ הוּמַאנֶע הֶערְץ אוּנ מִיט גֶעפִיהְלֶע פוּן רַחֲמָנוּת . עֶר הָאט מִיר גֶעבְּטֶען דִיא וֶוערְטֶער גֶעזָאגְט .

עמאנואיל אוֹיף גְלוֹיבֶּען אוּנ רֶעלִיגְיָאן אִיז דָא אַ רִיכְטֶער אִין הִימֶעל . הֵיינְט אַז דֶער גְרוֹיסֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער רִיכְטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין מִינְדֶעסְט בַּאשֶׁעפֶענִישׁ . וִויא זְשֶׁע וַואגְט אֵיין מֶענְטְשׁ דֶעם אַנְדֶערֶען צוּ מִשְׁפְּטֶ׳ן אִיבֶּער גָאטְס זַאכֶען ? אַלְזָא עמאנואיל . זָאג אִיךְ דִיר אַז קָאם בְּלֵייבּ אִיךְ פֶעסְט אוֹיף פָּארְטוּגַאלֶער טְרָאהְן . וֶוער אִיךְ פוּן מַיין לַאנְד אַ גַן עֵדֶן מַאכֶען פַאר אַלֶע נַאצְיֶעס אוּנ גְלוֹיבֶּענְס אִין דֶער וֶועלְט . דָאס זַיינֶען דֶעם קֶענִיג אַנְטָאנְיָא׳ס וֶוערְטֶער אוּנ עֶר וֶועט זֵיי גֶעווִיס מְקַיֵּים זַיין . נוּא וִויא זְשֶׁע זָאלֶען מִיר נָאךְ דֶעם אַלְלֶעמֶען נִיט אָפְּפֶערֶען מִיט אוּנְזֶער לַייבּ אוּנ לֶעבֶּען צוּ־רֶעטֶען דִיא פְרַייהֵייט אוּנ דִיא וַוארְהֵייט פוּנֶם טִירַאנִישֶׁען שֶׁקֶר אַרוֹיס .

גאספאר הָאט גוּט אוֹיס גֶעהֶערְט עמאנואילס רִירֶענְדֶע רֵייד . אוּנ מִיט אַ טִיפֶען זִיפְטְץ הָאט עֶר אִיהְם גֶעזָאגְט . בִּיסְט אַוַדַאי זֶעהֶער גִירֶעכְט מַיין לִיבּ קִינְד . אוּנ אַלְוַאי וָואלְט דָאס גַאנְצֶע פָּארְטוּגַאלִישֶׁע פָאלְק גֶעווֶעהְן מִיט דַיין מֵיינוּנְג אָבֶּער דֶעם הוֹיכֶען פְרָאמֶען מֶענְשֶׁענְלִיבְּלִיכֶען אנטאניא . נָאר וֶוער וֵוייסְט עֶס נָאךְ מֶעהְר וִויא דוּא . אַז טַאקֶע נָאר אִיבֶּער אנטאניא׳ס עֶדְלֶע גֶעפִיהְלֶען הַאסֶען אִיהְם דִיא פִירְסְטֶען מִיט דִיא גֵייסְטְלִיכֶע . אוּנ פהיליפען . פַאר זַיינֶע טִירַאנִישֶׁע דֶעסְפָּאטִישֶׁע טְאַהְטֶען הָאבֶּען זֵייא לִיבּ . נוּא וָואס וֶועלֶען אוֹיס פִיהְרֶען דָאס בִּיסֶעל אָרֶענְטְלִיכֶע אֶמֶת׳ע מֶענְטְשֶׁען אַקֶעגֶען דֶער מַאסְסַא פַאלְשְׁקֵייט אוּנ עֶגָאִיזְם ? אֵיי דָאס פָאלְק ? גְלֵייבּ מִיר מַיין קִינְד . דָאס פְרָאסְטֶע פָאלְק וֶועט זִיךְ נָאר בְּרִיָה׳ן אוֹיפֶען מוֹיל בִּיז דֶער בֶּעשְׁלָאסֶענֶער מִינוּט . אוּנ קָאם וֶועט עֶס דֶער הֶערֶען אַ שָׁאס . וֶועט זִיךְ עֶס צוּ גֶעהֶען וִויא זַאלְץ אִין וַואסֶער . אוּנ טַאקֶע נָאר אִיהְר עֶטְלִיכֶע עֶדֶעלֶע יוּנְגֶע לַייט וֶועט זַיין דָאס אוּמְזוּסְטִיגֶע כַּפָּרָה הִינְדֶעל .

אוֹיף דִיא פְּרַאקְטִישֶׁע וֶוערְטֶער הָאט שׁוֹין עמאנואיל גָאר קֵיין אַנְטְוָוארְט נִיט גֶעהַאט . נָאר דאנגא מאיר הָאט אִיהְם אַבִּיסֶעל אַרוֹיס גֶעפִיהְרְט פוּן זַיין פֶערְצְווֵייפֶעלְטֶען צוּ שְׁטַאנְד . מִיט דִיא וֶוערְטֶער . זָאג זְשֶׁע מִיר לִיבֶּער גאספאר זָאל אנטאניא נָאךְ דַיין מֵיינוּנְג אִיבֶּער גֶעבֶּען זַיין לִיבֶּעס פַאטֶער לַאנְד דֶעם טִירַאן אִין דִיא הַאנְד אַרֵיין . אוּנ זָאל זִיךְ גָאר נִיט פְּרִיוֶוען אֲפִילוּ אַקֶעגֶען צוּ שְׁטֶעלֶען ? דָאס וֶועט אָרֶענְטְלִיךְ זַיין דָאס וֶועט שׁוֹין זַיין פוּן זַיין זַייט . דַארְף עֶר זְשֶׁע דֶען נִיט חָאטְשׁ דֶעם עֶרְשְׁטֶען שְׁלַאכְט פִיהְרֶען . אוּם חָאטְשׁ יוֹצֵא זַיין גֶעגֶען דֶער הֵיילִיגֶער פְלוּכְטֶע פוּן פַאטֶער לַאנְד . אוּנ נָאךְ פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערֶענְס פַאטֶער לַאנְד ? אוּנ קָאם עֶר דַארְף דָאס טוּהְן אוּנ מוּז דָאס טוּהְן . אוּנ עֶר זוּכְט זִיךְ דֶער הִינֶען הִילְפֶע פוּן אוּנְזֶער זוּהְן מִיט זַיינֶע קָאמֶערַאדֶען זָאל עֶס אִיהְם עמאנואיל אָפּ זָאגֶען ? הַא ? מִיר דַאכְט דָאס אִיז גֶעווִיס קֵיין יוֹשֶׁר נִיט . עמאנואיל אִיז מִיר גֶעווִיס אַזוֹי לִיבּ אוּנ טְהֵייעֶר וִויא דִיר . נָאר דָאס וָואס עֶר מוּז טוּהְן . דָאס קָאן אִיךְ אִיהְם אוֹיף קֵיין פַאל נִיט שְׁטֶערֶען .

גאספּאר סַיי וְסַיי זַיינֶען מִיר פֶערְפַאלֶען . בַּיי פהיליפּען שְׁטֶעהֶען מִיר דִיא עֶרְשְׁטֶע אוֹיפֶען אַטְשֶׁערֶעד צוּם פַאר בְּרֶענְגֶען . אַלְזָא אִיז נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג אַ סַךְ גְלַייכֶער שֶׁענֶער אוּנ אָרֶענְטְלִיכֶער צוּ שְׁטַארְבֶּען דֶעם עֶרְגְסְטֶען הֶעלְדֶען טוֹיט ; אֵיידֶער וִויא שְׁטִימֶע שָׁאף גֶעקוֹילֶעט וֶוערֶען פוּן פהיליפּ׳ס תַלְיָנִים .

גַאסְפַּארֶען הָאבֶּען מאיר׳ס וֶוערְטֶער שְׁטַארְק גֶערִיהְרְט , אוּנ נָאךְ אֵיינִיגֶע מִינוּט שְׁוַויגֶען הָאט עֶר אַ וִוינְק גֶעטוּהְן עֶמַאנוּאִילֶען . עֶר זָאל צוּ גֶעהֶען צוּ אִיהְם . עמאנואיל אִיז מִיט אַ גֶעווֵיין גֶעפַאלֶען דֶעם פַאטֶער אִין דִיא צִיטֶערֶענְדֶע אַרֶעם . אוּנ פוּן גְרוֹיס לִיבֶּע אוּנ רַחֲמָנוּת אִיז עֶר גֶעפַאלֶען אִיהְם צוּ דִיא פוּס .

גאספּאר הָאט אִיהְם אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיינֶע אוֹיס גֶעצֶערְטֶע הֶענְד אוֹיפֶען קָאפּ אוּנ הָאט אִיהְם מִיט הֵיים בְּרֶענֶענְדִיגֶע טְרֶערֶען גֶעזָאגְט . דוּא גֶעהְסְט אִין דֶער מִלְחָמָה . נָאר שְׁוֶוער מִיר צוּ מַיין קִינְד . אַז אִין אַלֶע דַיינֶע נוֹיטֶען . אִינֶם גְרֶעסְטֶען קְרִיגְ׳ם פַייֶער זָאלְסְטוּ נִיט פַאר גֶעסֶען דַיין עֶדְלֶע טְהַייֶערֶע מוּטֶער מִיט דַיין צַארְטֶער אוּנְשׁוּלְדִיגֶער שְׁוֶועסְטֶער . דוּא זֶעהְסְט מַיין לִיבּ קִינְד . אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין נָאר אַ שָׁטָן נָאךְ אֵיין בְּלָאז אִיז אֵיין עֶק פוּן מִיר . אוּנ נָאר דוּא בְּלַייבְּסְט זֵייעֶר פַאטֶער זֵייעֶר שׁוּטְצֶער . זֵייעֶר טְרֵייסְט אוּנ זֵייעֶר רֶעטֶער . גֶעה מַיין קִינְד שְׁטְרֵייטֶען וִויא אַ הֶעלְד פַאר דֶער הֵיילִיגֶער אֱמוּנָה . פַאר דֶער תּוֹרָה פַאר דַיין אוּנְגְלִיקְלִיךְ פָאלְק . פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערֶען אוּנ פַאר דַיין פַאטֶער לַאנְד . נָאר וַוארְף זִיךְ נִיט אִין פַייֶער אַרַיין . וֶוען דַיין טוֹיט וֶועט קֵיין נוּטְצֶען נִיט בְּרֶענְגֶען קֵיינֶעם . גֶעדֶענְק דַיין פְרוּמֶע מוּטֶער אוּנ שְׁוֶועסְטֶער אוּנ זֶעה זָאלְסְט לֶעבֶּען פוּן זֵייעֶרֶעט וֶועגֶען .

עמאנואיל אִיז נָאךְ אַלְץ כִּמְעַט וִויא חַלָשׁוּת גֶעלֶעגֶען צוּם פַאטֶערְס פוּס . בִּיז דאננא מאיר הָאט אִיהְם אוֹיךְ מִיט בְּלוּטִיגֶע מוּטֶער טְרֶערֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט . אוּנ אוֹיפְ־הֵייבֶּענְדִיג אִיהְם פוּן דֶער עֶרְד . הָאט זִיא אִיהְם גֶעזָאגְט גֶעה מַיין לִיבּ קִינְד לָאז זִיךְ דֶער פַאטֶער אַבִּיסֶעל אָפּ רוּהֶען . אוּנ בַּאלְד הָאט מִרְיָם גֶעחַאפְּט עמנואילען אוּנְטֶער דִיא אַרֶעם אוּנ זַיינֶען בֵּיידֶע אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער שְׁטוּבּ . אוּנ דאננא מאיר הָאט זִיךְ גֶעחַאפְּט מִינְטֶערֶען גאספּארען פוּן זַיין חַלוּשׁ׳עֶן .

---

## 7.

# דֶער קֶענִיג מִיט זַיינֶע גְלִידְגֶעשְׁוֶועסְטֶער־קִינְדֶער

גאספּארס וֶוערְטֶער זַיינֶען מְקוּיָם גֶעוָוארֶען . פוּן דֶער גַאנְצֶער פָאלְקְם מָאבִּילִיזַאצְיָא הָאבֶּען זִיךְ קָאם דְרַיי אָבֶּער פִיר טוֹיזֶענְד מַאן פוּן דִיא יוּנְגֶע לַייט גֶעאָפְּפֶערְט צוּם שְׁלַאכְט פִיר אנטאניא׳ן . אֱמֶת דָאס בִּיסֶעל מֶעלִיטֶער הָאט זִיךְ הֶעלְדִישׁ גֶעשְׁלָאגֶען מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְן פַאטֶער לַאנְד . נָאר אֵיין שְׁוַואלְבּ קָאן פָארְט קֵיין זוּמֶער נִיט מַאכֶען אוּנ וָואס הָאט גֶעקָאנְט מַאכֶען אַזַא זְשְׁמֶענְקִי מֶענְטְשֶׁען אַ קֵייגֶען אַזַא אוּנְגֶעהַאר גְרוֹיסֶער אַרְמֶעע וִויא פהיליפּס ? אַוַדַאי זַיינֶען הֶעכֶער הַאלְבּ גֶעפַאלֶען אִין שְׁלַאכְט אוּנ דִיא אִיבְּרִיגֶע זַיינֶען פֶערְוָואוּנְדֶעט גֶעוָוארֶען אוּנ אִין פְלֶען אַרַיין גֶעפַאלֶען . אוּנ דֶער וֶועג קֵיין לִיסַאבָּאן אִיז פְרַאנְק אוּנ פְרַיי גֶעוָוארֶען פַאר דֶעם שְׁפַּאנִישֶׁען מֶעלִיטֶער ; נָאר פהיליפּ הָאט נָאךְ נִיט גֶעהֵייסֶען דֶעם חַיל אַרַיין טְרֵייטֶען קֵיין לִיסַאבָּאן . בִּיז עֶר וֶועט נִיט וִויסֶען וִויא עֶר הַאלְט מִיט פָּארְטוּגַאלִישֶׁען פָאלְק . אוּנ דַארִיבֶּער הָאט עֶר דִיא

ארמיע געלאזט שטעהען אויף ליסאבאנער גרענעץ. אונ האט דער וייל צו שיקט גארניזאנען אין אלע פארטוגאלישער פראווינצען. מען זאל ביסליכווייס אנצוימען דאס פאלק אונ דער נאך זאל ער עפענטליך. מיט טרוימפף זיך קומען קריינען אין ליסאבאן. דיא פינסטערע בשורה פונם שפאנישען נצחון איז אן געקומען אין דער רעזידענץ. אונ פון דארט איז דאס בסוד אן געקומען אין דעם פאר בארגענעם טאהל צו גאספארס פאמיליע.

דיא זון איז שוין מיט איהר א האלבען געזיכט געשטאנען פון יענער זייט גארניזאנט אונ נאר דיא שפיץ ביימער האבען זיך נאך בעלייכטעט פון איהרע לעצטע גאלדענע שטראהלען. באלד האט דיא נאכט צו שפרייט איהרע שווארצע פליגעל אונ האט בעדעקט דיא וועלט. א קליין ווינטעל האט קאם בעוועגט דיא בלעטליך אויף דיא ביימער אונ אלעם אין דעם פאר בארגענעם טאהל האט פערשטימט וויא דער טויט. נאר איין דאננא מאיר ראדריגעס איז געשטאנען אין פענסטער מיט אויס געגלאצטע אויגען צום הימעל אונ אין איהר פערוואונדעטען הארץ האט עס געראושט וויא חוואליס אין ים. איהרע געדאנקען זיינען איבער געפלויגען פון שרעק אין שרעק פון זארג אין זארג. וואס טוהט זיך מיט איהר ליבען עמאנואילען? איז ער אין פרעמדען געפאלען. צו פערוויגדעט געווארען. צו אפשר גאר געשטארבען? קאראל וואס איז מיט איהם מיט געגאנגען אין מלחמה אריין. איז נאך ניטא וואזשע זאל דאס בעטייטען? וואס ערווארטעט איהר הויז. אז דיא שפאניער וועלען אריין קיין ליסאבאן? וואס וועלען דיא מערדער טוהן מיט איהר אלטען קראנקען מאן. אונ וואס וועט זיין מיט איהר שיינער טאכטער מרים נונעם?

גאספאר זייט דיא טאכטער האט איהם איהר פאר ווירף געמאכט וועגען זיין גרייכגילטיגקייט צו זיין גלויבען. אונ זייט עמאנואיל איז אוועק געגאנגען אין שלאכט איז אלע מאהל געפעהרליכער געווארען. אונ פון זיינע שרעקליכע פארשטעלונגען האט ער בעקומען אפטע ספאזמעס פון קאנוואולסיא אין וועלכע ער פלעג מיט א שרעקליכער שטימע אלץ שרייען. אז דיא אינקוויזיטארען חאפען איהם. טאסקען איהם. משפט'ן אונ ברענגען איהם. דיא אלע שרעקליכע אומשטאנדע האבען צערשמעטערט דאננא מאיר'ס לאנג פערוויגדעטע הארץ. אונ מיט דיא אלע פערצווייפעלטע שרעקליכע געדאנקען האט זיא געקוקט אין פענסטער אין דער טיפער ווייטער פינסטערער נאכט.

פלוצים בעמערקט זיא. וואס עס איז עפים וויא דורך געלאפען ביים פענסטער מאמענטאלנע האט זיא אנגעהאפט א גרויל. נאר באלד האט זיא זיך געשטארקט אונ האט אן געצינדען א ליכט אין שטוב. אונ טאקע אין דער מינוט עפענט זיך דיא טיר אונ א יונגער מאן אין מאטראסען קליידער איז אין צימער אריין.

ווער ביסטו? האט דאננא מאיר מיט א פראטערניש א פרעג געטוהן. אונ וואס דארפסטו דא ביי אונז? נישט אנטווארענד האט דער יונגער מאן אראפ געווארפען זיין הוט. אונ האט זיך געשטעלט געגען דאננא מאיר אין דיא אויגען דאננא מאיר קוקענד אויף איהם האט פלוצים מיט פריידען שרעק א געשריי געטוהן. טיראדא דוא ביסט דא טיראדא פון וואנען צו וואס? וויא האסטו אזוי אנגעשטעלט דיין לעבען צו קומען אהער אין אזא געפעהרליכער צייט אונ אין אזא לאנד. וויא אלע קאנען דיך אונ לאקערען אויף דיין לעבען?

איך קום פון ליסאבאן. איך האב פארט צונויף גענומען מיין רעשטעל אונגליקליכע ברודער פון דיא געקליבענע ארענטליכסטע תאראקטערען העלדישע היישע פאטריאטען. אונ וויא איך האב געוואגט קומען אין דעם לאנד. דאס איז

טהייערע דאננא מאיר קיין פראגע ניט. אלס בעסער אין פאל אז מען וועט מיך דער קענען. איך זאל אליין שטארבען. אײדער אלע מיינע בעליבטע אונגליקליכע ברודער זאלען פאלען קרבנות דער אינקוויזיציאן.

זאג זשע מיר. יאקאוו. וואס איז דיר איין געפאלען זיך צו פאר שטעלען פאר א מאטראס ?

איך פאר שטעל מיך ניט דאננא מאיר. האט טיראדא געאנטוואָרט. איך בין יעצט א ווירקליכער מאטראס. איך האב שוין גאנץ לאנג אויס געלערנט טעהארעטיש די קונסט פון שיפס קאפיטאן. נאר ארויס פאהרענדיג פון אמסטערדאם מיט פלאחין האב איך זיך מישב געוועהן. איך וועל מיך די קונסט פראקטיש אויך אויס לערנען אזוי האב איך מיך בעפריינדעט מיטען קאפיטאן און מיט די מאטראסען און האב שוין טאקע געארבייט צווישען אלע בעדינטע אויף דער שיף. און אז דער גרויסער שטורם האט זיך אויף געהויבען. האב איך אנגעבעטען דעם גאנצען עקיפאזש זיי זאלען ניט זאגען פלאחין וויא איך בין און האב מיך אליין פארשטעלט פאר א מאטראס און האב געארבייט אין די קאיעטען און אין די טרומען. און דער דריי חדשים׳דיגער שטורם האט מיר א סך פראקטיקא געגעבען אין דער קונסט ביז איך האב מיך געפיהלט פעיג א פאלקאמענער שיפס קאפיטאן צו זיין.

פערציילע מיר יאקאוו. וואס איך שלאג דיר איבער דיינע רייד. האט דאננא מאיר צו איהם געזאגט. האסטו ניט עפיס א בעריכטע געהאט אין ליסאבאן וועגען מיין עמאנואילען ?

עמאנואיל לעבט. גאט זיי דאנק. ער האט געשטרייט וויא א טאפפערער העלד ניט צו הערענדיג זיך צו דער וואונד. וואס ער האט בעקומען אין דער לינקער האנד נאר איינם רעכטען פייער האט איהם א שפאניער גוסאר דער לאנגט אזא שטארקען קלאפ. מיט דעם פריקלאד פון זיין ביקס איבערן קאפ. איז ער געפאלען חלשות אויפען ארט. אין דעם מאמענט איז קאראלו אן געלאפען און האט איהם פונם שלאכט פעלד אוועק געטראגען צווישען די דארטיגע בערג און וועלדער. און האט איהם אין איינינגע שטונדען דער מינטערט. און יעצט געהען זיי ביידע דורך פאר בארגענע וועגען און שטעגען. וועלכע נאר אייער קאראלו זיינען בעקאנט און מיר שיינט אז זיי דארפען גיך קומען אהער.

דאננא מאיר איז פאל פרייען געוואָרען פון דער בשורה. נאר מאמענטאלנע איז זיא ווידער טרויעריג געוואָרען וועגען איהר פינסטערע צוקונפט. און מיט א טיפען זיפצען האט זיא טיראדאן א פרעג געטוהן. זאג זשע מיר מיין פריינד וויא איז דיין מיינונג איבער אונזער צו קונפט. און וואס ערווארטעט אונז פאר אויס.

זעהער א שווערע פראגע האט איהר מיך געפרעגט. נאר דער תירוץ אויף איהר איז גאנץ איינפאך. נאך מיין מיינונג. זאלט איהר אלע אויגענבליקליך אנטלויפען פון פארטוגאל. ווארען דער שרעקליכער אינקוויזיטישער טויט האלט אייך שוין דרייא פערטעל אין זיינע טיראנישע הענד. איהר זיינט דאך נאך פערשידיקט ביי פהיליפען מיט דער אינקוויזיציאן. מיט אייער אנטלויפען פון שפאניען. און יעצט אז איהר זיינט נאך אנטאניא׳ס קרובים און זיינע מיט גלידער אין דער יעצטיגער פאליטיקא האט מען שוין וואס צו רעדען. טויט שרעקען האט אנגעהאפט מאיר׳ן הערענדיג די אמת׳ע ריינע ווערטער פון טיראדא׳ס מויל. און מיט פערצווייפלונג האט זיא אגעשריי געטוהן.

א מיר זענען פאר לוירען. וויא היען זאלען מיר לויפען און ווער וועט אונז רעטען.

בערוהיגט זיך טהייערע דאננא מאיר. דיא לעצטע פראגע פאר אנטווער איך
אייך דיא מינוט. פון איירעט וועגען האב איך מיך געלעהרענט שיפס קונסט. פון
איירעט וועגען בין איך צוהער אין דעם פייער אריין געשיקט. אונ פון איירעט וועגען
אפפער איך מיין לעבען צו יעדער מינוט. איך וועל אייך רעטען. איך מיט גאטט'ס
היפע ! ניט קיינער.

יאקאוו האט דאננא מאיר אויס געשריגען מיט הארץ. מיט וועלכען האבען מיר
עס פערדינט ביי דיר ?

פערדינט האט איהר נאך א סך מעהר וויא איך טוה אין אייך. איך האב ניט
פאר געסען דעם מאמענט. ווען איהר האט מיך גערעטעט פון דער אינקוויזיטישער
בראנד. אונ וויל עס אייבית ניט פאר געסען נישמער ניט יעצט איז דיא צייט צורערען
פון דאנקבארקייט הערט בעסער גוט אויס מיינע ווערטער. פון אפארטא בין איך
געפאהרען קיין קאדיקס אונ פון דארט האב איך מיטען ים ארומגעדרייזט אלע שפאנישע
פארטען. אום צו וויסען דעם צו שטאנד פון פהיליפס פלאט. אונ פאהרענדיג קיין
פארטוגאל האט מיר גאט באשערט צו קויפען זעהר א גוטע שטארקע אונ לייכטע שיף
אונ טאקע מיט איהר בין איך צו געקומען צום פארט שעטוואל. אינטערען בארג קאסטעל
עסציהער. דיא שיף איז וויא איין אדלער אויפען וואסער אונ דיא שרעקליכסטע
חוואלים אונ שטורמס לייכט זיא אויס. הערט זשע אויס דאננא מאיר. מיין פלאן
עמנואיל דארף היינט געוויס קומען. וויא ער וועט נאר קומען זאלט איהר זיך אלע
פערטיג מאכען צו דער רייזע. אונ וויא עס וועט נאר קומען דער טאג. אין וועלכען
שפאניש מעליטער וועט אריין קיין ליסאבאן. וועלען מיר דיא נאכט אנטלויפען. ניט
פריהר ניט שפעטער. וויא נאר ווען שפאנישער פלאט וועט שוין אריין אין דער טאיא
דעמאלט וועט אונז לייכט זיין ארום צו געהען אונטער דיא שפאנישע שיפען דעם טייך
טאיא אונ פון דארט אין ים אריין. אונ אייך דאננא מאיר ענטדעק איך. אז נאך
א מענטש וועט מיט אונז פאהרען. איך מיין דעם קעניג אנטאניא. וואס אנטלויפט פאר
פהיליפ'ן. דער עדעלמאן האט מיט אייך נאר גוטס געטוהן דארפען מיר איהם יעצט
אין זיינע נויטען שטעהען. דאס ליגט אין יודישען כאראקטער אונ אין זיין הייליגער
רעליגיאן. אונ ווידער האב איך נאך איין אנדער צוועק דערביי. איך מיין איך זאל
אנטאניא'ן ברענגען קיין פראנקרייך אדער קיין ענגלאנד. דיא צוויי מאכטע פערגינען
ניט מעהר פון אלע פהיליפען זיינע שטאנדיגע זיגען (נצחון). אונ יעצט אז פארטוגאל
מיט דיא פארטוגאלישע קאלאניען אין אמעריקא וועלען איהם אויך צו פאלען. וועלען
דיא צוויא געוויס ניט רוהען, אונ זיך זוכען צו איהם פאליטישע פראטענזיעם. ביז
זיי וועלען איהם ענדליך ערקלעהרען א קריג. היינט וויא געווינשען וועט דאס פאר
זיי זיין. אז דער פערפאלגטער אנטאניא וועט צו זיי קומען. אלס אנטלאפענער
בעטען זייער שטיצע אונ זיי זאלען זיך אן נעמען זיין קריוודע פון דעם. וואס גראבירט
מיט געוואלד אונ אונרעכט יענעמס טראהן ! דאס וועט שוין דיא ערשטע אונ דיא
בעסטע פראטענזיא זיין פאר זיי אקייגען אלע אייראפייעשע מאכטע. אונ קאם ערקלעהרן
זיי פהיליפען קריג. דאן בעקומען דיא נידערלענדער גאר נייע קרעפטע איהם צוא
שלאגען אונ ארויס טרייבען פון זייער לאנד. א חוץ וואס איך האב שוין דורך דעם
הערצאג פון נאקסאס. דאן יאזעף הנשיא אויפגערייצט דעם סולטאן סעלים אויך אויף
פהיליפען. פאר שטעהט איהר טהייערע דאננא מאיר. וויא גליקליך מיר זענען מיט
דעם צו פאל פון אנטאניא ?

אונ דוא יאקאוו מיינסט. אז ווען דיא נידערלענדער וועלען בעפרייט ווערען

פון שפאגישען יאך . װעלען זײ אונז מאראנען אויף נעמען אין זײער לאנד ? דוא האסט פאר געסען . אז זײ האבען אויך געטריבען יודען פונם לאנד ארױס ? נוא אונ דאס . װאס מיט פאלאחין איז פאר געקומען . קאן דען ניט דינען צום פאקט אויף זײער פאנאטיזם ?

אזו װאר װיא איך לעב . אזױ געװיס װעט נידערלאנד זײן דיא ערשטע שוטץ פאר יודען . יעצט איז דאס נאך ניט פעיג דער צוא . נאר נאך זײן בעפרײאונג װעט עס דער מענשענליבליכער פרינץ פון אראניען גאר איבער געבױרען מכל וכל . דאס איז א מלאך אויף דער ערד . דאס איז א הארץ פון דער מענשהײט . װען איך בין צו איהם דאס ערשטע מאהל געקומען מיט דער בריף פון דאן יאזעף הנשיא אונ האב איהם מײן גאנצען פלאן װעגען מײנע ברודער פאר געלײגט . האט ער מיר מיט א ליבליכער מינע געזאגט . איך װײס אז קאם װעט נידערלאנד אפען זײן פאר אלע נאציעם אונ גלויבענס . װעט איהר האנדעל אונ פאבריקאציא ערהײכען דיא שטופע װאס פראנקרייך אונ ענגלאנד . איך װעל ניט רוהען ביז איך װעל דײנע ברודער ניט זעהען אלס פרײע גליקליכע בירגער אין מײן לאנד .

אלזא טהײערע דאננא מאיר . מאכט אײך פערטיג צו דער נאכט . װאס איך װעל אײך קומען פאר נעמען אין מײן שיף אריין . אונ לאז פהיליפ ניט דער לעבען זײן נקמה אין אײך .

לאז דיר גאט העלפען יאקאװ . האט דאננא מאיר מיט א טיפען שמערץ געזאגט נאר מיר קאנען מיט אײך ניט געהען . זעה ליבער יאקאװ . מײן גאספאר ליגט בײם עק . אונ קאם װעגען מיר זיך צו רורען צו זײן בעט . איהם ארױס צו טראגען פון שטוב . אזױ שטארבט ער שױן טאקע פון שרעק אונטער אונזערע הענד . נוא מן הסתם איז דאך גאטעס װילען אזױ . אז מיר זאלען א קרבן זײן אויף קדוש השם װיא אלע אונזערע מארטירטע ברודער .

טיראדא איז דער ציטערט געװארען הערענדיג דאס . װאס ער האט זיך עס אין לעבען ניט גערעכט . אונ מיט א פערצװײפעלטקײט האט ער איהר געזאגט . איהר זעהט דאך אז גאספאר האט שױן נאר געצעהלטע טעג . נוא איז כדאי איבער זײנע עטליכע טעג לעבען זאלען עטליכע נפשות א כפרה זײן ? גאספארען קאן מען . דא לאזען אויף קאראלו׳ס הענד גאנץ זיכער . אונ איהר רעטעט אײער לעבען !

ניט דוא יאקאװ דארפסט אזעלכע װערטער לאזען פון דײן מויל ! ניט דוא דארפסט מיך עצה׳ן . איך זאל מײן געליבטען מאן מיט װעלכען איך האב דאס לעבען געטהײלט אין פרײדען אונ לײדען . פאר לאזען אויף דער שיקזאל אביא זיך רעטען . נײן יאקאװ אלע שרעקליכע טױטען פון דער אינקװיזיציאן װעלען מיך ניט אפ רײסען פון מײן ליבען טרײען מאן ביז זײן לעצטען אטהעם .

פערציהט מיר דאננא מאיר אויף מײן יונגען געאײלטען שכל איהר זענט אװדאי גערעכט . נאר װאס זשע דען פאר אײן עצה קאן אײך דא אײן אנדערער געבען אויסער איהר אלײן ; מאיר האט אײניגע מינוטען זיך פערטיפט . דער נאך האט זיא גאנץ רוהיג א זאג געטוהן . מײן עצה יאקאװ איז אז עמאנואיל מיט מרים׳ן זאלען אנטלױפען מיט דיר . אונ איך װעל דא בלײבען מיט מײן קראנקען גאספארען . אונ לאז זיך גאט טוהן מיט אונז װאס ער װיל . מײן חיות װעט מיר אװדאי אויס געהען אלע מינוט דײנקענד אין זײ אונטער דיא אויגען . פאר װאגעלט אין דער װײטער װעלט . נאר דאס װעט מיך אבער תמיד טרײסטען . אז איך װעל זיך דער מאנען מײנע ליבע קינדער זײנען מיט דיר . העלדישער . פרומער . טרײער יאקאװ .

אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֶעהֶער הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶע דאננא מאיר פַאר אַייעֶר טְרַיי צוּ טְרֶייסְטֶען צוּ מִיר. נָאר אֶיידֶער אִיךְ בֶּעשְׁלִיס מִיךְ דַארוֹיף. אִיךְ זָאל אוֹיף זִיךְ נֶעמֶען דִיא פְּפְלִיכְטֶע אוּנ דָאס פַארַאנְטוואָרְטְלִיכְקֵייט פוּן עֶלְטֶערֶען אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער מוּז אִיךְ אַייךְ פָאר אוֹיס זָאגֶען דִיא רֵיינֶע וַוארְהֵייט. וָואס לִיגְט שׁוֹין אַצֵייט טִיף בֶּעגְרָאבֶּען אִין מַיין הֶערְץ. אוּנ וֶוען אִיהְר זָאלְט מִיט דִיא קִינְדֶער מִיט פָאהְרֶען. וָואלְט דֶער הֵיילִיגֶער סוֹד מַיינֶער טַאטֶע וַוייטֶער גֶעבְּלִיבֶּען דָארְט וִויא עֶר לִיגְט בִּיז אִין אַ צֵייט. נָאר אַזוֹי וִויא אִיךְ אַלֵיין פָאר מִיט זֵיי. הָאבּ אִיךְ מוֹרָא טָאמֶער חָלִילָה אִיבֶּערֶען הוּנְדֶערְטֶען פַאל. וֶועלֶען מִיךְ מַיינֶע בְּרֶענֶענְדֶע גֶעפִיהְלֶע בְּרֶענְגֶען דֶער צוּא. אִיךְ זָאל וֶועלֶען אוֹיס גִיבֶּען דֶעם הֵיילִיגֶען סוֹד. אוּנ דָאס פָאלְגֶען מִיךְ מַיינֶע גֶעוִויסֶען אוּנ רָאזֶען מִיךְ נִיט רֶעזִיקִירֶען דַארוֹיף. בִּיז אִיךְ זָאל אַייךְ פְרִיהֶער וֶועגֶען דֶעם נִיט אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכֶען. אִיהְר זָאלְט וִויסֶען טְהַייעֶרֶע דאננא מאיר. אַז אַייעֶר טָאכְטֶער מִרְיָם הָאבּ אִיךְ שְׁטֶארְבְּלִיךְ לִיבּ. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מַיינֶע גֶעוִויסֶען אָפּ גֶערֵיינִיגְט אוּנ צוּנְד טוּהְט וָואס אִיהְר פַאר שְׁטֶעהְט.

יאקאוו. הָאט מאיר אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטוּהְן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶען פֶּערְדְרוּס. וִויא קָאנְסְטוּ דָאס וַואגֶען? וִויא קוּמְט אַ פְרַאנְצִיסְקַאנֶער אַרְמֶער מַאנַאךְ צוּ דֶער שֵׁיינֶער מִרְיָם גוּנֶעס. פוּן דֶער גְרֶעסְטֶער שְׁפַּאנִישֶׁע פַאמִילְיֶען. הַאמַאן אוּנ רָאדְרִיגֶעס? אִיז דָאס אֶרֶענְטְלִיךְ יאקאוו. פוּן דַיין זַייט אַז דוּא זָאלְסְט זִיךְ וֶועלֶען בֶּענוּטְצֶען מִיט אוּנְזֶער בִּיטֶערֶער נוֹיט.

בֶּערוּהִיגֶען זִיא זִיךְ דאננא מאיר. הָאט טיראדא אִין הַאלְבּ כַּעַס הַאלְבּ שְׁטָאלְץ גֶעזָאגְט. אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶען גֶעזָאגְט. אִיהְר זָאלְט מִיר אַייעֶר טָאכְטֶער גִיבֶּען פַאר אַ פְרוֹיא; וָוארֶען אִיךְ וִויל זִיא נֶעמֶען פַאר אַ פְרוֹיא? אִיךְ הָאבּ אַייךְ נָאר גֶעזָאגְט אַז אִיהְר מוּזְט וִויסֶען פְרִיהְר מַיין הֵיילִיגֶען סוֹד. אֵיידֶער אִיהְר גֶעטְרוֹיעֶט מִיר אַייעֶר טָאכְטֶער. אוּנ וֶועגֶען וָואס פֶערְצֵייעֶן זִיא מִיר דאננא מאיר. וֶוען אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען אַז אִין דִיא אַלְטֶע צֵייטֶען אִיז דִיא פַאמִילְיֶע טיראדא נִיט נִידְרִיגֶער גֶעוֶועזֶען גֶעוִויס פוּן רָאדְרִיגֶעס אוּנ הַאמַאן. נָאר גָאט הָאט גֶעוָואלְט דִיא פַאמִילְיֶע צֶערְנִיכְטֶען אִין דֶער טֶערְרֶערִישֶׁער אִינְקְוִויזִיצְיָאן אוּנ ראדריגעס מִיט האמאן זַיינֶען רוּהִיג בַּיי זֵייעֶר אַלְטֶען נָאמֶען גֶעבְּלִיבֶּען. אוּנ אוֹיבּ אִיהְר וִוילְט וִויסֶען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶענְס רֵייכְטְהוּם אִין שְׁפַּאנְיֶען. קָאן אִיךְ אַייךְ נָאר דָאס זָאגֶען. אַז מַיין גְרָאס בֶּערוּהְמְטֶער פֶעטֶער פְרַא גֶערָאנִימַא הָאט מִיר בַּיי זַיין טוֹיט נָאךְ גֶעלָאזְט יְרוּשָׁה. אַ רֶעשְׁטֶעל פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶענְס רֵייכְטְהוּם. וָואס מֶען הָאט עֶס אוֹיס גֶעריסֶען פוּן דֶער אִינְקְוִויזִיצְיֶעס מוֹיל. אוּנ עֶס לִיגְט אִין דֶער לָאנְדָאנֶער בַּאנְק. אוּנ בְּעֵת אִיךְ בִּין מִיט פאלאהין אִין לָאנְדָאן גֶעוֶועהְן הָאבּ אִיךְ אַ קְלֵיינֶע טְהֵייל דֶער פוּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען אוּנ הָאבּ עֶס אַוֶועק גֶעגֶעבֶּען צוּא שְׁטַייעֶר דֶעם אָרַאנְיֶער פְרִינְץ אוֹיף צוּ פִיהְרֶען דִיא הֵיילִיגֶע מִלְחָמָה פַאר דֶער פְרַייהֵייט וַוייל עֶר אִיז זֶעהֶער גִיעֶנְגְט גֶעוֶועהְן אִין גֶעלְט.

טיראדא'ס רֵייד הָאבֶּען מאיר'ן שְׁטַארְק גֶערִיהְרְט. אוּנ זִיא הָאט אִיהְם מִיט טְרַייהֵייט אָנְגֶעהַאפְּט בַּיי דֶער הַאנְד אוּנ מִיט גֶעפִיהְלֶע אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען. אָ דוּא פְרוּמֶער עֶדְלֶער טיראדא. פֶערְצֵייעֶ אֵיינֶער נַארִישֶׁער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער פְרוֹיא. וָואס הָאט אוֹיף אַ רֶגַע פַאר גֶעסֶען אִיהְרֶע אוּנ אִיהְר פָאלְקְס לַאגֶע אוּנ הָאט זִיךְ גָאר גֶעוָואלְט רֶעכְנֶען וֶועגֶען אִיהְר נַארֶעשֶׁען. שְׁטָאלְצֶען יִחוּס אָ דוּא גְרָאסֶער. עֶרְהָאבֶּענֶער טיראדא. פַארְגֶעס מִיר אַצוּנְד מַיין פַאר בְּרֶעךְ גֶעגֶען דִיר פֶערְצֵייעֶ. וָוארֶען נָאר דִיר פַּאסְט פֶערְצֵייאוּנְג.

אַזוֹי רֶעדֶענְדִיג אִיז זִיא אִיהְם צוּ דִיא פוּס גֶעפַאלֶען. נָאר טיראדא הָאט זִיא מָאמֶענְטַאלְנֶע אוֹיפ גֶעהוֹיבֶּען. אוּנ וִויא זִיא אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען. אִיז זִיא אִיהְם

געפאלען אויפען האלז. אונ מיט א יאמערליך געוועהן האט זיא אויס געשריגען. יאקאוו דיר גיב איך איבער מיין טאכטער אין דיינע האנד. זייא איהר א פאטער א מוטער זייא איהר אלעס.

טיראדא האט איהר זיין האנד געגעבען אונ דאס האט שוין גענוג פאר דעם בעסטען אנטוואָרט. אין איינינע מינוטען ארום האט טיראדא ווידער איבער געגעבען דאננא מאיר'ן א פאדראבנע אינסטרוקציאן. וויא אזוי זיא זאל זיך נוהג זיין בעת אוועק שיקען דיא קינדער. אונ אליין האט ער זיך גיזעגענט אונ איז אוועק געגאנגען.

דאננא מאיר איז וויא פערטויבט געבליבען זיצען איבערראשט פון דער גאנצער סצענע. הונדערט מאל האט זיא איבער לייענט איהר בעשלוס וועגען דיא קינדער אונ איז ענדליך געקומען צו דער פעסטער מיינונג. אז טיראדא איז גאטליך אונ נאר דורך איהם וועלען דיא אונגליקליכע מאראנען אויס געלייזט ווערען פון דעם פינסטערען שפאניען.

טיראדא ארויס געהענדיג פון גאספארם הויז. האט ער זיך געלאזט געהען אויס שפירען דעם גאנצען טאהל. אונ קאנען לעהרנען אלע זיינע וועגליך אונ שטעגליך. אום זיך אפאר בארגענעם וועג צו מאכען. וויא ארום ער זאל קאנען זיכער פון גאספארם הויז קומען צו זיין שיף אין דער בעשטימטער נאכט. זיינע אגענטען פון ליסאבאן. האבען זיך אלץ איינציגוויים בסוד סודות צו זאמען געקליבען אין שיף אריין. אונ אזוי איז געווארען צוועליף טאפפערע העלדען אויף זיין שיף. מיט אלעס וואס צו א קריגס שיף געהער. דער שפאנישער פלאט איז דער וויל אלץ נענטער געקומען. אונ האט שוין פאר אויס געלאזט זיינע קליינע שיפלעך אין דער טאיא. צו היטען דיא שטאט ליסאבאן אונ דאס זעלבע האט פהיליפ געהייסען טוהן פון יענער זייט שטאדט אויף דער יבשה. אונ אזוי איז ליסאבאן בעלאגערט געווארען מיט טיינע שפיאנען. אונ ווער עס איז נאר פון שטאט ארויס איז מען אויף איהם אן געפאלען. אונ מען האט איהם געהרג'ת.

באַרעכענענדיג דיא אלע אומשטענדע. האט טיראדא קיין אנדער וועג פאר זיך צו זיין שיף ניט געפונען; אויסער וויא מיט דעם פאר בארגענעם טאהל דורך בערג וואלדער אונ פעלזען; ביז צום בארג קאפא ראקא ביי דער טאיא. אהין צו דעם בארג האט ער צו געפיהרט א קליין שיפעל פון זיין שיף מיט אכט טאפפערע מאטראסען פון זיינע מאראנען. אז ווען ער וועט אהין ברענגען דריי פריינדע אנטאניא'ן. עמאנואילען אונ מרים'ן. זאלען דיא אכט מיט איהם צו זאמען; זיי אפ פיהרען מיט דעם שיפעל צו זיין גרויסער שיף לעבען קאפא עספיכעל ביים פארט שעטוואר. אויס קוקענדיג דעם טאהל האט טיראדא ערגעץ אין אפאר ווארפען ווינקעל בעמערקט א קליין שיין שטיבעלע. אונ ער האט זיך דער מאנט אז דא וואונט מאיר'ס אם מיט איהרען א זוהן; אונ דאס שטעהט אקייגען א ווערסט ווייטער פון גאספארם הויז. טיראדא האט דיא ווירטין פון דעם שטיבעל מיט איהר זוהן זעהער גוט גיקענט. אז אבוואהל זיי זענען הייסע פאנאטישע קאטאליקען. זיינען זיי דאך ערענטליכע מענטשען. אונ גאספארם הויז זיינען זיי אמת טריי איבער געבען מיט לייב אונ זעלע איז איהם אריין געפאלען א ליכטיגע ידיעה. אז אהער אין דעם שטיבעל אריין. זאל ער דער וייל ברענגען דעם קעניג אנטאניא'ן. אונ דא וועט ער איבער זיצען ביז דער בעשטימטער נאכט.

פון דעם טאהל איז טיראדא געקומען קיין ליסאבאן. דארט האט ער שוין געטראפען דעם קעניג אין זיין דווארעץ אליין. אלע פריהריגע גוטע פריינד אפילו

האבען איהם אויך געבעטען ער זאל רחמנות האבען אויף דער שטאט. אונ זאל בעסער מיט גוטען אפ טרעטען פהיליפען דעם טראהן. אנטאניא האט צו געוואַרט ביז פאר נאכט; פאר נאכט האט ער איבער גינעבען זיינעם א טרייען קאמער דינער א מאניפעסט. ער זאל איהם אויף מארגען נאך מיטאג צו שיקען צו אלע מאכטע אין דער וועלט. אין וועלכען עס איז געשריבען געוועהן דיא ווערטער. איך גיב ניט מיט גוטען ווילען אפ מיין עהרע אונ מיין טראהן פהיליפען. זאנדערען איך אנטלויף פאר דעם גזלן. וואס גראבירט מיינע עלטערענס ירושה ביי מיר. נאך דעם אלמען האט טיראדא אן גענומען דעם פאר קליידעטען קעניג אנטאניא ביי זיין האנד. אונ איבער פאר בארגענע גאסען. געסליך וועגליך אונ שטעגליך. האט ער איהם האלבע נאכט געבראכט אין דעם פאר בארגענעם טאהל צו מאיר'ס אם. אינם קליינעם שטיבעלע אריין.

אויף דעם אנדערען טאג. נאך דאננא מאיר'ס געשפרעך מיט טיראדען. איז עמאנואיל מיט קאראלו'ן געקומען א היים. אונ אבוואהל זיין וואונד אויפען קאפ האט זיך שוין געהיילט. דאך איז עמאנואיל אוים מענטש געוועהן פון זיין אוועק לייגען זיך אין דער מלחמה אונ פון דיא עטליכע מעת לעת צו פום געהען קראנקערהייט אהיים. נאר ביי דעם אלמען. האט זיך דאננא מאיר בעשלאסען אז נאך דעם אויף דער נאכט זאל זיא מיט איהם אונ מיט מרים'ן רעדען וועגען זייער רייזע מיט טיראדא'ן אונ וויא עס איז נאר נאכט געווארען האט זיא פאר רופען דיא קינדער צו זיך אונ האט זייא פאר געלייגט איהר גאנצעס געשפרעך מיט טיראדאן. אין איינעם מיט איהר בעשלוס. דיא קינדער זיינען אפילו אין אנפאנג ערשטוינט געווארען. אונ האבען ביידע אין איין קול געזאגט. אז אויף קיין פאל וועלען זיי ניט פאר לאזען דיא עלטערען אליין נאר מאיר האט זיי פאקטיש דער וויזען. אז אנדערש קאן ניט זיין אונ עס וועט ניט זיין. מיר האט זיא געזאגט זיינען שוין אלט אפגעלעבט מיר מוזען שוין דער שטיקעווען אונזער רעשטעל לעבען אין וואס פאר אונמשענדען עס זאל זיך שוין ניט מאכען. אבער איהר יונגע מענטשען. איהר הייבט ערשט אן בליהען. אייער וועלט איז ערשט פאר אוים. איהר טארט ניט פאר שפילען אייער לעבען אין שרעק אונ פערצווייפלונג אין שפאניען איז פאר אייך פלאטץ ניט פאר קיין שום מאראלישעס אונטער נעהמונג. אונ ווען איהר זאלט זיך שוין אפילו קאנען אוים דרייען פון פהיליפס הענד. דארפט איהר אויך ניט וועלען פאר ברענגען א לאנג ווייליג. פוסטע אונניטצליכעס איינפאך לעבען. געהט בעסער קינדער אין דער פרייער וועלט אריין דארט וועט איהר אהייבען אויף לעבען נאר מיט נייע ירעען. מיט נייער ענערגיע. דער יודישער גלויבען אונ רעליגיאן וועט אייך עפענען גאר א ברייט פעלד. וויא איהר זאלט ארבייטען פאר אייער פאלק אונ פאר זיין פרייהייט. אונ אפשר וועל איך נאך אויך א מאל געהאלפען ווערען דורך אייך.

דיא קינדער האבען זיך פעסט איבער צייגט אין זייער מוטערס טרייהייט אונ ווארהייט. אונ גאר אהן ווערטער האבען זייא זיך מיט היים גליענדע טרערען געווארפען איהר אויפען האלז.

גאספאר'ן אז עס איז אויף מארגען עטוואס לייכטער געווארען. האט אויך דאננא מאיר אוים דער צעהלט איהר גאנצען פלאן מיט טיראדאן. אונ מיט קלוגע אונ פראקטישע פאקטען האט זיא ביי איהם אויך געפוילט. אז דיא קינדער זאלען אנטלויפען מיט יאקאווען. אונ זייא ביידע זאלען זיך אריין קלויבען צו זייער אם אינם קליינעם שטיבעלע אריין. דארט וועט זיי שוין געוויס קיינער ניט געפונען אונ אויף

דָעם אוֹפֶן וֶועלֶען דִיא קִינְדֶער בֶּעוָואהְרֶענְט זַיין דָארְט אוּנ זֵיי דָא. גאספאר הָאט גֶעהֵייסֶען עמאנוּאילען צוּ גְרֵייטֶען טְשֶעקֶען אִין אַלֶע אֵייראָפֵּייעֶשֶע בֵּיינְק אוֹיף גְרוֹיסֶע סוּמֶעס. אוּנ עֶר הָאט זֵייא אַלֶע קְרַאנְקְערְהֵייט גֶעהַתְמֶה׳תְ.

דָאס שְׁפַּאנִישֶע מֶעלִיטֶער אִיז יַאקָאס אַרַיין קִיין לִיסַאבָּאן. דִיא גְוַוארְדִיָע מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע לַייט הָאבֶּען זֵייא בְּכָבוֹד אוֹיפ גֶענוּמֶען אוּנ גֶעשְׁרִיגֶען אוּרַא עֶס לֶעבֶּע וָואהְל דֶער קֶענִיג פהיליפ. דֶער שְׁפַּאנִישֶער פְלָאט אִיז אַרַיין אִין דֶער טַאיַא. אוּנ הָאט אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט דֶעם פָּארְטוּגַאלִישֶען פְלָאט אוּנ אַלֶע בִּירְגֶער. אַלֶע מֶעלִיטֶער אֶלְטְסְטֶע אוּנ דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאט טְרַיי גֶעשְׁוָוארֶען פהיליפען אוֹיף לֶעבֶּען אוּנ טוֹיט. בַּייא טָאג הָאט טיראדא צוּ ווִיסֶען גֶעגֶעבֶּען דאננא מאיר׳ן. אַז הֵיינְט בַּיי נַאכְט זָאל זִיא בְּרֶענְגֶען דִיא צְוֵוייא קִינְדֶער צוּ דֶער אַם אִין שְׁטִיבֶּעל אַרַיין אוּנ עֶר וֶועט שׁוֹין דָארְט וַוארְטֶען מִיט אנטאניא׳ן אוֹיף זֵיי.

דֶער לֶעצְטֶער טָאג פוּן גאספארס פַאמִילְיֶען פְרֵיידֶען אִיז אַוֶועק. אוּן דִיא פִינְסְטֶערֶע נַאכְט הָאט זִיךְ אָנְגֶערִיקְט מִיט אִיהְר שְׁוַוארְצֶער דֶעק. גאספאר אִיז פוּן שְׁוַואכְהֵייט אַנְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען אוּנ וֶוען דִיא צְוֵויי קִינְדֶער זַיינֶען זִיךְ שׁוֹין צוּ גֶעזַאנְגֶען גֶעזֶועגֶענֶען מִיט אִיהְם אוּנ הָאבֶּען דֶער זֶעהֶען. אַז דֶער אַלְטֶער קְרַאנְקֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער פַאטֶער שְׁלָאפְט. הָאבֶּען זֵיי אִיהְם נִיט גֶעוָואלְט וֶועקֶען. נָאר מִיט פֶערְבְּלוּטִיגְטֶע הֶערְצֶער אוּנ מִיט טַייכֶען טְרֶערֶען פוּן דִיא אוֹיגֶען. זַיינֶען זֵיי אַקֵייגֶען אַ פֶערְטֶעל שָׁעָה גֶעשְׁטַאנֶען וְויא פַאר שְׁטֵיינֶערְט אִיבֶּער אִיהְם. אוּנ עֶרְשְׁט בַּיי דֶער מוּטֶער אִין צִימֶער הָאבֶּען זֵיי זִיךְ יָאמֶערְלִיךְ צוּ וֵויינְט אוּנ בֶּעקְלָאגְט זֵייעֶר גְרוֹיסֶען בְּרָאךְ אוּנ זֵייעֶר פִינְסְטֶערֶע שִׁיקְזַאל. דִיא מוּטֶער מִיט דִיא קִינְדֶער זַיינֶען זִיךְ גֶעפַאלֶען אוֹיף דִיא הֶעלְזֶער אוּנ אֵיינְס דֶעם אַנְדֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ אָפּ גֶעוַואשֶׁען מִיט הֵייסֶע בְּרֶענֶענְדִיגֶע טְרֶערֶען. אוּנ וֶוען דִיא קִינְדֶער הָאבֶּען גֶעקְנִיהֶעט פַאר דֶער מוּטֶער זִיא זָאל זֵייא בֶּענְטְשֶׁען. הָאט דאננא מאיר זֵיי בֵּיידֶע אַ שַׁארְפֶען טִיפֶען קוּק גֶעטוּהְן אִין דִיא אוֹיגֶען אַרַיין אוּנ הָאט גֶעזָאגְט. אַז דֶער לִיבֶּער גָאט וֶועט אוּנְז נָאךְ אַ מָאל צוּ נוֹיפ פִיהְרֶען אִינְאֵיינֶעם. וֶועל אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טְהַייעֶרֶע דֶעמָאלְט אוֹיךְ אַ קוּק טוּהְן אִין דִיא אוֹיגֶען. אוּנ וְויא גְלִיקְלִיךְ וֶועל אִיךְ זַיין. אַז אִיךְ וֶועל דֶעמָאלְט אִין אַייעֶרֶע אוֹיגֶען זֶעהֶען דָאס וָואס אִיךְ זֶעה אִין זֵיי הַיינְט.

בַּאלְד הָאט זִיא זֵייא גֶעבֶּענְטְשְׁט. אוּנ צוּ זַאמֶען בַּיי דִיא הֶאנְד זַיינֶען זֵיי אַלֶע דְרַיי אַוֶועק צוּ דֶער אַם. אִין קְלֵיינֶעם שְׁטִיבֶּעל אַרַיין.

פוּן דֶעם שְׁטִיבֶּעלֶע בַּיי נַאכְט. נָאךְ אַ יָאמֶערְלִיךְ וֵויינֶען אוּנ קְלָאגֶען. אִיז טיראדא אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער. נָאךְ אִיהְם דֶער קֶענִיג אנטאניא מִיט דאננא מאיר׳ן אוּנ צוּ לֶעצְט עמאנוּאיל מִיט מרים׳ן. מאיר אִיז נָאךְ אַ מָאהְל גֶעפַאלֶען דִיא קִינְדֶער אוֹיפֶען הַאלְז אוּנ ווִידֶער גֶעוֵויינְט ווִידֶער גֶעקְלָאגְט. עֶנְדְלִיךְ הָאט זִיא אַ ווִילְדֶען בִּיטֶערֶען יָאמֶערְלִיכֶען גֶעשְׁרֵיי גֶעטוּהְן. אוּנ אִיז אַנְטְלָאפֶען אַ הֵיים צוּ אִיהְר קְרַאנְקֶען גאספארען. אוּנ יֶענֶע פִיר זַיינֶען דוּרְךְ בֶּערְג אוּנ טָאהְל. פֶעלְזֶען אוּנ וֶועלְדֶער. מִיט קְרִימֶע גֶעדְרֵייטֶע שְׁמָאהְלֶע שְׁטֶעגְלִיךְ. גֶעקְרָאכֶען כִּמְעַט אוֹיף אַלֶע פִיר בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף גֶערַאטְשְׁקֶעוֶועט אוֹיפֶען שְׁפִּיץ פֶעלְז קַאפַּא רַאקא. אִין דֶעם מָאמֶענְט הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶער בְּלוּטְץ גֶעטוּהְן. אַז אוּנְזֶערֶע פִיר עֶמִיגְרַאנְטֶען הָאבֶּען דֶער זֶעהֶען דֶעם גְרוֹיסֶען בְּרֵייטֶען אַנְטְלַאנְטִישֶׁען יַם פַאר זִיךְ אוּנ דֶער אַם׳ס קְלֵיינֶע שְׁטִיבֶּעלֶע אוּנְטֶער זִיךְ. אַזוֹי הָאט זִיךְ בַּיי זֵייא פֶערְגִינְדֶען דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע פֶערְגַאנְגֶענְהֵייט מִיט דֶער בְּלִינְדֶער צוּקוּנְפְט בַּיי זֵייעֶר לֶעצְטֶער מִינוּט פוּנֶם אַנְטְלוֹיפֶען. עֶנְדְלִיךְ זַיינֶען זֵיי אַרָאפּ פוּן דֶעם בַּארְג צוּ דֶעם אָרְט. וְויא דָאס קְלֵיינֶע שִׁיפֶעל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען. אוּנ מִיט שְׁטִיל

שווימענדע נאָר ברויזענדע געפיהלע. האָט טיראַדאַ אַריין געגומען אין שיפעל אַריין אונזער קעניג מיט זיינע צוויי גלידגעשוועסטער־קינדער. אַלע זיינען געקליידעט געוועהן אַלס פיש האַפּער מיט אַלע גיעריגע אינסטרומענטען צו פיש האַפּערייי. און אַנטאָניאָ׳ן מיט דיא צוויי קינדער האָט טיראַדאַ אויף דיא זעלבע קאָסטיומען אָנגעטוהן. און וויא אַלעס האָט זיך שוין איין געאָרדענט וויא עס געהער צו זיין. האָט טיראַדאַ זיך אָנגענומען ביי דער גרויסער וועסלע און דיא איבריגע אַכט מאַטראָסען ביי דיא קלענערע און דאָס שיפעל איז בשלום אַרויף אויף דער מיט טאַיאַ.

---

.8

# טיראַדאַס ביאָגראַפיע

שוין גאָר ביים ליסאַבאָן. וויא דיא טאַיאַ פאַלט אַריין אין ים אַריין. האָט טיראַדאַ בעמערקט וויא אַ שפּאַנישע שיף געהט איהם אַקעגען. טיראַדאַ האָט אָפּ געשטעלט זיין שיפעל און אַלע אין דיא פישער קליידער האָבען זיך אויף געשטעלט און וויא דיא שפּאַנישע שיף איז לעבען זיי דורך געגאַנגען. און דער קאַפּיטאַן האָט אַ פרעג געטוהן ווער זיי זיינען און וואָס טוהן זיי דאָ באַנאַכט האָבען אַלע גיענטפערט. אויף פּראָסט פּאָרטוגאַלישען זשאַרגאָן. מיר זיינען פישער פון דעם דאָרף פּענעך און מיר שווימען קיין קאַפּאַ עספּיכעל. דאָרטען פיש האַפּען אין ים וואָרען דאָס איז אונזער פּראָפּעסיאָן און דער ביי האָבען זיי געוויזען אַלע זייערע אינסטרומענטען פון פיש האַפּעריי. דיא שיף איז איבער געגאַנגען און טיראַדאַ׳ס שיפעל איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

צום שאַריען אויף טאָג איז דאָס שיפער אָנגעקומען צום פּאָרט שעטוואַל און פון ווייטען האָבען שוין געבלישטשעט דיא גרויסע גאָלדענע בוכשטאַבען. וואָס טיראַדאַ האָט אויף געזעצט אויף זיין שיף. און אַביסעל נענטער האָט מען שוין געקאָנט איבער לעזען דעם נאָמען פון דער שיף „מ אַ ר י אַ נ ו נ ע ס" באַלד האָט דיא שיפס קאָמאַנדאַ אָן געהויבען זינגען אַ מאַרש לכבוד דיא פיר געסט און מרים׳ס גייסט איז אַביסעל דער פרישט געוואָרען. דאָס שיפעל איז צו געקומען צו דער גרויסער שיף דיא פּאַסאַזשירען זיינען איבער געגאַנגען אַהין. דאָרט האָט עמאַנואיל געטראָפען אַלע זיינע קאָמעראַדען פון ליסאַבאָן. מען האָט זיך געהאַלזט געקושט און מיט פרייד'ען טרערען געוויינט. אַלע האָבען אַנטאָניאָ׳ן זעהר פריינדליך און העפליך געגריסט. און מען האָט דיא פיר געסט אַריין געפיהרט אין זעהער צוויי פּראַכטפאָלע קאַיוטען. און אין איינינע מינוט איז אַלעס אויף דער שיף אין אָרדנונג געקומען. דיא פּאַרוסען זיינען אויף געצויגען געוואָרען. אַלע האָבען זיך איבער געטוהן אין מאַטראָסען קליידער. און ביי יעדען אינטערן אייבער קלייד אַלער האַנד וואַפען. און מיט אַ לויב ליעד צום אַלמעכטיגען גאָט איז דיא שיף קיין דרומית מערבית אַריין אין אַטלאַנטישען מער.

לויט בקשה פון אַנטאָניאַ. איז דיא שיף געגאַנגען קיין בראַזיליאַ. דיא פּאָרטוגאַלישע קאָלאָניען אין אַמעריקאַ. דאָרט האָט אַנטאָניאַ געהאָפּט. וועלען איהם דיא פּאָרטוגאַלער אויף נעמען פאַר קעניג און מיט דער צייט. וועט ער פון דאָרט

קאָנֶען קְרִיג פִיהְרֶען מִיט פהיליפּן. אִין אֵיינִיגֶע טֶעג אִיז טיראדאס שִׁיף גֶעקוּמֶען צוּם פָּארְט רִייאָ־דֶע־זַשאנֵיירָא. דִיא רֶעזִידֶענְץ פוּן בְּרַאזִילְיָא. אוּנ אנטאניא הָאט גֶעשִׁיקְט אַ פָּאסָאר צוּם דָארְטִיגֶען פָּארְטוּגַאלִישֶׁען וִויצֶע קֶענִיג. וֶועגֶען זַיין פָארְשְׁלַאג. נָאר עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט גֶעוֶועהֶן. פהיליפּ הָאט שׁוֹין פַאר חַאפְּט פְרִיעֶר דִיא זַאךְ אוּנ הָאט שׁוֹין אַהִין גֶעשִׁיקְט אַ שְׁפַּאנִישֶׁע קְרִיגְס שִׁיף אוּנ אַלֶע הָאבֶּען שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעשְׁוָוארֶען אוֹיף פהיליפּען. נָאר אַזוֹי וִויא דֶער וִויצֶע קֶענִיג אִיז וִוירְקְלִיךְ זֶעהֶער אַ גוּטֶער פְרֵיינְד גֶעוֶועהְן אנטאניא׳ן. וַוייל הֵידְךְ אִיהְם אִיז עֶר גֶעזֶעטְצְט גֶעוֶועהְן פוּנֶם קֶענִיג סֶעבַּאסְטְיַאן פַאר וִויצֶע קֶענִיג אִין בְּרַאזִילְיֶען. הָאט עֶר אִיהְם הָאטְשׁ דִיא טוֹבָה גֶעטוּהְן וָואס עֶר הָאט אִיהְם עֶרְשְׁטֶענְס נִיט אוֹיס גֶעגֶעבֶּען פַאר דֶעם שְׁפַּאנִישֶׁען אַדְמִירַאל. צְוֵוייטֶענְס הָאט עֶר אִיהְם בְּסוֹד צוּ גֶעשִׁיקְט צְוֵויי גֶעלָאדֶענֶע שִׁיפְלֶעךְ מִיט גֶעלְט. אַ אַרְטְשׁ אוּנ פִיל אַנְדֶערֶע רֵייזֶע שְׁפֵּייזֶען תּוּץ מַתָּנוֹת. אוּנ מִיט דֶעם זַאפַּאס הָאט זִיךְ טיראדא׳ס שִׁיף אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען פוּן בְּרַאזִילְיֶער פָּארְט צוּ גֶעהֶען קַיין אַייראָפַּא.

דִיא נַאכְט אִיז זֶעהֶער אֵיינֶע פְּרַאכְטְפָאלֶע נַאכְט גֶעוֶועהְן. דִיא שֵׁיינֶע זִילְבֶּערְנֶע לְבָנָה מִיט אִיהְרֶע בֶּערְלְיַאנְטֶענֶע שְׁטֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעבָּאדֶען אִינֶם שְׁטִילֶען וַואסֶער שְׁפִּיגֶעל. אִין יַם. אוּנ הָאבֶּען אַלֶע מִינוּט טוֹיזֶענְטֶער פֶערְשִׁידֶענֶע קָארְטִינְקֶעלִיךְ פוּנֶם וַואסֶער אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען. אַז מֶען הָאט פָּשׁוּט דֶער קְוִויקְט אִין אִיטְלִיכֶען אֲבֶר קוּקֶענְדִיג אוֹיף זֵיי. דִיא קָאמַאנְדָא אִיז אוֹיס גֶעזֶעטְצְט אוֹיפֶען פָּאלוּב אוּנ רֶעדֶען אַזוֹי פְרֵיינְדְלִיךְ צְוִוישֶׁען זִיךְ וֶועגֶען זֵייעֶר גֶעוֶועזֶענֶעם אוּנ זֵייעֶר צוּקוּנְפְט. עמאנואיל מִיט מרים׳ן זֶענֶען אוֹיךְ אַרוֹיס דִיא נַאכְט אוֹיפֶן פָּאלוּב. צוּ קְוִויקֶען זִיךְ מִיט דֶער שֵׁיינֶער הֶערְלִיכֶער נַאכְט. נָאר אנטאניא אִיז אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען אִין קַאיוּטַא שְׁלָאפֶען פוּן מִידֶקְייט אוּנ עֶלְטֶער. דִיא נַאכְט הָאט נָאךְ מֶעהְר אוֹיס גֶעגֶעבֶּען מרים׳ס שׁוֹינְהַייט אוּנ עֶהְרְלִיכְקַייט אוּנ טיראדא הָאט אֵיינִיגֶע מָאהְל אוֹיף אִיהְר גֶעקוּקְט מִיט לִיבֶּע בְּרֶענֶענְדֶע אוֹיגֶען. בִּיז עֶר הָאט בֶּעמֶערְקְט. אַז מִרְיָם פִּיהְלְט עֶס. אוּנ אִיז רוֹיט גֶעוָוארֶען.

אוֹיף דֶער שִׁיף אִיז אוֹיף אֵיינִיגֶע מִינוּט שְׁטִיל גֶעוָוארֶען אוּנ אֵיינֶער פוּן דֶער קַאמַאנְדָא. בִּילְמָאנְטִי. הָאט זִיךְ גַאנְץ שְׁטִיל אוֹיף זַיין פִידֶעלֶע אוֹיס גֶעשְׁפִּילְט אַ לִיבּ לִיעֶד. לְכָבוֹד דֶער שֵׁיינֶער נַאכְט אוּנ דֶעם שְׁטָאלְצֶען גְרוֹיסֶען יָם. אַלֶע הָאבֶּען אִיהְם אַפְּלָאדִירְט אוּנ אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אַ זָאג גֶעטוּהְן.

יֶעצְט לָאמִיר זִינְגֶען עֶפִּיס פוּן אוּנְזֶער אִינְטֶערֶעס. מִיר הָאבֶּען זִיךְ דָא צְוִוישֶׁען אוּנְז יְשׁוּרֻן׳עֶן. עֶר אִיז דָאךְ יָא פוּן דֶער נַאטוּר אַ פָּאעֶט אוּנ אִיךְ גֶעדֵיינְק. אִיךְ הָאבּ פוּן אִיהְם אַ מָאהְל גֶעהֶערְט אַ גֶעדִיכְט צוּם אַנְדֵיינְק פוּן אוּנְזֶערֶען אַ מַאראַן. וֶועלְכֶער וֶועט אֵייבִּיג בְּלַייבֶּען אוּנְזֶער אִידֶעאַל. זָאג אִיךְ אַייךְ אַז דִיא לִיד אִיז עֶטְוָואס גֶאטְלִיכֶעס. אַ נוּא יְשׁוּרֻן. זִינְג אוּנְז יֶעצְט אִין דֶער בֶּעצוֹיבֶּערְטֶער נַאכְט יֶענֶע לִיד. פוּן פְרַא דִיגַא׳ן וֶועלֶען מִיר דִיךְ קְרֵיינֶען פַאר אוּנְזֶער עֶרְשְׁטֶען דִיכְטֶער אוּנ פָּאעֶט. צוּם נָאמֶען פְרַא דִיגַא זַיינֶען אַלֶע מִיט עֶהְרֶען גֶעפִיהְלֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. אוּנ יְשׁוּרֻן הָאט זַיין פִידֶעל אִין הַאנְד גֶענוּמֶען אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען זִינְגֶען.

פְרַא דִיגַא. פְרַא דִיגַא. צוּ דִיר אִיבֶּערְרַאל
וֶועלֶען מִיר זִינְגֶען דֶעם עֶהְרְלִיכֶען גוּמֶען.
בִּיסְט גֶעוֶועהְן אוּנ בְּלַייבְּסְט אוּנְזֶער אִידֶעאַל
מִיט דַיין כָּבוֹד וֶועלֶען מִיר זִיךְ אֵייבִּיג רוּהְמֶען!

דִיא מַלְאֲכֵי חֲבָּלָה הָאבֶּען מִיט זֵייעֶרֶע הֶענְד

געטרייסט דאס גאלד געווארפען אין פייער דארט.
אבער נאר דאס פוס האט זיך פאר ברענט
און דאס געלייטערטע גאלד בלייבט איבער פארט!

דעם שטארקען אדלער פון זיינע העכען
האט איהר געוואלט שטירצען אינקוויזיטארען!
איהר האט זיך דער שראקען פאר זיינע אידעען.
אייער בלוטיגע פראפעסיע זאל ניט געהען פערלארען,

אבער נאר דעם קערפער שטירצען קאנט איהר
די גייסטיגע פליגעל פליהען גאנץ הויעך!
זיי האבען שוין געיעפענט צו דער פרייהייט א טיר
און די אינקוויזיציא וועט אוועק מיטען ווינד מיטען רויעך!

פרא דיגא. פרא דיגא. ווער איז דיר גלייך!
מיט דיין קרבן וועט שוין נעמען דאס מערדעריי א סוף.
אויפען קאסטער האט זיך נאר פאר ברענט דער מאנאך
און די אדלער זעלע איז אויפען הימעל ארויף!

אלע האבען דאס געדיכט אונטער געהאפט. און מיט היידיגע געפיהלען האט מען עס עטליכע מאהל ווידער האלט. איינגע וועלכע האבען געוויסט טיראדא'ס סוד האבען בעת זינגען דאס ליד. אויף איהם מיט עהרען פורכט געקוקט. טיראדא אליין איז אויך בעגייסטערט געווארען און האט זיך שטארק פערטיפט אין זיינע פערגאנגענע צופאלען. נאר פלוצים האט איהם מרים ערוועקט פון זיינע מחשבות מיט די ווערטער.

זעה טיראדא די ליד האט אין מיר ערוועקט א סך געדאנקען פון מיין פערגאנגענהייט. און אויסער דעם האט זיא מיך עראינערט אין דיין עהרען ווארט. וואס דוא האסט מיר געגעבען. אז דוא וועסט מיר דער צעהלען דיין ביאגראפיע. יעצט יאקב אין דער שטילער שיינער נאכט איז דאס בעסטע געלעגענהייט דער צוא. איך פערלאנג דאס ניט פון דיר אויס נייגעריגקייט א וויכטיגע נייעס צו הערען. זאנדערען אז דוא האסט יא אזוי פיל גוטס געטוהן מיינע טרייע עלטערען. און אז איך האב דיך דא אויף דער שיף יא קענען געלערענט מיט דיין טהייערען כאראקטער. מיט דיין ערהאבענעם גייסט און מיט דיין הויכער זעלע. געהט מיר פשוט מיין תאוות אויס צו וויסען. ווער ביסטו עס אזוינס דוא געטליכער מענטש. און דורך וואס ביסטו צו דער הויכער שטופע געקומען? זעה יאקאוו די שטערענדליך. די ווינטעליך און די תוואליעך סורען זיך אזוי פריינדליך צווישען זיך. נוא איז דען יעצט ניט די געווינשענע צייט פאר דיין ביאגראפיע צו דער צעהלען? האלט זשע יאקאוו יעצט דיין ווארט און דער צעהל מיר אלעם. איך הער.

טיראדא האט זיך אפ געקליבען מיט איהר א בעקוועהמט ווינקעלע אויף דער שיף. האט זיא צערטליך איינגעמאסטעט. ער האט זיך איהר געזעטצט ביי דער רעכטער האנד און האט אנגעהויבען זיין געשיכטע.

פאר אויס מאריא מוזטו וויסען אז מיין ווירקליכע פאמיליא איז טיראדא. נאר

דִיא פַאמִילְיָא אִיז אַ צַייט מִיט יָאהְרֶען נָאר־פַאר גֶעסֶען גֶעוָוארֶען . אוּנ אִיךְ אַלֵיין הָא
פוּן אִיהְר נִיט גֶעווִיסְט .

וָואסֶער זַשֶׁע דֶען פַאמִילְיָא הָאסְטוּ גֶעהַאט ? הָאט אִיהְם מרים אַ פְרֶעג גֶעטוּהְן .

מִיךְ הָאט מֶען גֶערוּפֶען מִיטְעֶן נָאמֶען פְרַא דִיגַא דֶע לַא עֶסְצֶענְזִיָאן . מרים אִיז
אוֹיף גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּנֶם אָרְט . אוּנ מִיט אַ פְלַאטֶערְנִישׁ הָאט זִיא אַ גֶעשְׁרַיי גֶעטוּהְן .
בִּיסְטוּ דֶער פְרַא דִיגַא וָואס מֶען הָאט אוֹיפֶען אִינְקְוִיזִיטִישֶׁען קאסְטֶער פַאר בְּרֶענְט ?

שַׁא מרים . הָאט יאקאוו אִיהְר אַ צַייכֶען גֶעגֶעבֶּען . מִיטְעֶן פִינְגֶער צוּם מוֹיל . דֶע
נָאמֶען זָאלְסְטוּ אוֹיף דַיין מוֹיל נִיט דֶער מַאנֶען . דֶער נָאמֶען אִיז נָאר גֶעבְּלִיבֶּען וִויא
אַ לֶעגֶענְדֶע בַּיי דִיא דִיכְטֶער אוּנ נָאךְ אֵיינִיגֶע מַיינֶע גֶעצֶעהְלְטֶע זֶעלֶען פְרַיינְד . וִויא
דַיין מוּטֶער אַשְׁטֵייגֶער וַוייסֶען אִיהְם . הֶער זַשֶׁע אוֹיס מַארְיַא מַיין וַוייטֶערֶע גֶעשִׁיכְטֶע
פוּן מַיין קִינְדְהֵייט גֶעדֵיינְקְט זִיךְ מִיר נָאר מַיין קְלֵיין שְׁטָאהְל אַלֶקֶערִיל פוּן פְרַאנְצִיסְקַאנֶער
קְלוֹיסְטֶער אוּנ דֶער הוֹיף וָואס אַרוּם אִיהְם . וַוייטֶער וַוייס אִיךְ נִיט פוּן קֵיין עֶלְטֶערֶען
קֵיין יוּנְגֶערְשֶׁע חֲבֵרִים אוּנ פוּן קֵיין שׁוּם סְצֶענָא אִינֶם קִינְדֶערֶעשֶׁען לֶעבֶּען . וָוארֶען דִיא
אִינְקְוִיזִיטָארִישֶׁע אַגֶענְטֶען הָאבֶּען מִיךְ נָאךְ אַלְס קִינְד אַרוֹיס גֶעגַנְבֶ'תְ אוּנ פֶערְשְׁפַּארְט
אִין דֶעם קְלוֹיסְטֶער אוֹיף אֵייבִּיג . דָארְט הָאט מֶען מִיךְ גֶעהָאדֶעוֶועט . עֶרְצוֹיגֶען אוּנ
גֶעלֶעהְרֶענְט . מֶעהְר וִויא דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע פַאר צָארֶענְדִיגֶע מַאנַאכֶען . הָאבּ אִיךְ קֵיין
אַנְדֶער גֶעזִיכְט אִין מַיינֶע אוֹיגֶען נִיט גֶעזֶעהֶען . אוּנ אַ חוּץ דַאוֶוענֶען אוּנ לֶערְנֶען הָאבּ
אִיךְ אַ שָׁעָה אִין טָאג פְרַיי גֶעהַאט זִיךְ דוּרְךְ צוּ גֶעהֶען אִיבֶּערְן הוֹיף . אוּנ אָבְוָואדְג
מִיר אִיז כִּמְעַט קֵיין זַאךְ נִיט אָפּ גֶעגַאנְגֶען . וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ קֵיין זַאךְ נִיט גֶעזֶעהֶען
אוֹיסֶער דִיא בְּלוּמֶען מִיט דִיא מַאנַאכִישֶׁע קְבָרִים אוֹיפֶען הוֹיף . נָאר דָאךְ הָאט מִיר
עֶפִּיס מַיין הֶערְץ גֶענָאגְט אוּנ עֶפִּיס וִויא אַ טִיעֶפֶע אִינְנֶערְלִיכֶע שְׁטִימֶע הָאט מִיר
שְׁטֶענְדִיג צוּ ווִיסֶען גֶעגֶעבֶּען . אַז אִיךְ בִּין עֶלֶענְד אַלֵיין פֶערְווִיסְט אוּנ פֶערְוָואגֶעלְט אוּנ
שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶס מִיךְ עֶפִּיס וִויא גֶערִיסֶען אִין לֶעבֶּען אַרַיין עֶפִּיס וִויא גֶעטְרִיבֶּען צוּא
אַ נֵייטִיגֶער אַרְבֵּייט . אוּנ דָאס הָאט אִין מִיר . וִויא אַ הֶעלִישׁ פַייעֶר גֶעבְּרֶענְט . אוּנ
אִיךְ הָאבּ אַלֵיין נִיט גֶעווִיסְט . וִויא אַזוֹי אָן צוּ רוּהְפֶען דָאס בְּרֶענֶענִישׁ ;

נָאר אִין אַ צַייט אַרוּם . אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיין יוּגֶענְד פֶערְלוֹירֶען . אוּנ בִּין שׁוֹין
גֶעוָוארֶען אַ זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיגֶער מַאנַאךְ . הָאט מִיר דִיא שִׁיקְזַאל צוּ גֶעשִׁיקְט אַ טְרֵייסְט
אוֹיף מַיין אוּנְגְלִיקְלִיךְ לֶעבֶּען . אוּנ אַ רְפוּאָה צוּ מַיין בְּרֶענֶענְדִיג הַארְץ ; עֶפִּיס אֵיין
אַלְטֶער עֶהְרְלִיכֶער מַאנַאךְ אִיז אָן גֶעקוּמֶען אִין פְרַאנְצִיסְקַאנֶער קְלוֹיסְטֶער מִיטְעֶן נָאמֶען
פרא געראנימא . אוּנ טַאקֶע בַּאלְד נָאךְ זַיין אָנְקוּמֶען הָאט עֶר זִיךְ צוּ מִיר אַזוֹי פְרֵיינְדְלִיךְ
צוּ גֶעלָאזְט . אַז אִיךְ הָאבּ אִיהְם מִיט לִיבֶּע אוּנ פְרֵיידֶען אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען מַיין הַארְץ
אוֹיף אֵייבִּיג . דֶער אַלְטֶער הָאט מִיט מִיר אָן גֶעהוֹיבֶּען לֶעהְרֶענֶען גָאר עֶפִּיס אוֹיף אַ נַייעֶר
סִיסְטֶעהְם . אַזוֹי אַז אִין יֶעדֶען וָוארְט זַיינֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעפוּנֶען לֶעבֶּען . מִיט דֶער צַייט
הָאט עֶר מִיר צוּ גֶעפִירְט זֶעהְר אַ טְהַייעֶר לִיבֶּען יוּנְגֶענְמַאנְן פַאר אַ חַבֵר . דֶער יוּנְגֶערְמַאהְן
הָאט גֶעהֵייסֶען אַלְפָאנְס דֶע גֶערִירַא . מִיר זַיינֶען בֵּיידֶע מִיט דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט ,
צוּ גֶעקְלֶעבְּט גֶעוָוארֶען וִויא אֵיין גוּף מִיט אֵיין נְשָׁמָה . אוּנ בֵּיידֶע הָאבֶּען מִיר מִיט
פַייעֶרִיגֶען חֵשֶׁק גֶעשְׁלִינְגֶען דִיא הֵיילִיגֶע קְלוּגֶע וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען רֶבִּי'ן .
פְרַא גֶערָאנִימַא .

בַּיי דֶעם רֶבִּי'ן הָאבֶּען מִיר גֶעלֶעזֶען דִיא יוּדִישֶׁע בִּיבֶּעל . דִיא גְרִיכִישֶׁע לִיטֶערַאטוּר
אוּנ דֶעם אִיוַואנְגֶעלְיוּם . אוּנ עֶר הָאט אוּנְז אַלְץ שְׁטֶענְדִיג אוֹיף מֶערְקְזַאם גֶעמַאכְט וִויא
אַזוֹי מִיר זָאלֶען אַרוֹיס פִיהְרֶען אַ רִיכְטִיגֶע מֵיינוּנְג פוּן אֵיינֶעם אָפֶּען אַנְדֶערֶען אוּנ גֶעפוּנֶען
דֶעם רֶעזוּלְטַאט פוּן אַלֶע מֵיינוּנְגֶען . פרא געראנימא הָאט אַזוֹי גֶעשֶׁם'ת פַאר פְרָאמְם



אוּנ

אונ הייליג בײם קאטאליציזם. אַז דיא אֶלטסטע פונם קלאסטער האבען גאר קיין מאל ניט אכטונג געגעבען. וואס ער טוהט אונ וואס ער לעהרענט מיט אונז. אדרבה זייא זענען נאך צו פרידען געוועהן. וואס מיר טהייערע פרומע אונ פעינע קינדער. וועלען דורך איהם אויס וואקסען געדוהמטע צוויי גייסטליכע אונ נוטצליכע אגענטען צו זייער צוועק.

דעם רעזולטאט פון אונזער לעהרע האבען מיר ארויס געפיהרט ... אבוואהל דיא גריכישע פהילאזאפיע איז טאקע זעהר הויך אונ ערהאבען. דאך אקעגען דער תורה האבען זיי קיין ווערטה ניט. דיא תורה האט אונז אויפ גיעפענט אונזערע פארשטעלטע אויגען אונ מיר האבען ערשט דערפיהלט א נייע לעבען. מיר האבען זיך איבער צייגט. אז פון אלע דאמאליגע אריענטאלישע (בני קדם) פעלקער. זיינען טאקע נאר יודען פעיג געוועהן אן צו נעמען דיא הויכע הייליגע מיסיא (שלוחית) א לעהרער זיין פאר דער גאנצער וועלט. מיט זייערע זיטטען אונ מאראל. אונ קאם מיר זיינען דאס גרונדליך דער גאנגען. האט אונז דער רבי געלעהרענט דיא היסטאריע פון דעם הויכען. מאראלישען פאלק דיא היסטאריע האט אונז ליידער געוויזען וויא אן דאנקבאר דיא מענשהייט איז אקעגען דעם פאלק פאר זיין טובה צו איהר. וויא אלע פעלקער וועלכע האבען דורך איהם אליכט אין דיא אויגען דער זעהען. פערפאלגען איהם. טרייבען איהם. שלאגען הרגנען ברענען אונ בראטען איהם. דאס האט אין אונז א העליש פייער אן געצונדען. אזוי אז אונזער קאטאלישער גלויבען איז כמעט ביי אונז וויא אראפ געפאלען. אונ מיר האבען אן געהויבען פיינד האבען אונזער אייגענע גלויבענס ברודער. פאר זייערע אונמענשליכע טאהטען געגען דעם אונגליקליכען פאלק ישראל. וויא דער רבי האט דאס אין אונז בעמערקט האט ער אונז בסוד מודיע געוועהן אז מיר ביידע קומען ארויס פון דעם אונגליקליכען פאלק אונ אז אונזערע יודישע זיידעס זיינען געפאלען קרבנות אויף דעם אינקוויזיטישען קאסטער. אונ פון דאן אן זיינען אונזערע עלטערען מאראנען. (בעל כרחו געטויפטע) אונ מיר פראנציסקאנער מאנאכען זיינען יודישע קאטאליקען. דאס האט אונז שוין גאר צום איבריגען פערגיפטעט אונזערע הערצער. אונ מיר האבען זיך פלייסיג גענומען. גרונדליך אויס צו לעהרנען דיא יודישע רעליגיאן מיט אלע איהר פרטים. אונ מיט דער צייט זאלען מיר אפ דינען דיא מערדער וויא אין זיי קומט. נאר פלוצים האט מען מיין חבר. אלפאנס'ן ארויס געפאדערט קיין וואלאדאליד. צו זיינעם א פעטער. אונ איך בין אליין מיט דעם רבין געבליבען. נאר דער הייליגער אלטער האט קיין סך נאכדעם ניט געלעבט מעהר. אויף זיין אכציג יאהריגער עלטער איז ער דאס יאהר געשטארבען. אונ פארן טויט האט ער מיר ענטדעקט. אז מיין יודישע אלטע פאמיליע איז טיראדא אונ אז ער אליין איז מיינער איין אייגענער פעטער: אונ אז אלע מיינע עלטערען אונ אפילו מיין איין אינאיינציגע שוועסטער. האט דיא אינקוויזיציא פאר ברענט.

פאל גופט אונ שמערצען מיט א ברענענדיגער לוסט צו נקמה. האב איך פאר לאזט דעם קלויסטער אונ בין אוועק אלס מאנאך: קיין סאראגארא. אראגאנער פראווינץ. דארטען צו ענדיגען דאס אוניווערסיטעט. ווייל דער פראווינץ אראגאן האט זיך נאך געפיהרט מיט זיינע אלטע בירגערליכע רעכטע אונ געזעטצע אונ איז נאך ניט געוועהן אזוי אונטער ווארפען דער אינקוויזיציאן: איך האב יאקאם דארט גיענדיגט טעהאלאגישען פאקולטעט: אונ מיין גאנצער וואונש איז געוועהן. איך זאל זיין א פרעדיגער אין דיא קירכען אום איך זאל קאנען פונם אלטאר ארויס גיבען דעם פאלק דיא אלע אידעען וואס ברענען אין מיין הארצען אונ לאזען מיך ניט רוהען. מיין

ווינש איז מיר ווירקליך געראטהען. שוין מיין ערשטען פרעדיגט האב איך מיר פארווערבט דיא גרעסטע ליבע אונ עהרע צו מיר פונם פאלק. אונ וויהיען איך בין נאר געקומען זיינען שוין אלע קירכען געוועהן פול מיט מענטשען. וואס האבען געדורסטעט מיינע רייד. מיילא דאס פאר שטעהסטו דאך. מאריא. אז אלע מיינע פרעדיגטען האב איך נאר איינגעווענדעט דער צו. איך זאל דעם פאלק אריין געבען א גייסט פון רחמנות. פון מענשענליבע. פון אחדות. פון פרייהייט אונ פון אלע איבריגע גוטע מדות אונ כעשים טובים. אונ דאס איז טאקע דעם פאלק זעהער צום הארצען געוועהן אונ אזוי האב איך וואס ווייטער אלס עפענטליכער ארוים געגעבען מיינע ליבעראלע אידעען. דאס פאלק האט מיך געשעצט אונ געליבט וויא דאס לעבען אונ מיין מאנאכען איינציג האט מיך פערהיט פון דיא גייסטליכע בייזע אויגען.

מיט דער צייט מאכט זיך אזא געשיכטע. פהיליפס א סעקרעטאר. אנטאניא פרעץ. האט זיך פערשילדיגט ביים קרימענאל דער פאר וואס ער האט געדינגען באנדיטען. זיי זאלען הרגה׳נען דעם פעלד מארשאל. עסקעבאדא. אונ מען האט איהם איינגעזעטצט אין אסטראג. אנטאניא איז פונם אסטראג אנטלאפען אונ איז געקומען אין זיין געבורטסשטאט. סאראגאזא. אונ האט זיך אליין פארגעשטעלט פארן אבער געריכט אונ האט מתודה געוועהן. אז טאקע אמת ער האט אן געשטעלט דיא רוצחים אויף עסקעבאדא׳ן. נאר וואס דען? דאס האט ער ניט געטוהן מיט זיין ווילען זאנדערען דער קעניג פהיליפ האט איהם אזוי געהייסען טוהן: פהיליפ׳ן האט דאס גאר ניט געשמעקט האט ער אינטען ארום אן געשיקט אויף אנטאניא׳ן דיא אינקוויזיציאן אונ ער האט שוין ניט געסטייעט. דאס האט דעם אראגאנער אבער געריכט זעהער פאר דראסען. וואס פהיליפ איז עובר אויף דעם טראקטאט פון דיא אלטע אראגאנער געזעטצע אונ האט פראטעסטירט געגען פהיליפן. דעמאלט האב איך דאס גוטע געלעגענהייט געהאט צוא פרעדיגען עפענטליך אין דיא גאסען. געגען דער מערדערישער אינקוויזיציאן מיט איהר טיראנישען פהיליפ׳ן בראש. אונ האב דער וויזען דעם פאלק אלע אונמענשליכע מערדערייען. וואס ליגען אונטער דער מאסקע פונם קאטאליציזם. אונ וויא אונגליקליך שפאניען איז בכלל אונ אראגאניען בפרט אז זיי וועלען זיך ניט זעהען באצייטענס ראטעווען פון דיא פערבלוטיגטע טיראנישע האנד. אכלל איך האב מיט אזא ענערגי אונ פייער גערעדט. אז דאס גאנצע אראגאנישע פאלק האט זיך געוואפענט אונ זיינען אריין קיין סאראגאזא. דארט האבען זיי באלעגערט דאס אינקוויזיציאן געריכט אונ האבען אנטאניא פרעץ׳ן ארוים געהאפט. אונ אזוי האט זיך אנגעהויבען א קליינע רעוואלוציאן געגען פהיליפ׳ן. פהיליפ האט שוין אויף אזא געלעגענהייט לאנג געווארט. כדי ער זאל זיך האבען ביי וואס אן צו חאפען. אונ עובר זיין דעם טראקטאט. אביא צו נעמען ביי אראגאניען איהר אלטע רעכטע. אונ יעצט איז זיין ווינטש ערפאלט געווארען. באלד האט ער אנגעשיקט איין ארמעע אויף אראגאניען. געגען וועלכער דיא רעוואלוציאנערען האבען אויף קיין פאל ניט גיקענט שטרייטען. אונ אזוי זיינען טויזענטער געפאלען אין שלאכט אונ פהיליפס מעליטער איז אריין קיין סאראגאזא׃ באלד האט מען דאס אבער געריכט מיט נאך פיר הונדערט עהרען בירגער אויפען ארט פאר ברענט אונ אפשר א האלבע שטאדט אין דיא אסטראגען געזעטצט. אונ אזוי האט אראגאניען פערלוירען איהרע רעכטע אונ איז ארונטער אונטער פהיליפס שווערען טיראנישען יאך מיט זיינע בלוטיגע אינקוויזיטארען.

מיך אליין פאר שטעהסטו מן הסתם מרים האט מען געהאפט. פאר שלעפט אין א טיפען נאסען פינסטערען גרוב פון דיא אינקוויזיטישע הייליגען. אונ אין א קורצער

צייט האט מען מיך פארן אינקוויזיטישען געריכט געבראכט. איך האב מיין לעבען נאך פון דער ערשטער מינוט שוין געאפפערט פארן אמת האב איך דאך ניט געהאט וואס אנצושטעלען. אודאי האב איך זיי אויפען געריכט דער וויזען זייערע אלע פאלשע ענאיסטישע מערדערישע בלוטיגע טאהטען און האב זיך אליין מודה געוועהן מיט שטאלץ אויף אלע זייערע טענות געגען מיר. באלד האט מען מיך אנגעהויבען מארטירען מיט אלערליי אונמענשליכע. אום ברחמנות׳דיגע פראגען. וואס קיין מענשליכעס הערץ. קען נאר אין זיי קיין בעגריף ניט האבען ! נאר דיא אלע טויט פראגען און געברוינטע ליידען. האבען מיר פאר געשטעלט מיינע היילינגע מארטירטע עלטערען. וואס האבען זיך געוויס אויך אזוי געפלאגט אויף קדוש השם. און דאס האט מיר נאך מעהר קראפט. מוטה און ענערגי געגעבען. דאס אלעס אויס צו שטעהען. און מיינע טיראנען נאך מעהר דער חיזען זייערע מערדעריען אונטער דער פאלשער מאסקע פון גלויבען ! קורץ מען האט מיך און נאך דריי און צוואנציג אונשולדיגע נפשות פעראורטהיילט צום פאר ברענען.

דער בעשטימטער טאג איז געקומען. אין גאנץ שפאניען זיינען צו שיקט געווארען פובליקאציעס. מיט דיא נאמען פון אלע פיר און צוואנציג פאר ברעכער. אום דאס פאלק זאל וויסען און זיך א מוסר נעמען. דיא פאריגע נאכט האט מען אונז אלע פיר און צוואנציג געבראכט אין א קלויסטער אריין. מיר זאלען דארטען תשובה טוהן פארן טויט. אינעם קלויסטער און ארום קלויסטער זיינען געשטאנען געוואפענטע אגענטען. פון דער אינקוויזיציאן מען זאל אונז היטען.

אויף דער גאלעריע איז געשטאנען א האהר און האבען געזינגען דאס קאפיטעל „ממעמקים קראתיך״ און דורך אויס איז געוועהן פינסטער אויסער אויפען אלטאר האבען געברענט עטליכע יארעוואקסענע ליכט. אלע פאר משפט׳ע האבען געקניעט צו דער ערד און האבען אין שטילע גליענדע טרערען אויס געגאסען זייערע טיפע פערוואונדעטע הערצער און כשרה אונשולדיגע נשמות. פארן ריכטער פון דער גאנצער וועלט. איך האב זיך אנגעבויגען צו דער וואנט. און האב אויך מיין זעלע איבער געגעבען דעם יודישען אלמעכטיגען גאט אין הימעל. נאר וויא איך שטעה אזוי און וויין קומט צוא עפיס א פערהילטער פערזאהן פאלט אויף לעבען מיר אויף דיא קניע און בעט. און טאקע באלד זעה איך. וויא ער שטעקט ארויס דיא האנט פון זיין זונערן מאנטיא און שטיפט מיר עפיס אריין אין מיין האנד אריין. און מיט דעם מאמענט איז ער טאקע שוין פערשווינדען געווארען. טאפענדיג דאס בינטעל האב איך פאר שטאנען אז דא ליגט געלט און א קליין זעהגעל און א קוויטעלע. דיא ערשטע צוויי זאכען האב איך אינטערען מאנטעל בעהאלטען אין ביזעם אריין און דאס קוויטעל האב איך שנעל דורך געלעזען. איז דארט געשטאנען דיא ווערטער. פרא דיגא דיין בערוהמטען נאמען האב איך געלעזען צווישען דיא פיר און צוואנציג פאר משפט׳ע. נעם צו פון אונזער פריינד דאס קליינע בינטעל. מיט דעם זעהגעל וועסטו איבער זעהגען דיא אייזערנע גראדקעס פון דיין אסטראג. דאס געלט אויף הוצאות צו קומען צו אונז. פון יענער זייט טאיא. אינעם פאר בארגענעם טאהל. אינעם הויז גאספאר דאננא מאיר.

מיין היילינגע מוטער ! האט מרים א געשריי געטוהן אויסער זיך א גרויסער גאט און איך האב פון דעם אלמען גאר ניט געוויסט ! א טהייערע מוטער ! א ליבער ענגעל גאטעס ! טיראדא האט איינינגע מינוטען איבער געווארט. און האט ווייטער דער צעהלט.

וויא מען האט אונז אלע צוריק אין דיא היילען געבראכט. און מען האט מיך אין מיין קאמער פאר שפארט. האב איך ארום האלבע נאכט איבער געזעהגט דיא

גְרַאדֶקֶעס אוּנ בִּין אַרוֹיס . אוּנ וִויא אִיךְ בִּין נָאר אוֹיף דֶער לֶעכְטִיגֶער וֶועלְט גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען דֶער זֶעלְבֶּער מַאנַאךְ . וָואס הָאט מִיר דָאס בִּינְטֶעל גֶעבְּרַאכְט אוּנ הָאט מִיךְ שְׁנֶעל גֶעחַאפְּט בַּיי דֶער הַאנְד . אוּנ אִיבֶּער טָאהְל אוּנ בֶּערְג זַיינֶען מִיר גֶעקוּמֶען צוּ דֶער טַאיַא דָארְט אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען אַ שִׁיפֶעל גְרֵייט דֶער מַאנַאךְ . אַלְס אוֹיךְ אַ אִינְקְוִויזִיטִישֶׁער אַגֶענְט אִיז זִיךְ אַוֶועק צוּ זַיין אַרְבֵּייט אוּנ אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער דִיא טַאיַא . אוּנ גֶעקוּמֶען צוּ דַיינֶע טְהַייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען אִין הוֹיז . דֶער אִינְקְוִויזִיצְיָא הָאט נִיט גֶעפַּאסְט אוֹיס צוּ זָאגֶען פוּן מַיין אַנְטְלוֹיפֶען . הָאט זִיא אוֹיף מַיין אָרְט אֵיין אַנְדֶער קָרְבָּן גֶעקְרִיגֶען . טַאקֶע אִינְטֶערֶען נָאמֶען „פְרַא דִיגַא“ אוּנ אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע אוֹיף מָארְגֶען אַלֶע פִיר אוּנ צְוָואנְצִיג פַאר בְּרֶענְט אוּנ אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ אַנְגֶערֶעדְט עַד הַיוֹם . אַז פְרַא דִיגַא אִיז פַאר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אָפֶען קַאסְטֶער .

דַיין טְהַייעֶרֶע מוּטֶער . הָאט מִיר עֶנְדֶעקְט אִיהְר לַאנְג פֶערְווִינְדֶעט הֶערְץ . מִיר הָאבֶּען צוּא זַאמֶען בַּארֶעכֶענְט דִיא בִּיטֶערֶע לַאגֶע פוּן דִיא מַארַאנֶען אוּנ פוּנֶם יוּדִישֶׁען פָאלְק בִּכְלַל . אַ הוֹרְךְ אִיהְרֶע עֶדֶעלֶע קְלוּגֶע אִידֶעעֶן אִיז בַּיי אוּנְז גֶעבְּלִיבֶּען אִיךְ זָאל פָאהְרֶען נָאךְ נִידֶערְלַאנְד אוּנ דָארְטֶען זוּכֶען אַ הִילְף פַאר מַיין פָאלְק אוּנ נְקָמָה פוּן אוּנְזֶערֶע בְּלוּט צַאפֶּער . דָאס הָאבּ אִיךְ דִיר אוֹיס דֶער צֶעהְלְט מַיין גַאנְצֶע בִּיאָגְרַאפִיֶע . בִּיז אִינֶם אַבְּרֵייזֶען פוּן אַייעֶר שְׁטוּב מִיט פַּאלַאחִין . אוּנ פוּן דַאן בִּיז יֶעצְט וָואס מִיט מִיר הָאט פַּאסִירְט . אוּנ וָואס אִיךְ הָאבּ אוּסְפִּיעֶט ווֵייסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין אוּנ יֶעצְט פָאהְרֶען מִיר אוֹיף לָאנְדָאן . ווִידֶער קֵיין נִידֶערְלַאנְד דָארְט הַאלְט שׁוֹין דִיא רֶעוָואלְיוּצְיָא כִּמְעַט בַּייעֶנְדֶע . אוּנ נָאךְ אַקוּרְצֶע צֵייט וֶועט אֲפִילוּ אַ פוּס פוּן שְׁפַּאנִישׁ מֶערִיטֶער נִיט אַרַיין טְרֶעטֶען אִין דֶעם לַאנְד . פְּהִילִיפּ מִיט דֶער אִינְקְוִויזִיצְיָאן וֶועט גֶעהֶען צוּ גְרוּנְד . אוּנ אִינְטֶערֶען שׁוּטְץ פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען הוּמַאנֶע מֶענְטְשֶׁען . דֶער פְּרִינְץ פוּן אַרַאנִיֶען . וֶועלֶען מִיר גֶעפוּנֶען אַ פְרַיי פְרִידְלֶעךְ אָרְט פַאר זִיךְ אוּנ פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען גְלוֹיבֶּען אוּנ רֶעלִיגְיָאן .

וִויא טִירַאדַא הָאט אוֹיס דֶער צֶעהְלְט זַיין בִּיאָגְרַאפִיֶע אִיז מרים גֶעבְּלִיבֶּען זִיצֶען וִויא פַאר שְׁטֵיינֶערְט . אוּנ אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען אַרוּם הָאט זִיא אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען אִיהְרֶע צְווֵיי גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע אוֹיגֶען אוֹיף טִירַאדַא׳ן . הָאט אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען בַּיי דֶער הַאנְד אוּנ הָאט אִיהְם מִיט פַייעֶרִיגֶער גֶעפִיהְלֶע גֶעזָאגְט . הָאסְט אַ סַךְ אוֹיס גֶעלִיטֶען יאקאוו נָאר נִימַאנְד אִין דֶער וֶועלְט אִיז אוּמְשְׁטַאנְד אַזוֹי הֶעלְדִישׁ צוּ אִיבֶּערְווַאנְדֶען אַזֶעלְכֶע צָרוֹת . דִיא עֶטְלִיכֶע גֶעצֶעהְלְטֶע וֶוערְטֶער הָאבֶּען טִירַאדַא׳ן עֶרְלֵייכְטֶערְט אוּנ דֶער קְווִיקְט אִין אַלֶע גְלִידֶער . אוּנ גָאר אָהְן וֶוערְטֶער הָאט עֶר זִיךְ צוּ גֶעבּוֹיגֶען צוּ מרים׳ס הַאנְד אוּנ הָאט אִיהְר אַ הֵייסֶען בְּרֶענֶעדֶען קוּשׁ גֶעטוּהְן . מרים הָאט לוֹיז אַפִיר גֶענוּמֶען אִיהְר הַאנְד פוּן זַיינֶער אוּנ מִיט אַ זִיסֶען קְרוּגֶענְדִיגֶען „אַדְיֶע“ אִיז זִיא אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען אִין אִיהְר קַאיוּטַא שְׁלָאפֶען . אוּנ טִירַאדַא פָאל פָאעֶזִיֶע גֶעפִיהְלֶע אוּנ לִיבֶּע גְלִיק . הָאט זִיךְ בַּיים בָּארְט גֶעשְׁטֶעלְט קוּקֶען אוֹיף דִיא שְׁטֶערֶען שְׁפִּיל אִינֶם שְׁפִּיגֶעלְדִיגֶען יַם . דִיא שִׁיף אִיז זִיךְ מִיט שְׁטִילֶען רוֹישׁ גֶעגַאנְגֶען אִיהְר וֶועג אוֹיף דֶער מִיט אַטְלַאנְטִישֶׁען יַם אוּנ יאקאוו אִיז בְּעֵת מַעֲשֶׂה גֶעשְׁווּימֶען אִין זַיין טִיפֶען . אוּנ עֶנְדְלִיכֶען זִיסֶען שְׁטִילֶען לִיבֶּען יַם .

דיא

# בלוטיגע נקמה

אדער

# יאקאוו טיראדא

א העכסט־אינטערעסאנטער היסטארישער ראמאן פון
דער צווייטע אינקוויזיאן געשעהן אין דער צייט פון
פיהליפ מלך שפאניען.

אין געזויבערטען יודישען זשארגאן פון י. י. ליניעצקי.
(מחבר פינם פוילישין יונגעל, און פיעל אנדערע ספרים)

הזכות נמכר לצמיתות לר׳ יוסף חיים שוכמאן באדעססא
נאכדרוק שטרענג פערבאטען

חלק שני

ווארשא

---

**Ди Блутиге Нкомо**

или Тирада Историческій романъ временъ Филиппа II

Обработалъ изъ Нѣмецкаго

И. О. *Линецкій* (Линицеръ).

Варшава 1302

Изданіе Іосифа Х. Шухмана

Дозволено Цензурою.
Варшава, 29 января 1902 года.

9.

# דִיא שְׁטְרֵייט אוֹיפֶען יָם

וִויא עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שַׁארֶען אוֹיף טָאג אוּנ אוֹיסֶער דִיא מַאטְרָאסֶען זַיינֶען אַלֶע גַאנְץ גֶעשְׁמַאק גֶעשְׁלָאפֶען. הָאט פְּלוּצִים דֶער וִויצֶע קַאפִּיטַאן אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטוּהְן אַ קְרִיגְס קַארָאבּ גֶעהְט אוּנְז רֶעכְטְס אַקֶעגֶען. מָאמֶענְטַאלְנָא אִיז טִירַאדַא מִיטֶען גַאנְצֶען עֶקִיפַּאזְשׁ גֶעוֶועהְן אוֹיף דִיא פִּיס. אוּנ קוּקֶענְדִיג אוֹיפֶען שְׁפַּאקְטִיף. הָאט טִירַאדַא גֶעזָאגְט מִיט אַ פֶערְדְרִיסְלִיכֶען טָאהְן. אַ שְׁפַּאנִישֶׁער קְרִיגְס קַארָאבּ בַּאלְד הָאט עֶר זִיךְ אַיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען מִיטֶען וִויצֶע קַאפִּיטַאן; אוּנ עֶס אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען פֶעסְט. אַז קָאם וֶועלֶען דִיא שְׁפַּאנְיֶער אָנְהֵייבֶּען קְרִיג זָאל מֶען זִיךְ שְׁלָאגֶען בִּיז אִין לֶעצְטֶען טְרָאפֶּען בְּלוּט.

אִין אַ פִּירְטֶער שְׁטוּנְדֶע אִיז אַלֶעס פֶערְטִיג גֶעוֶועהְן צוּם שְׁלַאק. אֲפִילוּ דִיא קַאנָאנֶען זַיינֶען פוּנֶם אוּנְטֶער שְׁטָאק אַרוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארֶען אָפֶען פָּאלוּב. אוּנ דַאן אַנְטַאנְיַא׳ן מִיט מִרְיָם׳ן הָאט טִירַאדַא פַּאר זֶעטְצְט נָאר אִין דֶער לֶעצְטֶער קַאיוּטֶע. וִויא דֶער קַארָאבּ אִיז צוּ גֶעקוּמֶען נִיט וַוייט פוּן דֶער שִׁיף הָאט עֶר שׁוֹין מְכַבֵּד גֶעוֶועהְן דִיא שִׁיף מִיט אַ בָּאמְבֶּע. נָאר צוּם גְלִיק הָאט זִיא נִיט גֶעטְרָאפֶען בַּאלְד הָאט טִירַאדַא קָאמַאנְדִירְט אוּנ מֶען הָאט דֶעם קַארָאבּ גִיעֶנְפֶערְט מִיט פַייֶערִיגֶע דְרַיי בָּאמְבֶּעס. פוּן דְרַיי קַאנָאנֶען מִיט אַ מָאהְל. דֶער אַנְטְוָוארְט הָאט אוֹיפֶען קַארָאבּ אַנִידֶער גֶעלֵייגְט אַ מֵיינְגֶע מֶענְטְשֶׁען אוֹיפֶען אָרְט אוּנ אַ סַךְ פֶערְוְוינְדֶעט. אַזוֹי אַז עֶס אִיז דָארְט גֶעוָוארֶען אַ גֶעשְׁרֵיי אִינְטֶערֶען הִימֶעל. גֶעוֶועהְנְלִיךְ הָאט זִיךְ פוּנֶם קַארָאבּ אָנְגֶעהוֹיבֶּען שִׁיטֶען בָּאמְבֶּעס אוּנ קוֹילֶען. נָאר וַוייל דִיא שִׁיף אִיז זֶעהֶער קְלֵיין גֶעוֶועהְן גֶעגֶען קַארָאבּ הָאט זִיא זִיךְ גַאנְץ לֵייכְט אוּנ שְׁנֶעל אַלְץ גֶערוּדֶעוֶועט אוּנ גֶעוֶוענְדֶעט פוּנֶם פַייֶער. נָאר דָאךְ הָאט עֶס צְוֵויי מַאטְרָאסֶען גֶעטֵייטֶעט אוּנ זֶעקְס פֶערְוְוינְדֶעט אוּנ דִיא עֶרְשְׁטֶע מַאטְשְׁטֶע צֶעבְּרָאכֶען. טִירַאדַא הָאט אוֹיגֶענְבְּלִיקְלִיךְ גֶעהֵייסֶען דִיא פֶערְוְוינְדֶעטֶע בֶּעהַאנְדְלֶען אוּנ עֶר אַלֵיין מִיט דֶער גַאנְצֶער קָאמַאנְדָא הָאבֶּען אוּנ אָפֶערְלִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעגֶענֶען אוֹיפֶען קַארָאבּ מִיט קוֹילֶען אוּנ בָּאמְבֶּעס בִּיז דִיא הוֹיפְּט מַאטְשְׁטֶע אִיז אוֹיף שְׁפֵּיינְדְלִיךְ צוּ פְלִיגֶען אוּנ אוֹיפֶען קַארָאבּ אִיז גֶעוָוארֶען אַ גַאנְץ הֵיילִיג אָרְט דֶער קַארָאבּ הָאט אוֹיף גִיהֶערְט שִׁיסֶען. נָאר טִירַאדַא הָאט בֶּעמֶערְקְט. וִויא צְוֵויי שִׁיפֶען פוּנֶם קַארָאבּ גֶעפַּאקְט מִיט מֶעלִיטֶער לָאזֶען זִיךְ צוּ צוּ זַיין שִׁיף. מֶען זָאל זִיא נֶעמֶען אִין פְלֶען. אַזוֹי בַּאלְד הָאט עֶר אַלֶע קַאנָאנֶען אָן גֶעשְׁטֶעלְט נָאר אוֹיף אֵיינֶער פוּן דִיא צְוֵויי שִׁיפֶען אוּן דִיא קָאמַאנְדָא זָאלֶען שְׁטֶעהְן מִיט דִיא בִּיקְסֶען גֶעגֶען דֶער אַנְדֶערֶער. דִיא עֶרְשְׁטֶע שִׁיף אִיז פוּן דִיא בָּאמְבֶּעס צֶערְשְׁמֶעטֶערְט גֶעוָוארֶען אוּנ דֶער טְרִינְקֶען אִין יָם. בְּעֵת טִירַאדַא׳ס קָאמַאנְדָא הָאבֶּען אוֹיס גֶעזִינְגֶען אַ טְרוּימְפְּף מַארְשׁ דִיא צְוֵוייטֶע שִׁיף הָאט אוֹיס גֶעשָׁאסֶען גְרַאדֶע אִין דֶער מִיט וַואנְד פוּן טִירַאדַא׳ס שִׁיף אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דִיא גַאנְצֶע שִׁיף הָאט פֶערְצִיטֶערְט אוּנְטֶער זִיךְ. אוּנ דִיא שְׁפַּאנִיֶער הָאבֶּען שׁוֹין פֶערְוָוארְפֶען זֵייעֶרֶע אַייזֶערְנֶע לַאנְגֶע הָאקֶען אִין דֶער שִׁיף אַרַיין. זֵיי זָאלֶען זִיא צוּ שְׁלֶעפֶּען צוּ זִיךְ אוּנ אַ סַךְ זַיינֶען שׁוֹין טַאקֶע אַרוֹיף אוֹיף טִירַאדַא׳ס שִׁיף אוּנ הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטְרֵייטֶען מִיט דִיא בְּלוֹיזֶע שְׁוֶוערְדֶען. נָאר דִיא קָאמַאנְדָא הָאט זֵיי אַזוֹי הֶעלְדִישׁ בֶּעגֶעגֶענְט מִיט זֵייעֶרֶע בִּיקְסֶען אוּנ שְׁוֶוערְדֶען. אַז זֵיי זֶענֶען אֵיינְצִיגְוַוייס גֶעפַאלֶען טוֹיט צוּרִיק אִין וַואסֶער. פְּלוּצִים הָאט אֵיינֶער פוּן דֶער קָאמַאנְדָא אַ גֶעשְׁרֵיי

געטוהן. דיא שפאניער קריגען פון דער אונטער זייטע אויף דער שיף איי ברודער אהער. אונ ביי דיא ווערטער האט איהם א קויל אין הארצען געטראפען. אונ ער איז געפאלען טויט.

א א א! האט דיא גאנצע קאמאנדא יאמערליך ווילד אויס געשריגען. אונזער ליבער ישורון איז טויט אונזער געטליכער דיכטער א נקמה פאר איהם נקמה פאר ישורון. אונ מיט א טיגער געשריי פרא דיגא האבען זיך אלע וויא דיא בערען געווארפען אויף דיא שפאניער אונ אין איינינע מינוט איז פון זיי קיין שריד ופליט ניט געבליבען אונ דיא שיף מיט דיא עטליכע מאטראסען איז פייל אויסען בויגען צוריק געלאפען צום קאראב. דער קאראב האט קיין סך שהיות ניט געמאכט אונ איז מאמענטאלנע אנטלאפען לינקס. אונ טיראדא'ס קאמאנדא האבען זיך גענומען צו זייערע דריי טויטע זייער רעכט טוהן אונ דיא פערוואונדעטע היילען אונ דיא שפאנישע פלעניקעס האבען זיי געבינדען אונ פארפאקט אין טריום. געשמאק האט יאקאוו בעוויינט אונ בעקלאגט זיינע געשטארבענע גוטע ברודער. נאר ער האט זיך הארץ געמאכט אונ האט זיך ענערגיש גענומען. וויא אם גיכסטען דיא שיף רעפערירען פון באמבעס. אונ אז אלעס איז שוין פארטיג געווארען. איז ער ערשט אראפ געגאנגען צו מרים'ן אין קאיוטא. דאן אנטאניא איז איהם אקעגען געגאנגען מיט א טיף הערצליכען דאנק פאר זיין טאפפערקייט אונ טרייהייט צו איהם אונ מרים וועלכע איז ביז יעצט נאך געלעגען וויא פאר טראגען אין איהר פאטעל. דער זעהענדיג טיראדאן איז זיא גאנץ מונטער געווארען. יאקאוו האט זיא ביי דיא האנד אויף געהויבען פונם פאטעל אונ זיא האט אויף איהם איהר שיינע לעכטיגע אויגען אויף געהויבען. אונ מיט א ליב חן'ודיגען שמייכעל האט זיא איהם געזאגט. וויא גליקליך איך בין יאקאוו אז איך זעה דיך ווידער אלס מנצח געזונד אונ פריילי. דער גרויסער גאט אין הימעל זאל דיר צאהלען פאר דיא גנאדען. וואס דוא האסט היינט אין אונז געטוהן. יאקאוו האט ערהייכט איהר האנד צו זיינע ליפפען מיט דיא ווערטער. דאס האבען מיר נאר דיר שיינע מאריא צו דאנקען דעם היינטיגען זיעג. דאס זארגען וואס מיר אלע טראגען וועגען דיר האט אונז געגעבען מוטה אונ קראפט געגען דעם געפעהרליכען פיינד. אונ מיין גאנץ'ן לעבען מאריא. בין איך פערטיג צו שטרייטען פאר דיינער א מינדעסטע אונצופרידענהייט. אונ פערהאפ אז דער אלמעכטיגער גאט וועט מיר צו ליב דיר תמיד שיינקען דעם נצחון אקעגען פיינד.

אזוי וויא זיי רעדען דא. האט דער וויצע קאפיטאן ווידער אויס געשריגען איין אונגעהארער קריגס קאראב געהט אונז פון לינקס. טיראדא איז שנעל וויא א וויכער ארויף אויפען פאלוב אונ האט געזעהן אז דער קאראב געהט מיט איין ענגלישען פלאג אונ וויא דער קאראב איז נוענט צו געקומען האט ער א צייכען געגעבען דיא שיף זאל זיך אויגענבליקליך אפ שטעלען אונ דער קאפיטאן זאל זיך באלד יאווען צום אדמיראל פונם קאראב. טיראדא האט זיך מאמענטאלנע בארעבענט. אז קאם האט איהם דער קאראב ניט בערוהרט. איז גלייכער מיט פרידען זיך איבער געבען דעם ענגלישען אדמיראל. אונ דער מיט שוין בעווארענט זיין דעם גאנצען וועג פון נאך אנדערע שפאנישע קריגס שיפען.

באלד האט ער זיך אן געטוהן אין דער גאנצער פארמא פון פארטוגאלישען שיפס קאפיטאן אונ מיט זיינעם א קליין שיפעל איז ער צו געשווימען צום ענגלישין קאראב אונ האב זיך פאר געשטעלט דעם שיינעם יונגען אדמיראל נעוויל. הערצאג פון דעוואנסירע דער אדמיראל האט איהם מיט זעהר א ליבליכען שמייכעל באגעגענט

מיט דיא ווארימע ווערטער. איך בין דיר פאל דאנקבאר וואס דוא האסט מיר פארשפארט אזא שווערע ארבייט. זיך צו שטרייטען מיטען שפאנישען קאראב דוא יונגער העלד האסט איהם אזוי צו שלאגען. אז אוועק געהענדיג פון דיר איז ער מיר שוין גאר אהין מיה אן איין שאס אפילו אליין אריין געפאלען אין דיא האנד אריין. אונ האט געהט ער טאקע דא נאך געבינדען ביי מיין קאראב. יא צווישען העלדען מעגסטו דער גערוהמטסטער זיין. נאר זאג זשע מיר ליבער אפיצער ווער ביסטו. אונ וואס טוהסטו דא אין אטלאנטישען? טיראדא האט איהם אלעס אין קורצען דער צעהלט. אבער טאקע נאר וואס זיין צוועק אנבעטרוהפט אונ ניט מעהר. דער אדמיראל האט אויף מערקזאם אויס געהערט אונ האט איהם געזאגט. איך ווינש מיר זעהר צו גלייבען דיינע רייד. נאר זאג מיר וויא האסטו זיך עס אנגעשטעלט צו שטרייטען געגען א שפאנישען קאראב. דאן ווען דוא ווייסט דאך שוין אז פארטוגאל איז שוין אינטערר־ווארפען דעם שפאנישען קעניג פהיליפ? דיא פראגע האט טיראדען זעהער געקריינקט אונ ער האט זיך אויפען ארט בעשלאסען. איבער צו געבען דעם אדמיראל אלעס וואס אין שיף טוהט זיך:

געגאדיגער הער האט ער איהם געזאגט. ווען איהר זאלט וויסען ווער ביי מיר אויף מיין שיף איז דא. וואלט איהר מיך געוויס דיא פראגע ניט געפרעגט. נאר יעצט מוז איך אייך אלעס ענטדעקען. איך פיהר דעם פארטוגאלישען קעניג דאן אנטאניא אויף מיין שיף נאך לאנדאן. ער אנטלויפט פון פהיליפס שווערד צו אייער גנעדיגער קעניגען. יעליזאבעטא. צו בעטען ביי איהר איין שוטץ אין איהר לאנד. אונ ווען מעגליך איז זאל זיא זיך נאך אן נעמען זיין קריוודע פון פהיליפען. יעצט פארשטעהט איהר מיין הער. וויא פערצווייפעלט איך האב זיך געטוזט שלאגען געגען דעם שפאנישען קאראב.

דער אדמיראל איז ערשטוינט געווארען הערענדיג אזא וויכטיג נייעס פון א פארטוגאלישען קאפיטאן. אונ האט טיראדאן אזוי געזאגט. וואלט איך פאר אויס געוויסט דער פון. וואלט איך דיך גאר ניט געוועהן אפ געשטעלט. אונ וואלט דיך געוועהן געלאזט געהען דיין וועג. ווארען אזוי וויא איך ווייס ניט ביי וואס פאר א מיינונג איהר מאיעסטעט דיא קעניגען קאן זיין ביי אזא פאל. וואלט מיר גלייכער געוועהן אז עס זאל ביי איהר הייסען אז איך ווייס גאר ניט דער פון. נאר אזוי וויא יעצט איז דאך דיא זאך שוין א פיציעל קאן איך שוין ניט אונ טאר ניט אפ לאזען דאס געלעגענהייט צו בענוטצען זיך יעצט מיט דיא דיפלאמאטישע רעכטע. וועלכע געבען אונז דיא פאלמאכט בייא אזא צו פאל. אלזא ליבער אפיצער, דאן אנטאניא'ן. אלס איינמאהל געוועזענער קעניג. טאר איך ניט לאזען מעהר אין דיין ארדינערעם פראוואט שיפעל: איך מוז איהם מיט עהרע אויף נעמען אהער אויף מיין קאראב אונ איהם דיא גאנצע צערעמאני מאכען וויא איהם גיהער. לויף זשע באלד צוריק אונ גיב איהם דאס אלעס איבער, אונ דער ביי זאג איהם ער זאל מיר פערצייען. אז איך וועל איהם ניט רופען מיטען נאמען קעניג. ווייל איך ווייס נאך ניט וויא אזוי וועט איהם איהר מאיעסטעט מיין קעניגען אנערקענען?

איהר האט רעכט מיין הער האט טיראדא געזאגט: אונ מיין קעניג דאן אנטאניא פאר שטעהט אויך זיין לאגע. אונ האט נאך פאר אויס אן געזאגט זיינע מענטשען. זיי זאלען איהם ניט רופען מיטען ריכטיגען טיטעל. ביז ער וועט ניט וויסען רעזולטאט וועגען זיין שיקזאל!

ווער נאך פון זיין סוויטע געהט דא מיט איהם? האט דער אדמיראל געפרעגט.

נימאנד האט טיראדא גיענטפערט . אויסער זיינע א גויד געשוועסטער קינד
דאננא מאריא נונעס ראדריגעס האמאן . אונ איך מיט עטליכע יונגע רייט גוטע
ברודער . וואס פאהרען זיך זוכען א רוהיג ארט פון שפאנישען טיראניזם .
אלזא האט דער אדמיראל געזאגט . אוים שלאג מיטאג שטונדע קום איך נעמען
דאן אנטאניא'ן . אונ וואס דיר אנבעטרופט מוז איך דיר יידער זאגען אז דוא מיט דיין
שיף מיט דיין גאנצען עקיפאזש . רעכענט זיך פון יעצט אן אלס מיינע פרעניקעס .
אונ דוא מוזט שוין מיט מיר געהען קיין ענגלאנד נאר אזוי וויא איך האב דיך דער
קענט פאר איין בראווען טאפפערען העלד . לכן פערלאנג איך פון דיר נאר דיין
ווארט . אז דוא וועסט געהען קיין ענגלאנד אונ נאך דיין ווארט מעגסטו דיר שוין
געהען פריי פאר מיין קאראב אדער נאך איהם איז מיר אלעס איינס . איך וויים דוא
ביסט איין עהרען מאהן :

איך דאנק אייך זעהער פאר אייער צוטרויען צו מיר . האט טיראדא געזאגט .
נאר מיט פערצייאונג וועל איך אייך פרעגען איין זאך . צווישען ענגלאנד אונ שפאניען
איז דאך יעצט שלום . פון פארטוגאליען איז דאך קיין רעדע ניט . מיט וועלכען זשע
רעכט ווילט איהר אין פרען אביין נעמען א שפאנישע ובפרט נאך א פארטוגאלישע שיף ?

נאר דיין העלדעשין גייסט צו ליב . וועל איך דיר דיא זאך ערקלעהרען . האט
דער אדמיראל מיט שטארץ געזאגט זאלסט וויסען אז מיט א דריי מאנאט צוריק האט
דער הערצאג אלבו ארוים געשיקט שיפען פון גענוא אין ים אביין זיי זאלען איהם
ברענגען געלט אונ וואפען קיין נידערלאנד . נאר דיא נידערלענדער רעוואליוציאנערען
זיינען נאך געלאפען דיא שיפען אונ זייא האבען געמוזט אנטלויפען פון דיא נידערלאנדער
אזש צו דיא ענגלישע פארטען . נאר אזוי וויא גענוא'ר בירגער האבען שטענדיג
פערפארגט אונ געראבעוועט דיא ענגערלישע אונטער טאהנער וואס אין גענוא וואונען .
לכן האט דיא קעניגען געהייסען מען זאל דיא גענוא'ר שיפען פערהאלטען ביז זייא
וועלען אפ צאהלען אלע שאדען . וואס זיי האבען אנגעמאכט דיא דארטיגע ענגלאנדער
וויא אלבו האט דאס דער הערט . האט ער געהייסען ארעסטירען אלע ענגערלישע
שיפען ; וואס אין דיא נידערלאנדישע פארטען . אונ פאר אזא אונרעכט האט איהר
מאיסטעט דיא ענגערלישע קעניגען א בעפעהל געגעבען אז וויא איהרע אדמיראלען אונ
קאפיטאנע וועלען נאר ערגעץ באגעגנען א שפאנישע שיף אויפען ים זאלען זייא זיא
אוינגענבליקליך אין פרען אביין נעמען . אונ ברענגען קיין ענגלאנד . אונ אזוי פארטוגאל
גער שוין יעצט אויך צו שפאניען . לכן מוז איך דיין שיף ארעסטירען . נאר בייא
אלעם דעם וועל איך פאר דיר נאך אליין א גוטער מליץ זיין אין לאנדאן פאר דער
קעניגען . טיראדא האט איהם געדאנקט אונ איז אוועק צוריק אויף זיין שיף .

גראדע מיטאג איז דער הערצאג געוויל מיט זיין סוויטא אין דער גאנצער פארמא
געקומען אין זיינעם א אויסער ארענטליך שיין שיפעל מיט מוזיק צו טיראדא'ס שיף
אין מיטען שיפעל איז געוועהן אויסטרויעט א באלדאחין פון דאן אנטאניא וועגען . אונ
וויא דאס שיפעל איז שוין ניט וויט פון טיראדאס שיף געקומען האט דער ענגערלישער
קאראב אוים געשאסען פון עטליכע קאנאנען לכבוד אנטאניא'ן . טיראדא האט זיין
שיף אויך זעהער שיין אונ נאבעל אוים געצורט . אונ ביים צו קומען האט ער אויך
געהייסען אוים שיסען . לכבוד דעם אדמיראל . דער אדמיראל מיט זיין סוויטא זיינען
אריין צו אנטאניא'ן אין קאיוטא . ביידע האבען זיך זעהער האפליך געגריסט אונ דאן
אנטאניא האט איהם פאר געשטעלט זיין שוועסטער קינד מאריא נונעס . וויא דער
אדמיראל האט דער זעהען דאס בעצויבערטעם שיינעם געזיכט . איז ער אפען ארט

זיא פַאר שְׁטֵיינֶערְט גֶעוָואָרֶען. מרים הָאט דָאס בֶּעמֶערְקְט אוּנ אִיז זֶעהֶער פֶערְשֶׁעמְט גֶעוָואָרֶען. נָאר אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען הָאט זִיךְ דֶער אַדְמִירַאל בֶּארֶעכֶענְט אוּנ מִיט אַ צַארְטֶען לִיבְּלִיכֶען שְׁמֵייכֶעל הָאט עֶר מרים'ן אוֹיךְ גֶעלַאדֶען צוּ זִיךְ אִין קַאדַאבּ. מרים הָאט דַארוֹיף גָאר נִיט גֶעאַנְטְוָוארְט אוּנ הָאט נָאר אַ קוּק גֶעטוּהְן אוֹיף טיראדען. טיראדא הָאט דָאס פְרִיהֶער נָאךְ גֶעוְוִיסְט. אַז קָאם וֶועט דֶער יוּנְגֶער לֵיידֶענְשַׁאפְטְלִיכֶער אַדְמִירַאל דֶער זֶעהֶען מרים'ן. וֶועט עֶר זִיךְ פֶערְלִיבֶּען אִין אִיהְר נָאר אַז דֶער פַאל אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען. הָאט עֶר זִיךְ גַאנְץ הֶאפְלִיךְ פַאר נֵייגְט דֶעם אַדְמִירַאל מִיט דִיא וֶוערְטֶער אִיהְר מוּזְט וִויסֶען מַיין הֶער אַז מאריא מִיט אִיהְר בְּרוּדֶער זַיינֶען פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיר אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען אוֹיף מַיינֶע הֶענְד אוּנ מִיט מַיין עֶהְרֶע אוּנ לֶעבֶּען הָאבּ אִיךְ גַאר אַנְטִירְט פַאר זֵייעֶר אַ מִינְדֶעסְטֶען צוּ פַאל. לָכֵן קָאן אִיךְ אַייעֶר וְואוּנְשׁ אָהְן דִיא קִינְדֶערְס הַסְכָּמָה דַארוֹיף נִיט עֶרְפָאלֶען. דֶער אַדְמִירַאל הָאט זִיךְ אָן גֶעצוּנְדֶען פוּן פֶערְדְרוּס אוּנ מִיט פֶערַאכְטוּנְג הָאט עֶר טיראדא'ן גֶעזָאגְט. דוּא אַלְס קַאפִּיטַאן דַארְפְסְטוּ דָאךְ וִויסֶען. אַז מִיט דֶער אִינְסְטְרוּקְצִיָא פוּן זַיין רֶעגִירוּנְג מֶעג יֶעדֶער שִׁיפְס אֶלְטֶסְטֶער טוּהְן וָואס עֶר גֶעפוּנְט נָאר פַאר רֶעכְט.

עֶרְלוֹיבֶּען זִיא מַיין הֶער. הָאט טיראדא מִיט פֶעסְטֶען טָאהְן גֶעזָאגְט. אִיךְ זָאג דָאךְ נִיט אַז אִיהְר הָאט דָאס רֶעכְט נִיט. אִיךְ זָאג נָאר אַז אָהְן זֵייעֶר אֵייגֶענֶער הַסְכָּמָה קָאן אִיךְ קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט נִיט עֶרְלוֹיבֶּען אֲפִילוּ מִיט אַ מִינְדֶסְטֶען פִינְגֶער זִיא צוּ בֶּערִירֶען.

מאריא'ן הָאט זֶעהֶער גֶעפְרֵייט טיראדאס טְרֵייהֵייט צוּ אִיהְר. נָאר קוּקֶענְדִיג אוֹיפֶען אַדְמִירַאלְס בְּרֶענֶענְדִיגֶע אוֹיגֶען. אִיז זִיא אִין זֶעהֶער אַ קְרִיטִישׁ פֶערְלֶעגֶענְהֵייט גֶעקוּמֶען. נָאר דאן אנטאניא הָאט זֵיי אַלֶע אַרוֹיס גֶעפִיהְרְט פוּן דֶער פֶערְצְוֵוייפֶעלְטֶער לַאגֶע מִיט דִיא וֶוערְטֶער. אֶמֶת טַאקֶע מַיין שְׁוֶועסְטֶער קִינְד אִיז זִיךְ זֶעהֶער שְׁוֶוער צוּ שֵׁיידֶען מִיט דֶער שִׁיף וָואס זִיא הָאט זִיךְ אַזַא צֵייט גֶעוְואוֹינְט מִיט אִיהְר. אוּנ מִיטֶען קַאפִּיטַאן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין צְווֵיי מָאהְל גֶעשְׁטְרֶעקְט זַיין לֶעבֶּען פַאר אוּנְז. נָאר בַּיי אַלֶעם דֶעם וֵוייסְט זִיא אָבֶּער אוֹיךְ צוּ שֶׁאטְצֶען דִיא עֶהְרֶע אוּנ דָאס גְלִיק. וָואס דֶער עֶדְלֶער אַדְמִירַאל אִיז אוּנְז מַבְטִיחַ. אוּנ עֶקְסְטְרֶע־דֶעם וֶועט זִיא אַלֵיין זִיךְ נִיט וֶועלֶען צוּ שֵׁיידֶען מִיט אִיהְר אַלְטֶען אוּנְגְלִיקְלִיכֶען פֶעטֶער. אוּנ וֶועט גֶעוִויס אַלֵיין צוּ פְרִידֶען זַיין אוֹיפֶען אַדְמִירַאלְס פָארְשְׁלַאג. אוּנ דוּא טַייעֶרֶער טיראדא בִּיכְט גֶעוִויס פוּן דַיין נַארַאנְטִיָא אַרוֹיס. קָאם מאריא וֶועט מִיט מִיר אוּנ מִיט עמאנואילען זַיין אוֹיפֶען קַארַאבּ!

טיראדא הָאט נָאךְ דִיא רֵייד שׁוֹין קֵיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה נִיט גֶעהַאט. וּבִפְרַט אַז מאריא הָאט אִיהְם אַיינְגֶערָאמְט שְׁטִילֶערְהֵייט אַנְדֶערְשׁ זֶעהְסְטוּ דָאךְ קָאן נִיט זַיין. אוּנ וִויא דֶער אַדְמִירַאל אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער קַאיוּטַא צוּ שַׁאפֶען זַיינֶע מֶענְטְשֶׁען וֶועגֶען דֶעם פַארַאד הָאט זִיךְ מרים גֶעוֶוענְדֶעט צוּ טיראדא'ן מִיט דִיא הֶערְצְלִיכֶע וֶוערְטֶער. אֶפְשַׁר צְוֵוייפֶעלְסְטוּ יאקאוו. אִין מַיין אִיבֶּער גֶעבֶּענְהֵייט צוּ דִיר! אָ יאקאוו דַיינֶע גְנַאדֶען מִיט מִיר פַארְגֶעס אִיךְ אֵייבִּיג נִיט מִיר אִיז זִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ שֵׁיידֶען יֶעצְט וִויא דִיר. אוּנ אִיךְ וֶועל גֶעוִויס שְׁטַארְבֶּען מִיט אַלֶעם מֶאנְלִיכֶעס. וִויא אַם גִיכְסְטֶען זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען צוּ דִיר. נָאר דֶער וַוייל מוּזֶען מִיר זִיךְ בֵּיידֶע אוּנְטֶער וָוארְפֶען דֶער מֶערְדֶערִישֶׁער שִׁיקְזַאל!

דִיא טְרַייעֶ וֶוערְטֶער הָאבֶּען אִיהְם אַבִּיסֶעל גֶעטְרֵייסְט פוּן זַיין אוּנְגְלִיק אוּנ טַאקֶע בַּאלְד דַארוֹיף אִיז אִיהְם עמאנואיל גֶעפַאלֶען אוֹיפֶען הַאלְז אוּנ מִיט פַייעֶר גֶעזָאגְט. יאקאוו בְּרוּדֶער. דוּא לֶעבְּסְט אֵייבִּיג אִין אוּנְזֶער הֶערְצֶען דַיין הוֹיכֶער גֵייסְט דַיין

הֶעלְדִישֶׁער חַאראַקְטֶער אוּנ דַיין וואַהְרֶע טְרַייהֵייט וֶועלֶען אוּנְז אֵייבִּיג דִינֶען פַאר אַ לִיכְט אִין אוּנְזֶער פִינְסְטֶער לֶעבֶּען . אוּנ מִיט אַלֶערְלֵיי מְסִירוּת נֶפֶשׁ וֶועלֶען מִיר זִיךְ שְׁטְרֶעבֶּען נָאךְ אַמָאל זִיךְ צוּ נוֹיף צוּ קוּמֶען מִיט דִיר .

טיראדא הָאט גֶעלַאדֶען דֶעם אַדְמִירַאל מִיט זַיין סְוִויטָא בַּיי זִיךְ צוּ מִיטַאג . זַייא הָאבֶּען זֶועהֶער אוֹיף גֶעלֶעגְט פַאר בְּרַאכְט דִיא מִיטַאגְס שְׁטוּנְדֶע . דֶער נָאךְ הָאט דֶער אַדְמִירַאל גֶעלַאדֶען דִיא דְרַיי גֶעסְט . אנטאניא׳ן מרים׳ן אוּנ עמאנואילען אִין זַיין שִׁיפֶער אַרַיין . עֶר הָאט זִיךְ גַאנְץ הֶאפְלִיךְ גֶעזֶעגֶענְט מִיט טיראדא׳ן . דִיא מוּזִיק הָאט אוֹיף גֶעשְׁפִּילְט . דִיא קַאנָאנֶען הָאבֶּען אוֹיס גֶעשָׁאסֶען אוּנ דָאס שִׁיפֶעל מִיט דִיא גֶעסְט אִיז אַוֶועק צוּם קאַראַב . אוּנ הָאט טיראדא׳ס טַייעֶרֶען אוֹצַר מִיט זִיךְ אַוֶועק גֶעפִיהְרְט .

טיראדא אָנְשְׁפַארֶענְדִיג זִיךְ בַּיי דֶער מַאטְשְׁטֶע . הָאט מִיט גֶעטְרֶערְטֶע אוֹיגֶען נָאךְ גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין לִיבֶּער מרים׳ן אוּנ דָאס הַארְץ הָאט אִיהְם גֶעפְּלַאטֶערְט פוּן הָאפְנוּנְג אוּנ שְׁרֶעק צוּ זַאמֶען . אוּנ מרים׳ס טְרַייהֵייט הָאט צוּ אִיהְם . הָאט עֶר זִיךְ אֲפִילוּ הַיינְט אִיבֶּער צֵייגְט . נָאר דֶער בִּיטֶערֶער סָפֵק צוּא וֶועט מרים בַּיי אִיהְרֶע יָאהְרֶען קָאנֶען שְׁטְרֵייט פִיהְרֶען אַקֶעגֶען דֶעם לֵיידֶענְשֶׁעפְטְלִיכֶען אַדְמִירַאל מִיט זַיינֶע אַלֶע לוּקסוּסֶען אוּנ קַאמְפְּפָארְט . דָאס הָאט אִיהְם גֶעטָאטְשֶׁעט טִיף אִין הֶערְצֶען וִויא אַ וָוארֶם . נָאר שְׁטֵייעֶנְדִיג אַזוֹי פַאר טְרַאכְט הָאט בִּילְמָאנְטִי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אִיהְם זַיין הַאנְד אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶעס אוּנ מִיט מִיטְלֵיידִישֶׁער פְרֵיינְדְשַׁאפְט הָאט עֶר אִיהְם אַ פְרֶעג גֶעטוּהְן . נוּא בְּרוּדֶער יאקאוו וָואס דֵיינְקְסְטוּ יֶעצְט צוּ טוּהְן ? זָאלֶען מִיר טַאקֶע אַזוֹי נָאךְ גֶעהֶען דֶעם גִיפְטִיגֶען גְרוֹיסֶען שְׁלַאנְג . וָואס עֶר הָאט אֵיין גֶעשְׁלִינְגֶען אוּנְזֶער טַייעֶרְסְטֶעס אִין לֶעבֶּען !

אָ נֵיין ! הָאט טיראדא גֶעזָאגְט וִויא עֶרְוֶועקְט פוּן אַ שְׁלָאף . אוּנְזֶער שִׁיף וֶועט פָאר אוֹיס גֶעהֶען ! אַ דַאנְק דִיר בְּרוּדֶער בילמאנטי וָואס דוּא הָאסְט מִיךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאם גֶעמַאכְט דַארוֹיף . טיראדא הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ צֵייכֶען דֶעם וִויצֶע קַאפִּיטַאן מִיט דֶער קָאמַאנְדָא אוּנ אִין צֶעהְן מִינוּטֶען אַרוּם אִיז דִיא שִׁיף אִיבֶּער גֶעלָאפֶען דֶעם קאַראַב . אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיהְר פָאלֶען גַאנְג .

---

.10

# לִיבֶּע אוּנ רֶעלִיגְיָאן

מרים׳ן הָאט אִיבֶּערְרַאשְׁט דָאס רָאסְקָאשׁ אוּנ קָאמְפְּפָארְט פוּן דֶעם עֶנְגֶעלְשֶׁען קאַראַב . דִיא שֵׁיינֶע פְּרַאכְטְפָאלֶע צִימֶערֶען . דִיא מַאשִׁינֶערֵייעֶן דֶער מֶעלִיטֶער שְׁטַאנְד דִיא פִיקֶע גְרוֹיסֶע קַאנָאנֶען . דִיא פְּרַאכְטְפָאלֶע מוּזִיק אוּנ אַלֶעס וָואס אוֹיף דֶעם רֵייכֶען קאַראַב הָאט זִיא שְׁטַארְק פֶּערְאִינְטֶערֶעסִירְט אוֹיס צוּ קוּקֶען אוּנ אוֹיס צוּ פְרֶעגֶען אִיטְלִיכֶעס פִיצֶעלֶע פָאדְרָאבְּנֶע . דֶער אַדְמִירַאל אַלֵיין אִיז מִיט אִיהְר אִימֶעדִים אוּם גֶעגַאנְגֶען . אוּם גֶעוִויזֶען אוּנ עֶרְקְלֶעהְרְט אוּנ בַּיי יֶעדֶער גֶעלֶעגֶענְהֵייט . הָאט עֶר אִיהְר גֶעזָאגְט . אַז זַיין גַאנְץ פֶערְגְנִיגֶען בֶּעשְׁטֶעהְט אִין דֶעם . עֶר זָאל אִיהְר מִינְדֶעסְטֶען וִוינְשׁ אִיהְר מִינְדֶעסְטֶעס נַייגֶעאִירְקֵייט עֶרְפָאלֶען . עֶס אִיז קֵיין פִירְטֶעל שְׁטוּנְדֶע נִיט אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס עֶר זָאל זִיא נִיט קוּמֶען בֶּעזוּכֶען אִין אִיהְר בֶּעצוֹיבֶּערְט שֵׁיינֶעם צִימֶער . אוּנ מִיט אִיהְר שְׁפְּרֶעכֶען אִיבֶּער אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט . דֶער בַּיי הָאט עֶר אִיהְר אַלְץ

פָאר גֶעשְׁטֶעלְט זַיין פַאטֶער לַאנְד אִין דִיא שֶׁענְסְטֶע פַארְבֶּען אוּנ הָאט אִיהְר דֶערְצֶעהְלְט פוּן זַיין אוּנְגֶעאַרְען רַייכְטְהוּם גִיטֶער פַּאלַייצֶען אוּנ ווירְטְשַׁאפְטֶען בִּכְדֵי עֶר זָאל אִיהְר דֶער מִיט אַיינְפְּלִיסֶען לִיבֶּע צוּ זַיין לַאנְד אוּנ צוּ אִיהְם ׃

מרים הָאט טַאקֶע דָאס אַלֶעס מִיט פֶּערְגְנִיגֶען גֶעהֶערְט . נָאר פוּן טיראדאָ'ן אִיז אִיהְר גֶעדַאנְק אַ מִינוּט נִיט אָפּ גֶעטְרֶעטֶען אַלֶע ווַיילֶע הָאט זִיךְ אִיהְר אַלְס פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז זיא זֶעהְט טיראדאָן פוּן זַיין שִׁיף קוּקֶען אוֹיף אִיהְר מִיט דִיא לִיבֶּע ווֶערְטֶער ׃ גֶעדְיינְקְסְטוּ מִיךְ נָאךְ מרים ? אוּנ זִיא אַנְטְווָארְט אִיהְם . זַיי זִיכֶער יאקאוו אָט אָט ווֶעל אִיךְ זַיין מִיט דִיר .

אִין אַ וואָךְ דְרַיי אַרוּם אִיז דֶער קַארַאבּ אָן גֶעקוּמֶען אִין קַאנַאל קָאלֶע ווָאס פִיהְרְט צוּ זַאמֶען דֶעם יַם מִיט דֶעם לָאנְדֶענֶער טַייךְ טֶעמְזָא . אוּנ מֶען הָאט שׁוֹין אַרוּים גֶעזֶעהֶען דִיא הוֹיכֶע עֶנְגְלֶענְדִישֶׁע בֶּערְג . דֶער אַדְמִירַאל הָאט אִיהְר גֶעוויזֶען דִיא בֶּערְג אוּנ ווידֶער גֶעלוֹיבְּט זַיין טַייעֶר עֶנְגְלַאנְד . אוּנ טַאקֶע בְּעֵת רֶעדֶען הָאט אִיהְם זֶעהֶער גֶעקְלֶעמְט בַּיי זַיין הַארְצֶען . ווָאס אָט אָט דַארְף עֶר זִיךְ מִיט אִיהְר שֵׁיידֶען ׃ מָאמֶענְטַאלְנֶע אִיז עֶר אַרַיין גֶעלָאפֶען צוּ זִיךְ אִין קַאיוּטַא . הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעווָארְפֶען אִין פַאטֶער אוּנ הָאט זִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען אַ רִיכְטִיגֶען חֶשְׁבּוֹן אָפּ גֶעבֶּען פוּן זַיינֶע גֶעפִיהְלֶע צוּ מרים'ן אוּנ עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר צוּ דֶעם בֶּעשְׁלוּס גֶעקוּמֶען . אַז דִיא שֵׁיינֶע מרים הָאט ווירְקְלִיךְ זַיין גַאנְץ הֶערְץ בַּיי אִיהְם אִין פְלֶען אַרַיין גֶענוּמֶען . אוּנ אַז עֶר הָאט זִיא שְׁטֶערְבְּלִיךְ לִיבּ אֵיינֶע טְרַייעֶ רֵיינֶע ווַאהְרֶע גֶאטְלִיכֶע לִיבֶּע .

מִיט דֶעם רֶעזוּלְטַאט הָאט זִיךְ דֶער אַדְמִירַאל בֶּעשְׁלָאסֶען אוֹיגֶענְבְּלִיקְלִיךְ אַרַיין גֶעהֶען צוּ מרים'ן אִין צִימֶער . אוּנ אִיהְר עֶנְטְדֶעקֶען זַיין פַייֶערִיגֶעס הֶערְץ ׃ נָאךְ אֵיידֶער מֶען וֶועט צוּ קוּמֶען קַיין לָאנְדָאן . אוּנ בַּיי זִיךְ אִיז עֶר גַאנְץ פֶּעסְט גֶעווֶעהְן אַז זִיא ווֶעט אִיהְם גֶעווִיס צָאהְלֶען מִיט דֶער זֶעלְבֶּער בְּרֶענֶענְדִיגֶער לִיבֶּע ווָאס עֶר ׃

אַרַיין קוּמֶענְדִיג צוּ אִיהְר . הָאט עֶר זִיא זֶעהְר לִיבְּלִיךְ גֶעגְרִיסְט . הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶעבֶּען אִיהְר אוֹיף אַ שְׁטוּל . אוּנ הָאט מִיט הֵייסֶע בְּרֶענֶענְדֶע גֶעפִיהְלֶען צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט . זֶעה טַייעֶרֶע מאריא אַז נָאךְ אִין אַ פָּאר טָאג אַרוּם זַיינֶען מִיר שׁוֹין אִין לָאנְדָאן . אוּנ דָארְט עֶנְדִיגְט זִיךְ אוּנְזֶער אָנְגֶענֶעהְמֶענֶע לוּסְט רֵייזֶע . דֶער פִירְכְטֶערְלִיכֶער גֶעדַאנְק פוּן בַּאלְד שֵׁיידֶען זִיךְ מִיט דִיר צְווִינְגְט מִיךְ זֶעהֶער אִיךְ זָאל דִיר שׁוֹין עֶנְטְדֶעקֶען מַיין גַאנְץ הַארְץ . אוּנ אִיךְ נֶעם מִיר דִיא פְרַייהֵייט צוּ דֶענְקֶען אַז דוּא ווֶעסְט גֶעווִיס מִיט פִיהְלֶען מַיינֶע שְׁמֶערְצֶען . ווַייל אִין דֶער גַאנְצֶער צֵייט פוּן אוּנְזֶער רֵייזֶע הָאסְטוּ מִיךְ מִיט דַיין גְלֶענְצֶענְדֶען פֶערְשְׁטַאנְד אוּנ עֶדְלֶען חַארַאקְטֶער גֶעווִיס קֶענֶען גֶעלֶערְנְט מִיט אַלֶע מַיינֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען אוּנ אִידֶעֶען . טְהַייעֶרֶע דאננא מאריא עֶרְלוֹיבּ מִיר צוּא זָאגֶען דָאס הֵיילִיגֶע ווָארְט . אִיךְ לִיבּ דִיךְ אוּנ שְׁטוּים פוּן זִיךְ נִיט אָפּ דֶעם ווָאס שֶׁאטְצְט זִיךְ גְלִיקְלִיךְ אֵיין אָפְּפֶער צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר דִיר זַיין לֶעבֶּען זַיין אַלֶעס צוּ יֶעדֶער מִינוּט

הֶערֶענְדִיג אַזֶעלְכֶע צַארְטֶע הֵייסֶע ווֶערְטֶער ווָאס פְלִיסֶען אַרוֹיס פוּן אַ רֵיינֶעם אוּנְשׁוּלְדִיגֶען לִיבֶּע קְווַאל ׃ נָאר ווָאס פַאר אִיהְר זַיינֶען זֵיי נָאךְ גָאר נַיי אוּנ פְרֶעמְד ׃ אִיז מרים פֶערְצִיטֶערְט גֶעווָארֶען . דָאס הַארְץ אִיז אִין אִיהְר כִּמְעַט פֶערְשְׁטָארְבֶּען אוּנ אַלֵיין אִיז זִיא בְּלַאס גֶעווָארֶען וויא אַ מֵת זִיא הָאט מִיט אַלֶע קְרֶעפְטֶע גֶעווָאלְט צוּ זַאמֶען נֶעמֶען אִיהְרֶע גֶעדַאנְקֶען . אוּם צוּ דֶער פִיהְלֶען זִיךְ וויא זִיא אִיז אִין דֶער ווֶעלְט ׃ נָאר אַלֶעס אִיז אִין אִיהְר פֶערְטוֹיבְּט גֶעווָארֶען . אוּנ זִיא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען וויא פֶערְשְׁטֵיינֶערְט אָפִין אָרְט . דֶער הֶערְצָאג נֶעוויל הָאט דָאס בֶּעמֶערְקְט הָאט עֶר אִיהְר גַאנְץ לִיבְּלִיךְ אַ זָאג גֶעטוּהְן . פֶערְצַייעֶ מִיר לִיבֶּע מַארִיַא . ווָאס אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי פְלוּצִים אוּנְבֶּערוּהִיגְט אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעווִיס נִיט גֶעמֵיינְט צוּ קְרֵיינְקֶען . בֶּעהִיטֶע גָאט אִיךְ זָאל חָלִילָה בַּייא

דִיר װֶעלֶען נֶעמֶען מַיין גְלִיק מִיט' גְװַאלְד . דָכֶן װֶער אִיךְ יֶעצְט פוּן דִיר בֶּעסֶער אַפְּשַׁייד נֶעמֶען . אוּנ מָארְגֶען װֶער אִיךְ קוּמֶען נָאךְ דַיין װֶערְדִיקְט אִיבֶּער מִיר .

מאריא אִיז דֶער װַייל אַבִּיסֶעל צוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען . זִיא הָאט בַּאלְד צוּ זַאמֶען גֶענוּמֶען אִיהְרֶע קְרֶעפְּטֶע אוּנ מִיט פֶּעסְטֶע . נַאר פַּאל אוּנְשׁוּלְד װֶערְטֶער הָאט זִיא אִיהְם גֶעזָאגְט . נֵיין הֶערְצָאג גֶעהְט נִיט אַװֶעק פוּן מִיר אָהְן אֵיין אַנְטְװָארְט .

פוּן לִיגֶען אוּנ פַאלְשְׁקֵייט בִּין אִיךְ זֶעהֶער װַייט . אוּנ אַייעֶרֶע גְנַאדֶען מִיט מִיר הָאבֶּען דָאס נִיט פֶערְדִיעֶנְט . אַז אִיךְ זָאל אַייךְ װֶעלֶען אָפּ צִיהֶען מִיט פַאלְשֶׁער הָאפְנוּנְג . הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶער הֶערְצָאג אַייעֶרֶע עֶדְלֶע גֶעפִיהְלֶע פִיר מִיךְ עֶלֶענְדֶעס פֶערְפָארְגְטֶעס מֵיידְכֶען . אִיז אַוַדַאי אֵיין אוּנְשֶׁאטְצְלִיכֶער אוֹצָר . פַאר װֶעלְכֶען אִיךְ בִּין גֶעװִיס נִיט אוּמְשְׁטַאנְד אַייךְ אֵייבִּיג אָפּ צוּ דַאנְקֶען פַאר אִיהְם נָאר לֵיידֶער קָאן אִיךְ אָבֶּער דֶעם טְהַייעֶרֶען אוֹצָר נִיט נֶעמֶען מִיר בֵּיידֶע צְװִישֶׁען זִיךְ זַיינֶען װַייטֶער װִיא הִימֶעל מִיט עֶרְד . אוּנ דִיא גְרוֹיסֶע װֵייטֶע װֶעלְט אִיז נָאךְ גָאר קַארְג פַאר אַ צוּ װִישֶׁענְשַׁייד צְװִישֶׁען אוּנְז בֵּיידֶען . דִיא װֶערְטֶער הָאבֶּען דֶעם אַדְמִירַאל זֶעהֶער טִיף בֶּעלֶעדִיגְט . אוּנ עֶר הָאט מרים'ן אַ זָאג גֶעטוּהְן . װִירְקְלִיךְ מֵיינְסְטוּ מאריא אַז דִיא פַאמִילְיָא הֶערְצָאג דִי דֶעװַאנְסְהִירָע אִיז קְלֶענֶער פוּן פָּארְטוּגַאלִישֶׁער קֶענִיגְלִיכֶער פַאמִילְיָא ! אָ נֵיין מַיין פַאמִילְיָא אִיז פוּן דִיא בֶּערוּהְמְטֶעסְטֶע אִין עֶנְגְלַאנְד . אוּנ מַיינֶע עֶלְטֶערֶען הָאבִּין זִיךְ נִיט אֵיין מָאהְל נָאר מִשַׁדֵךְ גֶעװֶעהְן מִיט קֶענִיגְלִיכֶען שְׁטַאם . מאריא הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען זַיין טָעוּת . װָאס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין אִיהְרֶע װֶערְטֶער . אוּנ הָאט אִיהְם מִיט פֶּעסְטֶען טָאהְן גֶעזָאגְט . עֶרְלוֹיבֶּען זִיא הֶערְצָאג אִין מַיין גַאנְצֶען אָרְגַאנִיזְם (גוּף) פְלִיעסְט נִיט אֲפִילוּ אֵיין טְרָאפֶּען קֶענִיגְלִיךְ בְּלוּט . דאן אנטאניא אִיז נָאר מַיין מוּמֶעס אֵיין אֵיינִיקֶעל . אוּנ אָבְּװָאהְל מַיין אֵייגֶענְטְלִיכֶע פַאמִילְיֶע רָאדְרִיגֶעס הַאמַאן אִיז אוֹיךְ נִיט פוּן דִיא קְלֵיינֶע פַאמִילְיֶען אִין שְׁפַּאנְיֶען . אִיז דָאךְ אַ װֵייטֶער אוּנְטֶערְשִׁיעד פוּן מִיר צוּ אַייךְ .

אָ זָאגְט דֶער הֶערְצָאג מִיט פְרֵייד אִיךְ קוּק נִיט אוֹיף פַאמִילְיֶע . מִיט דַיין גֵייסְט אוּנ כַאראַקְטֶער בִּיסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין גֶענוּג פַאמִילְיַארְנֶע . אוּנ װֶען אִיךְ זָאל דִיךְ אֲפִילוּ עֶרְגֶעץ אִין אַ װַאלְד גֶעפוּנֶען . װָאלְט אִיךְ דִיךְ אוֹיךְ װִיא דֶעם טַייעֶרְסְטֶען בֶּערְלְיַאנְט מִיט בֵּיידֶע הֶענְד גֶעהַאפְּט !

װָאס מֶעהְר אִיךְ זֶעה אַייעֶר עֶדֶעלְקֵייט הֶערְצָאג מֶעהְר שְׁמֶערְצֶען מַאכְט דָאס מִיר װַייל אִיךְ װֵייס . אַז אַייעֶר װִינְשׁ קָאן אוֹיף קֵיין פַאל נִיט עֶרְפָאלְט װֶערֶען . אִיהְר מוּזְט װִיסֶען הֶערְצָאג . אַז אִיךְ בִּין אַ מַארַאנֶען אֵיינִיקֶעל אוּנ װָאס מֶעהְר דִיא סֶערְדֶעדִישֶׁע אִינְקְװִיזִיצְיָאן הָאט אוּנְז פֶערְפָאלְגְט . דֶעסְטָא מֶעהְר הָאט זִיא אִין אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען עֶרְװֶעקְט זֵייעֶר פַייעֶרְדִיגֶען אָפֶּער צוּ זֵייעֶר יוּדִישֶׁען רֶעלִיגְיָאן . דָאס אוּנְשׁוּלְדִיגֶע פַאר גָאסֶענֶע בְּלוּט פוּן אוּנְזֶער עֶלְטֶערֶען הָאט אַלְס מֶעהְר פַאר גְרֶעסֶערְט דָאס פַייעֶר . בִּיז עֶנְדְלִיךְ מִיר אֵיינִיקְלִיךְ הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע צוּ נוֹיף גֶעגָאסֶען אִין אֵיין פַייעֶר פְלַאמֶענְדֶעס הֶערְץ . מִיר זָארֶען זִיךְ אַלֶע אֵיין אָפְּפֶער בְּרֶענְגֶען פַאר דֶער אֱמוּנָה פַאר װֶעלְכֶער אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערֶען הָאבֶּען אַזוֹי פִיל אוֹיס גֶילִיטֶען . אוּנ אָ דָאס זוּכֶען מִיר יֶעצְט אַ פְרַייא רוּהִיג װִינְקֶעל אִין אַייראָפַּא . װִיא מִיר זָאלֶען קָאנֶען צוּרִיק עֶפֶענְטְלִיכֶע רֶעלִיגְיָאזֶע יוּדֶען װֶערֶען ! הֶערְצָאג אִיךְ בִּין אֵיינֶע יוּדֶען אוּנ בְּלַייבּ אֵייבִּיג אֵיינֶע יוּדִין

נֶעװִיל הָאט זִיא גַאנְץ אוֹיפְמֶערְקְזַאם אוֹיס גֶעהֶערְט אוּנ יֶעדֶעס װָארְט הָאט אִיהְם אַלְץ מֶעהְר גֶעשְׁטָאכֶען אִין הַארְץ . עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר אִיהְר גֶעזָאגְט . אוֹיךְ דָאס לִיבֶּע מאריא . אַ אַרְט מִיךְ נִיט גֶעבּוֹירֶען בִּיסְטוּ דָאךְ אַ קְרִיסְטֶען אוּנ פַאר דֶער װֶעלְט אוֹיךְ דָאס זֶעלְבֶּע . נוּא װָאס גֶעהְט מִיךְ אָן . װָאס בַּיי דִיר אִין הַארְצֶען אִיז ? אִיךְ װֵייס

נאר אז דוא ביסט אונשולדיג. פראמם אונ העכבט מאראליש. נוא דער מיט ביסט שוין ביי מיר טהייערער פונם גאנצען קאטאליציזם. מאריא מיין זעהע ערפאל מיין וואונש. זיי מיר א פרויא אונ מענסט דיר זיין פריי אין דיינע רעליגיאזע געוויסען. וויא דוא ווילסט דיר אליין. אביא לפנים ווערסטו הייסען א קריסטען.

טרים איז שיעור צוא גאנגען פון רחמנות קוקענדיג אויפען הערצאגס שמערצליכעס געזיכט. אונ מיט טרערען האט זיא איהם אן געהאפט ביי דער האנד אונ פייערליך געזאגט. איהר זיינט איין ערהאבענער גייסט מיר איז לייד אייך צו פערזאגען דאס מיט וואס איהר ווילט אונ קאנט מיך גליקליך מאכען. נאר איהר מוזט אבער וויסען גנאדיגער הערצאג. אז א מאסקע טראגען קאן איך ניט. איבער דער פאלשער מאסקע האב איך זיך בעשלאסען צו לאזען מיין קראנקען פאטער מיין עדעלע נידערגעשלאגענע מוטער. מיין גאנצע פאמיליע אונ מיין געבורטס לאנד. אונ זיך עלענד איינזאם ארום וואקלען אין דער וועלט ביז איך וועל מיר א פריי ארט געפונען. וויא איך זאל דיא מאסקע שוין מעהר ניט דארפען טראגען. ניט נאך איך אליין הערצאג האב דאס געטוהן. מיין ברודער עמאנואיל מיין פריינד טיראדא אונ נאך פילע פון אונזער אונגליקליכע ברודער טוהן דאס צו ליב דער פאלשער מאסקע אונ נאך אונז וועלען דאס זעלבע טוהן צעהען טויזענטער מאראנען. נוא וויא מיינען זיא גנאדיגער הערצאג זאל איך מיך יעצט פון דיא אלע פערביטערטע זעלען אפ רייסען. אונ זיי זאלען אויף מיר מיט דיא פינגער טייטען. א דאס איז דיא פאלשעניצא וואס האט קלאמערשט א ראלע פון פאטריאטיזמוס געשפילט. אונ צו ליב דעם הערצאגס כבוד אונ רייכטהום האט זיא פאר קויפט אונז דיא רעליגיע און זיך. אויסער דעם זאלט איהר ניט מיינען הערצאג אז ביי פערשידענע רעליגיאנס געוויסען קאן נימאלס קיין פאמיליען פרידען ניט עקסיסטירען. דיא הייסע ליבע וועט אין א קורצער צייט אוועק אונ עס וועט פאר טרייטען דאס הייזליכע פראקטישע פאמיליען לעבען. דאן וועט זיך אויס רוהפען איבער מיר אינטריגעס צווישען אייך מיט אייער פאמיליע; אונ איהר וועט ניט צו פריעדען זיין מיט אייער לעבען. אונ אייך פאר שטערען דאס לעבען זיינט איהר ביי מיר צוא טייער וועגען דעם אונ איך ווידער בין ביי זיך אויך ניט אזוי בילליג. אז איך זאל מיך לאזען הייסען א מאל דער אבן נגף פון אייערע פאמיליען אינטריגעס. געדענקט הערצאג מיינע ווערטער איהר וועט זיך א מאל אליין איבער צייגען אין דעם. אונ דאן בעט איך אייך איהר זאלט מיך דער מאנען אונ זאגען מאריא האט פאלקאמען רעכט געהאט.

דער שלאגען איז דער הערצאג אויף געשטאנען פון זיין שטול: מיט דיא ווערטער פון דיינע אלע רייד מאריא. קאן איך נאר דאס שליסען. אז דוא ליבסט מיך ניט וויא איך דיך. נאר ניט אויף דיר קאן איך דער מיט פראטענדירען. זאנדערען אויף מיין ווייסטער אונגליקליכער שיקזאל. וואס זיא האט מיר שוין געוויזען מיין אידעאל אונ האט מיך ניט געלאזט צו טרייטען צו איהם. אדיע מאריא לעבע וואהל אונ ערינער זיך א מאל אין מיר אויך.

.11

# טִירַאדָא אִין גֶעפֶענְגְנִיש

טיראדאס שִׁיף אִיז נָאךְ פְרִיהֶר מִיט עֶטְלִיכֶע גֶעקוּמֶען אִין לָאנְדָאנֶער פָּארְט. נָאךְ גֶעהֶענְדִיג אִין דֶער טֶעמְזֶע הָאט עֶר אוֹיף גֶעצוֹיגֶען אוֹיף זַיין שִׁיף אַ פָּארְטוּגַאלִישֶׁען פְלַאג אוּנ אִיבֶּער אִיהְם הֶעכֶער אַ עֶנְגְלֶעלִשֶׁען פְלַאג אַרַיין גֶעהֶענְדִיג אִין פָּארְט אִיז אִיהְם דֶער קָאמֶענְדַאנְט פוּנֶם פָּארְט אַקֶיגֶען גֶעקוּמֶען אוּנ אִיז אִין טיראדאס שִׁיף אַרַיין ׃

טיראדא הָאט אִיהְם אִין קוּרְצֶען אוֹיס דֶער צֶעהֶלְט זַיין צוּ פַאל מִיטֶען אַדְמִירַאל הֶערְצָאג נֶעוִויל. אוּנ הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל אִיהְם פִיהְרֶען צוּם מִינִיסְטֶער דֶעם אַיינְסֶערְנְס וָוארֶען עֶר הָאט וִויכְטִיגְס אִיבֶּער דֶער עֶנְגְלֶעלְשִׁיר פָּאלִיטִיקָא אִיבֶּער צוּ גֶעבֶּען אוּנ אוֹיסֶער דֶעם וִויל עֶר זִיךְ אוֹיסְטַעֲנִין וֶועגֶען זַיין פְּרָאצֶעס גֶעגֶען אַדְמִירַאל. וָואס עֶר הָאט אִיהְם אוּמְזוּסְט גֶענוּמֶען אִין פְלֶען אַרַיין. אוּנ וִויל בֶּעטֶען מֶען זָאל זַיין שִׁיף בֶּעפְרַייעֶן. דֶער קָאמֶענְדַאנְט הָאט בֶּעפוֹילֶען זַיין וַוייטֶע קָאמֶענְדַאנְט עֶר זָאל דֶער וַוייל אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף טיראדא׳ס שִׁיף אַז קֵיין אֵיינְצִיגֶער פוּנֶם עֶקִיפַּאזְשׁ זָאל זִיךְ נִיט עֶרְוַואגֶען אַרָאפּ צוּ גֶעהֶען פוּן. דָארְט בִּיז עֶר וֶועט נִיט הָאבֶּען דָאס עֶרְלוֹיבְּנִיס דַארוֹיף. אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר מִיט טיראדא׳ן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען צוּם רֵייכְס קַאנְצְלֵיער לָארְד בּוּרְלֵייגָא קוּמֶענְדִיג אִינֶם קַאנְצְלֵיעֶרְס דְוָוארֶעץ. הָאט דֶער קָאמֶענְדַאנְט גֶעלָאזְט טיראדאן אִין פָּארְזַאל אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר אַרַיין גֶעגַאנְגֶען דָאקְלַאדֶעוֶוען. בַּאלְד הָאט מֶען טיראדא׳ן אַרַיין גֶערוּפֶען צוּם קַאנְצְלֵיעֶר.

טיראדא הָאט אִין קוּרְצֶען אוֹיס דֶער צֶעהֶלְט זַיין בִּיטֶע אוּנ הָאט דֶער וִויזֶען אַז נִיט נָאר פָּארְטוּגַאל אִיז אַ גֶעגְנֶערִין עֶנְגְלַאנְד. זָאנְדֶערְן אַ טְרַייֶע חַבְרְטֶע צוּם בֶּעוַוייז אַז עֶר מִיט זַיין שִׁיף הָאט צוּ שְׁלָאגֶען אַ שְׁפַּאנִישֶׁע קְרִיגְס שִׁיף אוֹיפֶען יַם. אוּנ דֶער מִיט אִיז עֶר בֶּעהִילְפִיג גֶעוֶועזֶן דֶעם הֶערְצָאג נֶעוִויל. עֶר זָאל דִיא שְׁפַּאנִישֶׁע שִׁיף אִין פְלֶען אַרַיין נֶעמֶען אוּנ פִיהְרֶען קֵיין עֶנְגְלַאנְד.

דֶער לָארְד הָאט זִיךְ דֶער וַוייל דֶער פְרֵייט פוּן דֶער וִויכְטִיגֶער בֶּערִיכְטֶע אַז דֶער הֶערְצָאג הָאט פֶערְוָוארְבֶּען פִיר עֶנְגְלַאנְד אַ שְׁפַּאנִישֶׁען קָארַאב ׃ אוּנ מִיט אַ וַוייכֶער שְׁטִימֶע הָאט עֶר טיראדאן גֶעזָאגְט לוֹיט דַיינֶע טַעֲנוֹת הָאסְטוּ רֶעכְט נָאר אִיךְ מוּז נָאךְ אוֹיס הֶערֶען דֶעם הֶערְצָאגְס טַעֲנוֹת אוֹיךְ. נִישׁ מֶער נִיט דָאס בִּין אִיךְ נָאךְ גָאר אוֹיסֶען זָאג מִיר וִויא אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעוַואגְט קְרִיג פִיהְרֶען מִיט אַ שְׁפַּאנִישֶׁער שִׁיף דַאן אַז פהיליפּ הָאט שׁוֹין דֶעם פָּארְטוּגַאלִישֶׁען טְרָאהְן בֶּעשְׁטִיגֶען ? צְוַוייטֶענְס וִויא אַזוֹי הָאסְטוּ זִיךְ אַיין גֶעשְׁטֶעלְט מִיט דַיין קְלֵיינֶער שִׁיף אַקֶעגֶען אַ קְרִיגְס קָארַאב צוּ שְׁטְרֵייטֶען ? אֱמֶת פַאר דַיין הֶעלְדֶענְטְהוּם קוּמְט דִיר כָּבוֹד אוּנ רוּהְם. אָבֶּער דִיא פָּאלִיטִישֶׁע פְרַאגֶע מִיט וָואס קָאנְסְטוּ פַאר טֵיידִיגֶען ?

טַאקֶע נָאר כִּמְעַט וֶועגֶען דֶער פְרַאגֶע. הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעהֵייסֶען פָאר שְׁטֶעלֶען פַאר אַייעֶר הָאהַייט. הָאט טיראדא גֶעזָאגְט זִיא מוּזֶען וִויסֶען לָארְד אַז אִיךְ בִּין פוּן דִיא הַייסֶע פָּארְטוּגַאלִישֶׁע פַּאטְרִיאָטֶען. וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ אוֹיף קֵיין פַאל נִיט אוּנְטֶער גֶעגֶעבֶּען דֶעם טִירַאנִישֶׁען יָאךְ פוּן שְׁפַּאנְיֶען אוּנ וֶועלֶען זִיךְ נִיט אוּנְטֶער גֶעבֶּען. בִּיז אַיירָאפַּא וֶועט נִיט צוּ נֶעמֶען דֶעם מִשְׁפָּט צְוִוישֶׁען דֶער פָּארְטוּגַאלִישֶׁער קֶאנִיגְלִיכֶער דִינַאסְטִי מִיט פהיליפען. אִיהר מוּזְט וִויסֶען גְנֶאדִיגֶער לָארְד ׃ אַז נִיט מִיט דֶער מִינְדֶעסְטֶער רֶעכְט הָאט פהיליפּ פֶערְוָואבֶּען פָּארְטוּגַאלִישֶׁען טְרָאהְן. זָאנְדֶערְן מִיט גְזֵלָה רְצִיחָה

און חַאבַּאר. דער קעניג אנטאניא האט ניט מיט זיין וגוטען ווילען אפּ געטרעטען זיין פּארטוגאַליעשע ירושה טראָהן זאנדערען אוים לעבענס געפאהר. וואס פהיליפּ האט צו געזאָגט 90000 גאָלד דוקאטען פאר זיין אפּ געשניטענעם קאפּ. קעניג אנטאניא האט זיך נאר פונם טויט געוואָלט רעטען און איז אַנטלאָפען פון ליסאַבאָן מיט דער מיינונג צו קומען אַהער קיין לאנדאן און בעטען שטיצע פון איהר מאיסטעט. דער קעניגען געגען זיין טראָהן בערויבער. און ווייא אנטאניא איז קאם אַ לעבעדיגער געקומען צום פּארט שעטוואַל אין ליסאַבאן האט ער זיך אויף מיין שיף אַרויף געהאַפּט און איך האב איהם געפיהרט דעם גאַנצען וועג און האב איהם געבראַכט אַ הער.

הערענדיג דאס וויכטיגע נייעס האט זיך דער קאנצלייער אויף געהאַפּט פון זיין שטול. און מיט אַ ראשענדער שטימע האט ער אַ פרעג געטוהן. וואס זאגסטו אפּיצער דאן אנטאניא'ן האסטו געבראַכט? און ער איז יעצט ביי דיר אין דיין שיף.

קעניג אנטאניא איז יעצט ניט אויף מיין שיף. דער הערצאג נעוויל האט געפונען אַז עס איז פאר איהם ניט לכבוד ער זאל זיטצען אין מיין קליינער שיף. און האט איהם אויפען וועג איבער געפיהרט צו זיך אויף זיין קאראַב. און אין גיכען וועט ער קומען מיט איהם אַ הער. דער לארד איז איינינע מינוטען אַרומגעשפּאַנט פערטיפט איבער זיין צימער. און פּלוצים האט ער זיך אפּ געשטעלט געגען טיראדא'ן מיט דיא ווערטער. איינע וויכטיגע פּאליטישע בעריכטע האסטו מיר יעצט געזאָגט און איך מוז דאס אויגענבליקליך פערקינדיגען איהר מאיסטעט דער קעניגען. לכן געה יעצט אויף דיין קוואַטיר. און איך וועל דיך שוין לאזען רופען ווען מען וועט דארפען. זאג מיר נאר טאפּפערער אפּיצער וויא וועסטו לאזשירען?

ביי מיין בעקאנטער פירמא צעאַגא. אין דער באסינהאל שטראַסע גוט. ער איז מיר בעקאנט האט דער לארד געזאָגט.

נוא און מיט מיין עקיפּאַזש וואס מיינען זיא גנעדיגער לארד?

דיין עקיפּאַזש מוז נאך בלייבען אויף דער שיף. ביז איך וועל ניט האבען עטוואס איין אָרדנונג פון מיין קעניגען. טיראדא האט זיך גאנץ העפליך פערבויגען און איז אַרויס פונם קאנצליערס קאבינעט.

עשפּינאַזא דע צעאַגא איז איין איינינקעל פון אַ שפּאַנישען קאטאליק. וועלכער האט זיך זעהער פריינדליך פערהאַלטען מיט טיראדאס זיידען. און איז נאך דעמאלט אַרויס קיין לאנדאן און האט גיעפענט אַ גרויס באַנקיר הויז. און ווען טיראדא'ס זיידען האט געטראָפען דער אונגליק מיט דער אינקוויזיציא. האט ער אויספּיעט זיין פאר מעגען איבער צו ליפערען צום אַלטען צעאַגא קיין לאנדאן. און פון דאן אן איז צווישען צעאַגא'ס און טיראדאס פאמיליען איינע זעהער פריינדליכע פערהאַלטענים. און יעצט דער יונגער צעאגא איין זעהער סולידער אָרענטליכער מענטש. איז אויך זעהער גוט בעפריינדעט געוועהן מיט יאקאוו'ען און האט געוויסט פון אַלע זיינע פּלאַנען און פון זיין צוועק וועגען דיא מאראַנען. און וויא טיראדא איז יעצט געקומען צו איהם האט ער איהם וויא תמיד זעהער ליבליך אויף גענומען. און האט איהם געבעטען ער זאל ביי איהם לאזשירען ביז זיין אָבּרייזען פון לאנדאן. טיראדא האט איהם דער צעהלט דעם צוועק פון זיין יעצטיגער רייזע נאך לאנדאן. און אַזוי זיטצענדיג ביים אַבענדס מאהל און רעדען: הערען זיי וויא עמיצער קלאַפּט אין דער טיר. צעאגא האט זיך אויף געהויבען פון זיין אָרט און האט גיעפענט דיא טיר. און פּלוצים איז אין שטוב אַריין געקומען אַ שעף זשאנדאַרם פון דער קעניגען מיט דער פראגע וויא איז דער פּורטוגאַלישער קאפּיטאן טיראדא. טיראדא איז אויף געשטאַנען האט זיך גאַנץ העפליך

פערבייגען צו איהם און האט איהם געפרעגט וואס ער פערלאנגט פון איהם . דער שעף האט איהם געזאגט אז דער לארד בורלייגא פאדערט איהם אויגענבליקליך צוא זיך . טיראדא האט זיך געזעגענט מיט צעאגא'ן און איז אוועק געגאנגען מיטען שעף . חיא ער איז נאר פון דער שטוב ארוים . זעהט ער וויא איינער שטעהט פאר אהם מיט א פאקעל אין האנד און הינטען געהען נאך צוויי זשאנדארען . טיראדא'ן האט דיא זאך אביסעל אונבערוהיגט . נאר אזוי וויא ער האט זיך אין קיין פאר ברעך ניט געפיהלט . איז ער גאנץ פעסט און זיכער געגאנגען מיטען שעף זיין וועג .

אקייגען א פאר שעה האט איהם דער שעף געפיהרט דורך ענגע און שמאהלע געסליך . ביז זיי זענען געקומען צו איין גאנץ ברייטען קאנאל פאל מיט וואסער . דארט האט איינער פון דיא זשאנדארען געגעבען א פייף . האט זיך באלד ארוים געריקט פון יענער זייט א בריק איבערן קאנאל . דער שעף האט טיראדאן אריבער געפיהרט דעם בריק און דארטען זיינען זיי דורך א טויער אריין געקומען אין איין אונגעהאר גרויסען הויף מיט א סך גרויסע און שטארקע נאר אלטע געביידען . צו איינע פון דיא געביידען איז דער שעף צו געגאנגען . און האט אן געקלאפט אין א פאר שלאסענער טיר . און זיא האט זיך אויגענבליקליך גיעפענט . און ער מיט טיראדאן זיינען אריין געקומען אין א גרויסען בעלייכטעטען פאר הויז . פון דארט האט איהם דער שעף ארויף געפיהרט מיט א שמאלען לייטער . אין א גרויסער שיינער זאלע און וויא זייא זיינען אין דער זאלע אריין געקומען . האט זיך דער שעף געווענדעט צו טיראדאן מיט דיא ווערטער . מיין הער אים נאמען דער קאניגען זיינט איהר ארעסטירט . דאס ארט הייסט מיטען נאמען „טאוור" דא ווערען אלע פאליטישע פערברעכער ארעסטירט . און יעצט בעט איך אייך איהר זאלט מיר אפ גיבען אייער שווערט !

פאר שטיינערט איז טיראדא געבליבען שטעהן און האט מאשינאלינע אפ געגעבען דעם שעף זיין שווערט און איידער ער האט נאך אויספיעט איהם עפיס צו פרעגען וועגען דעם שרעקליכען רייטעניש . איז שוין דער שעף ארוים פונם צימער און האט נאך זיך פאר שלאסען דיא טיר .

וויא טויזענד דאנערען האט עס איהם דער שלאגען און ער האט גאר ניט געוויסט וואס אנהייבען צו דיינקען . וואס אנהייבען צו טראכטען ? ביסליכווייס האט ער זיך אנגעהויבען צו שטארקען אין זיינע געדאנקען . איבער רעכענען זיינע אלע מעשים ביז א העער צו האט ער מיט עפיס ניט פערזינדיגט געגען דער ענגלישער רעגירונג . צוא געגען דער קאניגען צו אפשר געגען לארד בורלייגא . נאר ער האט אין זיך גאר ניט געפונען אזוינס וואס זאל קאנען איהם אין עפיס פערשולדיגען . עס איז איהם אפילו איינגעפאלען דיא איידעע אויך אז עס קאן גאר זעהער מיגליך זיין אז דיא קאניגען האט גאר צו איהם ניט ; נאר זיא האט דאס מיט אבזיכט געטאהן פון איהרען א הויכען פאליטישען ציעל וועגען . נאר אזוי וויא ער קאן איהר טיפען געדאנק ניט בעגרייפען אזוי ווייסט ער דאך ווידער ניט ביז וואנען דיא לאגע זיינע קאן זיך אזוי אוועק ציהען . און וואס קאן זיין דער סוף פון דער ? אין מיטען האט ער זיך דער מאנט אין זיין טהייערער ליבער מרים'ן און איז שיעור פונם זינען אראפ טראכטענדיג וויא איז זיא ? וואס וועט זיין מיט איהר ? און פיליכט שטרעבט איהר זעלע צו איהם . און זיא ווייסט גאר ניט וויא ער איז אומגעקומען . צו דעם אלטען האט ער אנגעהויבען איבער צו רעכענען זיינע אלע פלאנען ביז אהער וועגען זיינע ארמע אונגליקליכע ברודער . וויא ער האט שוין כמעט געהאלטען גאר אויף א שיינעם גראד . און יעצט דארף אלעס צו גרונדע געהען און אלע האפנונגען וויא אין וואסער אריין . היינט וויא



וועלען

װערֶען אוּנְקוּמֶען דִיא אַלֶע װִיכְטִיגֶע פָּאלִיטִישֶׁע נַייעֶסֶען. װָאס עֶר הָאט ־קֵיין לָאנְדָאן גֶעפִּיהְרְט. פָאר צוּ לֵייגֶען פַאר דֶער ־קֶענִיגֶען. אוּנ דָא אִיז אִיהְם אוֹיפֶען גֶעדַאנְק אַרוֹיף אַז אוֹיסֶער דֶעם אֵיינֶעם צְעאגאַ׳ן. הָאט עֶר דָא ־קֵיין ־קָרוֹב ־קֵיין גוֹאֵל נִיט װָאס זָאל חָאטְשׁ עֶפִּים אַ גוּט װָארְט פַאר אִיהְם עֶרְגֶעץ זָאגֶען. אוּנ דֶעם נָאמֶען „טַאוֶוער" הָאט עֶר נָאךְ לַאנְג גֶעהֶערְט װָאס פַאר אַ גֶעפֶעהְרְלִיךְ אָרְט דָאס אִיז אַז אֶפְשַׁר אֵיינֶער פוּן טוֹיזֶענְד גֶעהְט לֶעבֶּעדִיג פוּן דָארְט אַרוֹיס. אָט אָ דִיא אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶע צוּ זַאמֶען הָאבֶּען אִיהְם צוּ בְּרָאכֶען זַיין הַארְץ אוֹיף טוֹיזֶענְד שְׁטִיק. אוּנ עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען זִיטְצֶען װִיא אַ שְׁטִיק הָאלְץ.

אִין אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אַרוּם. אַז עֶר אִיז שׁוֹין עֶטְוָואס גֶעווָאוּנְט גֶעוָוארֶען צוּ דֶער פֶערְצְוַויפֶעלְטֶער לַאגֶע. הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען אַרוּם קוּקֶען דָאס שֵׁיינֶע צִימֶער אוּנ הָאט בַּאטְרַאכְט דָאס טְהַייעֶרֶע מֶעבֶּעל גֶעשִׁיעֶר פֶערְשִׁידֶענֶע שְׁמֶעקְדִיקֶע. שְׁפֵּייזֶען אוּנ אַלֶעם װָאס צוּ לוּקְסוּס גֶער. אוּנ דָאס הָאט אִיהְם עֶטְוָואס אַ דוּנְקֶעלֶע הָאפְנוּנְג אַרֵיין גֶעבְּרָאכְט. אַז ־קֵיין גֶעפֶעהְרְלִיכֶעם עֶרְוַוארְטֶעט אִיהְם אֶפְשַׁר דָא פָארְט נִיט. עֶר הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אִין פֶערְגְלַייךְ דָאס ־קָאמְפְּפָארְטֶענֶע צִימֶער גֶעגֶען דֶעם נַאסֶען פִינְסְטֶערֶען אִינְקְווִיזִיטִישֶׁען גְרוּב אִיז אִיהְם אַבִּיסֶעלֶע לֶעכְטִיגֶער גֶעוָוארֶען אִין זַיינֶע אוֹיגֶען. אוּנ עֶר הָאט זִיךְ פֶעסְט בֶּעשְׁלָאסֶען רוּהִיג אוֹיס צוּ וַוארְטֶען אֵיינֶע הִילְפֶע פוּן דֶעם אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט!

דֶער לָארְד בּוּרְלֵייגָא תֵּיכֶּף נָאךְ טירַאדאַ׳ס אַוֶועק גֶעהֶען פוּן אִיהְם אִיז בַּאלְד גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער ־קֶענִיגֶען. עֶר זָאל אִיהְר דִיא װִיכְטִיגֶע נַייעֶסֶען אִיבֶּער גֶעבֶּען. נָאךְ אֵיידֶער זִיא װֶעט עֶס גֶעוָואהְר װֶערֶען פוּן דֶעם גְרַאף לֵייצֶעסְטֶער. װֶעלְכֶער הָאט תָּמִיד גֶעווּיסְט וִויא אַזוֹי זִיךְ אוּנְטֶער שְׁמֵייכְלֶען דֶער ־קֶענִיגֶען מִיט חֵן׳ווְדִיגֶע גֶעשְׁלִיפֶענֶע רֵייד אוּם עֶר זָאל אַלְץ לֵייגֶען דֶער מִיט דֶעם לָארְד בַּייא אִיהְר אִין דִיא אוֹיגֶען. נָאר וִויא דֶער לָארְד אִיז נָאר אַרֵיין גֶעקוּמֶען צוּא דֶער ־קֶענִיגֶען אִין ־קַאבִּינֶעט. אִיז אִיהְם שׁוֹין דִיא ־קֶענִיגֶען ־אֶקֵייגֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט דִיא פָּאלִיטִישֶׁע עֶדֶעלֶע שְׁטֶעךְ װֶערְטֶער. דוּא הָאסְט פֶערְשְׁפֶּעטִיגְט לִיבֶּער לָארְד אִיךְ װֵייס שׁוֹין אַז הֵיינְט אִיז צוּא אוּנְזֶער פָּארְט אָן גֶעקוּמֶען אַ גֶעפַאנְגֶענֶע שְׁפַּאנִישֶׁע שִׁיף װֶעלְכֶע אוּנְזֶער אַדְמִירַאל הֶערְצָאג נֶעוִויל הָאט זִיא אוֹיפֶען װֶעג גֶעפַאנְגֶען אוּנ צוּא גֶעשִׁיקְט אַהֶער!

עֶס אִיז מִיר לֵייד. מַאיְסְטֶעט הָאט אַייךְ דֶער לָארְד גַאנְץ פָּאלִיטִישׁ גֶעאַנְטְוָוארְט װָאס אַייעֶר מַאיְסְטֶעט הָאט מִיךְ נָאךְ גָאר נִיט גֶעוִוינֶען דֶער מִיט דֶען אִיךְ הָאבּ אַסַךְ װִיכְטִיגֶערְס דֶער פוּן גֶעבְּרַאכְט אַצוּנְד נָאךְ אִין אֵיינִיגֶע טַאגֶע װֶעט עֶרְשְׁט דֶער הֶערְצָאג נֶעוִויל בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶעכְטֶען גֶעווִינְסְט אַגְרוֹיסֶען שְׁפַּאנִישֶׁען ־קְרִיגְס ־קַארַאבּ אוּנ נָאךְ נִיט דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָר. דֶער פָּארְטוּגַאלִישֶׁער ־קַאפִּיטַאן פוּן דֶער אָנְגֶעקוּמֶענֶער שִׁיף הָאט מִיט זִיךְ גֶעפִּירְט אַהֶער דֶעם ־קֶענִיג אנטאניא. װָאס אִיז אַנְטְלָאפֶן פַאר פִהִילִיפֶּען. נָאר אוֹיפֶען װֶעג הָאט אִיהְם דֶער הֶערְצָאג נֶעוִויל אִיבֶּער גֶעפִירְט צוּא זִיךְ אוֹיפֶען ־קַארַאבּ. אוּנ עֶר װֶעט אִיהְם שׁוֹין אַהֶער בְּרֶענְגֶען!

נוּא. אוּנ וִויא הָאט זִיךְ דֶער פָּארְטוּגַאלִישֶׁער ־קַאפִּיטַאן גֶעוַואגְט. אָהִין אוּנְזֶער עֶרְלוֹיבֶּענִים. צוּא פִיהְרֶען צוּא אוּנְז אֵיין עֶקְס ־קֶענִיג. הָאט דִיא ־קֶענִיגֶען מִיט צָארֶען גֶעפְרֶעגְט מִיט װֶעלְכֶע רֶעכְטֶע הָאט עֶר דָאס גֶעטוּהְן. דִיא זַאכֶע בֶּערִיהְרְט דָאךְ אוּנְזֶער אִינֶערְלִיכֶע פָּאלִיטִיק מִיר װֶעלֶען דָאךְ מוּזֶען צוּא לִיבּ דֶעם אֵיינֶע עֶנְדֶערוּנְג מַאכֶען אִין אוּנְזֶערֶע אַיינְאָרְדְנוּנְגֶען אוּנ דָאס אִיז פַאר אוּנְז יֶעצְט זֶעהְר נִיט אַנְגֶענֶעהְם דוּא פַאר שְׁטֵייסְט ־מַיין לִיבֶּער לָארְד אַלְזָא טָאר דָאס דֶעם פָּארְטוּגַאלִישֶׁען ־קַאפִּיטַאן נִיט גֶעשֶׁענְקְט װֶערֶען. אוּנ טַאקֶע אוֹיגֶענְבְּלִיקְלִיךְ זָאל עֶר אִין טַאוֶוער אַרֶעטִירְט װֶערֶען.

דער לארד איז ערשטוינט געווארען הערינדיג דיא ווערטער נאר דיא קאניגען האט דאס אין איהם בעמערקט. אונ אום צו בערוהיגען איהם אביסעל האט זיא עטוואס ווייכער געזאגט. איך פארשטעה לארד אז מיין בעפעהל קומט דיר פאר קאמיש. נאר דער בעפעהל בלייבט דאך אבעפעל אונ דיר וועל איך דיא זאך אין קורצען ערקלעהרען אבער לארד ביי דיר זאל דער סוד בלייבען. פאר שטעהסטו דער שפאנישער קאנסול וועט דאך געוויס קומען צו מיר מיט פראטעסטציעס פאר וואס איך געה דער ווידער זיין רעגירונג. אלזא וועלען מיר איהם מיט דעם ארעסטירען דעם קאפיטאן אזוי פאר שטאפען דאס מויל. אונ וועגען דיין בשורה מוזטו אויף מארגען צו זאמען רוהפען דאס גאנצע מיניסטעריום. מיר זאלען צו זאמען ראטה שלאגען וועגען דער אויפנאהמע דאן אנטאניא'ן. וואס דיא זאך איז ניט קיין שפילעכען. זעה זשע לארד אויף מארגען דריי אוהר דיא אסיפה מאכען אונ דוא זאלסט דער וויל בערעכנען דיין פלאן וועגען דעם אונ טאקע מיט דיין ערשטער מיינונג זאלסטו עפענען דיא זיטצונג. אונ דער פארטוגאלישער קאפיטאן זאל באלד ארעסטירט ווערען. נאר זאלסט שאפען פאר איהם איין שיין נאבעלעס צימער מיט אלעס בעקוועהמליכעס.

דיא קעניגען האט איהם אויס געשטרעקט איהר האנד. דער לארד האט זיא א קוש געטוהן אונ איז פונם קאבינעט ארויס.

---

.12

# דיא אויפנאהמע

צעאגא האט דיא גאנצע נאכט ערווארטעט זיין פריינד טיראדא'ן אונ האט זיך ניט ערווארטעט. דאס האט איהם זעהר שטארק אונבערוהיגט אונ אויף מארגען אין דער פריא איז ער געגאנגען צום לארד בורלייגעה צוא ערקינדיקען זיך וועגען איהם! נאר דער לארד האט איהם איינע פאליטישע פילדייטיגע אנטווארט געגעבען. אזוי אז צעאגא האט זיא גיקענט טייטשען אויף עטליכע אופנים אונ דעם ריכטיגען אמת האט ער טאקע ניט געוויסט. צעאגא אלס א שטילער רוהיגער בירגער האט פאר שטאנען אז מעהר טויג זיך דא ניט נאך צוא פרעגען אונ איז מיט איין צעבראכען הארץ אהיים געגאנגען. אונ אזוי איז טיראדא'ס נאמען פאר פאלען געווארען אין לאנדאן. נאר דיא קאנסולען האבען אבער פארט דורך זייערע טיינע אגענטען געוואר געווארען טאקע פאן טיראדא'ס עקיפאזש פאן דיא אלע וויכטיגע נייעסען אונ וויא געוועהנליך האט דאס דער שפאנישער קאנסול הערצאג דע אססונא נאך פריער פאר אלע קאנסולען דער וויסט. אונ טאקע אזוי וויא דיא קלוגע קאניגען האט פאר געזעהן אזוי האט זיך אויס געלאזט. דער שפאנישער קאנסול איז באלד געקומען צוא לויפען צום לארד בורלייגא פאל פראטעסטציעס אויף דער ענגלישער רעגירונג פאר וואס זיא האט ערלויבט צוא נעמען שפאנישע שיפען אין פלען. אונ קאם וועט זיא נאך אויף נעמען דאן אנטאני'ן אין איהר לאנד וועט זיא דער מיט געבען איין עפענטליכען סיגנאל צוא קריג מיט שפאניען!

דער לארד האט איהם בערוהיגט דער מיט. וואס ער האט איהם איבער גיגעבען דער קאניגין'ס פאר דראס מיט איבער שטרענגען בעפעהל איהר דעם פארטוגאלישען

קאפיטאן. אונ האט איהם פאר שפראכען אז ווענען דאן אנטאניא'ס אויפנאהמע וועט אייך דיא קאניגען געוויס עפיס צוא זוכען איין מיטעל אז דער כבוד פאן שפאנישער רעגירונג זאל חלילה ניט בערוהרט ווערען אפילו אויף איין האר.

אוים שלאג דרייא א זייגער איז שוין דיא אסיפה צוא שטאנד געקוממען אין איינער פון דיא קאניגליכע פאלאטעס. דיא קאניגין האט געגעבען איין צייכען דעם לארד. אונ ער האט אן געפאנגען צוא רעדען פאר אוים האט ער פאר דער אסיפה אוים דער צעהלט אלע פאקטען וואס זענען נעכטיגען טאג געשעהן. נאכהער האט ער זיין מיינונג געגעבען. אז דיא ענגלישע רעגירונג איז מחויב אויף צוא נעמען דאן אנטאניא'ן מיט קאניגליכע עהרע אונ טרוימפף אונ דארף אנערקענען זיין רעכט אויפען פארטוגאלישען טראהן. ווייל ערשטענס קומט עס איהם בירושה צווייטענס ווייל שפאניען האט שוין לאנג איבער געטרעטען דיא פאליטישע געזעטצע געגען ענגלאנד. אלזא איז נאך זיין מיינונג אסך גלייכער איינע עפענטליכע ערקלעהרונג מיט שפאניען איידער א פארבארגענע שנאה!

דער גראף לייצעסטער אלס דעם לארד'ס א שטענדיגער סאפערניק אין דער פאליטיקא האט געדרונגען פונקט דעם היפך אז ענגלאנד דארף ניט אונ טאר ניט בערוהרען פהיליפס כבוד ובפרט אז ענגלאנד איז נאך גאר ניט פארטיגט צוא א מלחמה געגען אזא לייב וויא פהיליפ. אונ לכן דארף מען דאן אנטאניא'ן ניט אריין לאזען קיין ענגלאנד! א כלל יעדער האט זיין אנדער מיינונג געגעבען ביז ענדליך דיא קאניגען יעליזאבעטע אליין האט איהר מיינונג פאר געשלאגען. פון אלע אייערע מיינונגען מיינע טרייע הערען האב איך דעם רעזולטאט ארוים געפיהרט דאן אנטאניא'ן אלס אונגליקליכער וואס זיכט נעבעך שטיצע אין אונזער רעכטפערטיגעס לאנד. מוזען מיר מיט ליבע אונ פריידע אויפנעהמען ביא אונז. פהיליפען דעם טיראן אויף צו להכעים. נאר צו פערזיכערען אים מיט שטיצע פון אונזער זייט געגען פהיליפען דאס וועלען מיר ניט טוהן ביז מיר וועלען זעהן וויא אזוי דיא זאך וועט אוים פאלען אונ וואס פאר א ווענדונג זיא וועט נעמען. אונ אום דעם גראף לייצעסטער אויך איין רעקעביל צוא ווייזען. האט זיך יעליזאבעטע צוא איהם געווענדעט מיט דיא ווערטער. אלס מיר ווייסען אז דער גראף פאר שטעהט זעהר גוט דיא היינטיגע פאליטישע בענעהמונגען געגען א מאן וועלכען מיר ווינשען זיין עהרע. לכן גיבען מיר דיר גראף איבער דיא פאלמאכט דוא זאלסט דאן אנטאניא'ן אויפנעמען אום מיינעם נאמען. וויא איינער קאניגליכר פערזאן געהער.

גראף לייצעסטער האט אלעס נייטיגעס צוא דער הויכער אויפנאהמע איינם העכסטען פראכט אונ גלאנץ פאר פערטיגט אונ וויא דער הערצאג נעוויל איז נאר מיט זיין קאראב אריין געטרעטען אין דער טעמזע איז באלד דער גראף מיטען גאנצען מיניסטעריום אונ סענאטארען אויף דער קאניגען'ס יאכט אקעגען געפאהרן אינטען איז נאך געגאנגען דעם גראף'ס יאכט מיט זיין גאנצע סוויטע אונ גאר צוא לעצט פילע קאניגליכע שיפען פאל מיט דיפלאמאטישע אונ אדמיניסטראטיווע פערזענליכקייטען אלע אין זייערע גלענצענדע פארמעס ארדענעס אונ הערבען. נאך זייא איז כמעט דיא גאנצע שטאט אקייגען געפאהרען אונ וויא דיא צווייא שיפען האבען זיך שוין באגעגינט איז באלד ארוים אשאס פון הונדערט אונ איינס קאנאנען אונ דיא קאניגליכע מוזיק האט אויפגעשפילט אונ דאס גאנצע פאלק האט געשריגען הורא! דער גראף איז ארויף אויפען קאראב אונ דער הערצאג נעוויל האט איהם פאר געשטעלט דאן אנטאניא'ן. מרים'ן אונ עמאנואילען. נאר וויא דער גראף האט מרים'ן דער זעהן האט זיא איהם אזוי פערשלאגען דעם קאפ מיט איהר שוינהייט אז ער האט אויף גיך דאן אנטאניא'ן

אפ געבראכט די קעניגליכע צערעמאניא און באלד האט ער זיך געווענדעט צו מרים'ן און מיט צארטע ליבליכע ווערטער. האט ער זיא געבעטען זיא זאל אויך מיט איהר ברודער איבער געהן צו איהם אין דער יאכט. דיא דריי טהייערע געסט זיינען אריין אין דער קעניגין'ס יאכט. און דער הערצאג נעוויל האט פון זיין קאראב נאך געקוקט מיט א צערשמעטערט הארץ נאך מרים'ן. וויא אזוי דער גראף טאנצט ארום איהר און וויא דיא יאכט פיהרט אוועק זיין לעצטע האפנונג מיט זיך.

וויא דער קאראב איז נאר וואס אין דער טעמזא אריין האט שוין מרים אנגעהויבען קוקען אויף אלע זייטען. צו וועט זיא ניט דער זעהן ערגעץ טיראדא'ס שיף. נאר זיא האט אין ערגעץ ניט בעגעגענט. און אפילו פאהרענדיג שוין אין דער קעניגליכער יאכט מיט דער קעניגליכער עהרע. וואס מען האט איהר אפ געגעבען האט זיא אלץ דורך דיא פענסטער געזוכט מיט דיא אויגען זיין שיף. און אז זיא האט טאקע דיא ניט געפונען. און ניט טיראדא'ן ניט קיין איינציגען פון דיא גוטע ברודער ביים פאראד ניט בעמערקט איז איהר פינסטער געווארען אין אלע אברים. און קיין צערעמאניא איז איהר גאר אין קאפף אריין ניט געגאנגען. דער גראף האט דיא דריי געסט געבראכט אין דעם בעשטימטען פאלאץ פון זייערט וועגען. און באלד האט ער א ווינק געטוהן. אז מרים'ן זאל מען דיא שענסטע צימערן מיט דעם גלענצענדסטען בעדינונג אפ פיהרען אינם פאלאץ. נאר וויא מרים האט זיך א צעהן מינוט אפ גערוהט אין איהר נייער קוואטיר. האט זיא באלד געשיקט עמאנואילען צו צעאגא'ן ער זאל זיך ערקונדיגען וועגען טיראדא'ן.

צעאגא האט עמאנואילען אויס דער צעהלט אלעס וואס ער ווייסט. און האט איהם דער צו זיין מיינונג געזאגט. אז לויט עס ווייזט אויס איז טיראדא ארעסטירט נאר דעם לארד'ס נאמען האט צעאגא גאר ניט געדאכט עמאנואילען. ווייל ער האט זיך געהיט פון פאליטישע ענינים. דיא וויסטע בשורה האט עמאנואיל געבראכט מרים'ן און דאס האט זיא דער שלאגען וויא מיט צעהן דאנערען. נאך א מאהל אז זיא האט שוין יא דער לעבט. פון איהר פאר ווארפענער איינזאמען טאהל ביי דער טאטא. פון דעם דארטיגען שטענדיגען לעבען אנגסטען און אין דער שרעקען. צו קומען אין דער פרייער גרויסער לעבעדיגער רעזידענץ פון ענגלאנד. און נאך מיט אזא קעניגליכען כבוד און ראסקאש אויף גענעמען געווארען. צום סוף לאזט זיך אויס אז איהר גאנצע שמחה איז אין איין מאמענט פאר שטערט געווארען. נישטא איהר יאקאוו און ווער ווייסט וואס מיט איהם איז? וואזשע פאר א חילוק איז האט זיא ביי זיך געטראכט צווישען דעם מערדערישען שפאניען מיט איהרע פאלשע טיראנישע געזעטצע ביז דעם רעכט פערטיגען פרייען ענגלאנד. מיט דער מענשענליבליכער קעניגין און מיט אלע איהרע טרייע און אמת'ע געזעטצע. אז נאר קומענדיג אהער דיא ערשטע מינוט. זעהט זיא שוין פאר זיך אונרעכט און מערדעריי. ווארען דאס האט זיא גוט געוויסט. אז יאקאוו האט געוויס קיין שום פערברעך אפילו קיין מינדעסטע אונרעכט ניט געטוהן. און דאך איז ער אין איין אונגליק אריין. און מיט דעם ביטער הערץ איז זיא באלד אריין געלאפען צו דאן אנטאניא'ן און האט איהם אלעס דער צעהלט פון אנפאנג ביז לעצט.

דאן אנטאניא'ן האט דאס זעהער געקרענקט איין מאהל ווייל ער האט פשוט טיראדא'ן זעהער ליב געהאט. צווייטענס האט ער דאך בארעכענט אז קאם האט מען זיין קאפיטאן זיין רעטער ארעסטירט אלס פאליטישען פאר ברעכער. איז דאך א בעווייז אז מען מיינט איהם אליין אויך שלעכטס טוהן. און דא איז ער יעצט גאר ניט

אומשטאנד מיט עפיס צו העלפען טיראדאן . ווייל ער ווייסט דאך נאך ניט וואס מיט איהם אליין פוהט זיך . נאר דאך האט ער מרים'ן געטרייסט אז ענגלאנד איז ניט שפאניען . אונ ביי דער ערשטער געלעגענהייט . וועט ער זעהען וויא ווייט מעגליך ארבייטען פאר טיראדא'ן . נאר דיא ווערטער האבען מרים'ן גאר ווייניג געטרייסט אונ זיא האט זיך בעשלאסען אליין צו געפונען א מיטעל איהר עהרליכען טיראדא'ן צו בעפרייען . ניט ווארטען אויף דיא פאליטישע אויס זוכטען פון דאן אנטאניא'ן .

אויף דער מינוט איז דער גראף לייצעסטער זיא געקומען בעזוכען אום נאמען דער קעניגען . אונ האט זיך מיט אונטער האלטען וועגען פערשידענע געגענשטאנדע אונ איבער הויפט . האט ער איהר רעקאמאנדירט זיין פאטער לאנד אויפען העכסטען גראד . אונ מרים האט איהם אויף אלעס איהרע מיינונגען געגעבען אזוי קלוג אונ פראקטיש אונ מיט אזא אריסטאקראטישער טאקטיק . אז דער גראף איז אויסער זיך געוועהן . אונ דער צוא נאך קוקענדיג אויף איהר ענגער געזיכט . האט ער זיך פארלוירען מכל וכל אונ ביי דער געלעגענהייט האט איהם מרים א זאג געטוהן . אויב ענגלאנד איז ווירקליך אזוי עדעל אונ פריי וויא זיא גראף שטעלען עס פאר . אין וועלכען איך צווייפעל גאר ניט . וויא זשע קומט עס וואס גראדע אין מיין געגענווארט זאל זיך עס אזוי ניט שיין אויס צייכענען !

דער גראף האט גאר ניט פאר שטאנען וואס זיא מיינט . נאר געזעהען האט ער אז עפיס קריינקט זיא אזא מין אונרעכט פון וועלכען ער ווייסט גאר ניט . אט האט ער זיך מחיה געוועהן . וואס ער וועט האבען א געלעגענהייט מיט וואס מרים'ן צו דינען אונ האט געזאגט . ווען איהר טהייערע דאננא זיינט מיט עטוואס ניט צו פרידען בעפעהלט נאר וועט אייער וואונש אויגענבליקליך ערפאלט ווערען .

מרים האט אלעס וועגען טיראדא'ן דער צעהלט דעם גראף . אונ וויא ווייט דיא זאך קריינקט זיא אין טיפען הערץ . דעם גראף איז אפילו זעהער ניט אנגעשטאנען . אז ער זאל פון דער גאנצער פאליטישער אינטריגא ניט וויסען . נאר אויס ליבע צוא מרים'ן האט ער איהר געשווארען . אז ער ווייסט דאפאן ניט קיין רמז . אונ אז דאס האט אודאי אנגעארבייט דער אינטריגאנט לארד בורלייגא . נאך ביא אלעס דעם האט ער איהר מיט פייער געזאגט . וועל איך איהם שטערען זיינע פלאנען זייט זיכער טהייערע דאננא . אזו איך וועל שוין דער געהען וויא טיראדא איז ארעסטירט . אונ וועל ניט רוהן ביז איך וועל איהם ניט בעפרייען . אונ איהם איך צו דיא האנד ברענגען . מרים האט איהם זעהער ליבליך געדאנקט אונ דאס האט איהם נאך מעהר רייץ געגעבען ער זאל איהר וואונש אויס פאלגען .

אין אמת אריין איז דיא זאך מיט טיראדאן ניט אזוי לייכט געוועהן . וויא דעם גראף האט זיך אויס געוויזען . ווארען תיכף נאך דער קעניגליכער אויפנאהמע דאן אנטאניא'ן . איז דער שפאנישער קאנסול וויא איין אפ געבריטער געקומען צו לויפען צו יעליזאבעטען אליין אונ מיט עפענטליכען פערדרוס האט ער איהר פארווירפע געמאכט אונ האט איהר געזאגט . אז דער מיט גיט זיא א געניגען צייכען צו קריג מיט שפאניען דיא קעניגען האט אויך מיט כעס געאנטווארט אז ביי איהר אין לאנד מעג זיא געוויס טוהן א וואהלטאהט מיט איין אלטען ערעלמאהן פון קעניגליכען שטאם . וואס איז געקומען אונטער איהר שוטץ . אבער דיא פאליטיקא ווערט דא גאר ניט בעריהרט . צום בעווייז אז זיא האט זיין שיפס קאפיטאן ארעסטירט . אלס פאליטישען פארברעכער נאר דארויף האט דער קאנסול געפרעגט פאר וואס זשע בעפרייט מען ניט דיא צוויי געפאנגענע שיפען ? אונ דיא קעניגען מיט פאר צארען האט איהם אקעגען געשטעלט

דיא אלע פערברעכען פונם הערצאג אלבו געגען ענגלאנד . אויף וועלכע פהיליפ מאכט זיך גאר ניט וויסענדיג אונטער דעסען זאגט זיא גאר ניט . אז שפאנישע רעגירונג מיינט דער מיט קריג מיט ענגלאנד . ענדליך דער קאנסול האט גאר ניט געהאט וואס צו טענה'ן געגען איהרע פאקטען . אונ האט נאר געבעטען ביי איהר אז זיא זאל בעפעהלען דעם קארד בורלייגא . ער זאל דייטליך איבער געבען אין זיין קאנסולאט אריין . אלע בעריכטע וועגען טיראדא'ס פראצעס . אונ דיא קאניגען האט איהם דאס פערשפראכען . אלזא זעהען מיר דער פון ארויס אז טיראדא'ס לאגע האט זיך לפנים בעדארפט פאר ערגערען . ניט פאר בעסערען . אונ דעם גראף איז זיין הבטחה מרים'ן ניט אזוי לייכט אן געקומען וויא ער האט געמיינט . נאר מיר וועלען דא אויף א ווייליע פערלאזען דעם גראף אונ קוקען . וואס ביי דער קאניגען אין קאבינעט געהט פאר נאכען קאנסולס אוועק געהען :

באלד וויא דער שפאנישער קאנסול איז ארויס פון דער קאניגינס קאבינעט . האט זיך דער הערצאג געוויל פאר געשטעלט פאר דער קאניגען . אונ אבוואהל יעליזאבעטא האט געוויסט אז אין דעם גאנצען ענין האט ער כמעט גאר ניט אויף געטוהן . ניט אין חכמה ניט אין העלדענטהום האט זיא דאך בעשלאסען איהם אויף צו נעהמען מיט דער גרעסטער עהרע גלייך וויא ער וואלט אליין געוועהן דער מאכער פון דיא אלע לעצטע אויספיהען . אונ מיט דעם בעשלוס איז זיא איהם אקיגען געגאנגען מיט דיא ליבליכע ווערטער „בראווא הערצאג ! דוא האסט ניט פערשעהמט דיא הויכע מיסיא . וואס מיר האבען ארויף געלייגט אויף דיר” . דיא קאניגען האט גאר ניט בעמערקט אין איהם . וויא איהרע ווערטער האבען א ווייניגען איינדרוק געמאכט אויף זיין טרויעריג פנים . אונ האט ווייטער גערעדט .

ביי א געלעגענהייט ליבער הערצאג . ווען איך מיט מיינע אלע קאמער פריילען וועלען זיצען ביי דער קאמינא אין איינער שטילער נאכט וועסטו אונז דערמאלט דער צעהלען פון אלעס . וואס דוא האסט אין דיין יעצטיגער רייזע אויספיעט . כדי אלע זאלען פרייזען דיין העלדישען כאראקטער אונ דיין דיפלאמאטישען גייסט . דער ווייל נעם אן אונזער געענדיגע מתנה דעם ארדען „באאט” !

דער הערצאג האט זיך טאקע האפליך פערבויגען . נאר געאנטווארט האט ער גאר ניט ערשט דערמאלט האט איהם דיא קעניגען א קוק געטוהן אין פנים . אונ בעמערקענד זיין קומער אונ שמערץ האט זיא אוים געשריגען . וואס איז דיר אזוינס הערצאג ?

קאם מיט שוויריגקייט האט נעוויל געזאגט דיא גרויסע גנאדען פון אייער מאיסטעט לאזען מיך ניט יעצט צו זאגען פאר אייך מיין טיפען שמערץ .

מיט פערדרוס האט יעליזאבעטא א זאג געטוהן . ביסטו שוין ווידער ניט אריין געפאלען עפים אין א צרה איבער דיינע א מאהליגע לייכטזיניגע ליידענשאפטען ? זאג נעוויל קיין ווארט זאלסטו פאר מיר ניט לייקענען .

בעהיטע גאט איך זאל ווידער מיינע יונגע ליידענשאפטליכע ראלען פיהרען ! האט נעוויל מיט הארצווייטיג געזאגט מיך האט יעצט איינע ווירקליכע אונשולדיגע צרה געטראפען . אונ ווען איהר מאיסטעט וועט מיר דיא פרייהייט געבען . וויל איך בעטען פון אייך איהר זאלט מיר ערלויבען דעם ארדען ניט צו נעמען . ווייל ער קומט מיר ניט . אונ עקסטרע דעם וויל איך בעטען איהר זאלט מיך אויף איינינע יאהר גאר פון מיין פאסט בעפרייען .

מיט ברענענדיגע אויגען פון צארען איז יעליזאבעטא אויף געשטאנען פון איהר

שְׁטוּל מִיט דִיא וֶוערְטֶער . וָואס הֶער אִיךְ וָואס ׳מַיינְסְטוּ הֶערְצָאג ? יֶעצְט אִין אַזֶעלְכֶע פָּאלִיטִישֶׁע פֶערְבִּינְדוּנְגֶען . וָואס מֶען דַארְף אַ רֶעכְטֶען מֶענְטְשֶׁען וִויא דָאס לֶעבֶּען וִוילְסְטוּ זִיךְ גָאר פְּלוּצִים פוּן דַיין פַּאסְט עֶנְטְזַאגֶען ? הֵייסְט דֶען דָאס נִיט פַאר בְּרֶעךְ גֶעגֶען רֶעגִירוּנְג אוּנ פַאטֶער לַאנְד ! הַא עֶרְקְלֶעהְר מִיךְ הֶערְצָאג !

אִיךְ בְּרוּיךְ יֶעצְט רוּה מַאיְסְטֶעט ! מַיין זֶעלֶע אִיז מִיד פָאן אֵיין שְׁטֶענְדִיגֶען מַארַאדִישֶׁען ־קַאמְפְּף . אוּנ אִיךְ מוּז אִיהר אוֹיף אַ צַייט רוּה גֶעבֶּען . אוּנ קָאם חָלִילָה דָאס פַאטֶער לַאנְד וֶועט שְׁטֶעהֶען בַּיי אַ נוֹיט . דָאס וַוייסֶען אַייעֶר מַאיְסְטֶעט וֶועל אִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער אִין פַייעֶר אַרַיין לוֹיפֶען . דִיא קֶענִיגִין הָאט זִיךְ אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִיגְט אוּנ קוּקֶענְדִיג אִיהְם אִין גֶעזִיכְט הָאט זִיא מִיט וֵוייכֶען טָאהְן גֶעזָאגְט . זָאג זְשֶׁע מִיר מַיין קִינְד וָואס אִיז דִיר אַזוֹינְס ? אִיךְ דֶער קֶען אִין דַיין פָּנִים אַז דוּא בִּיסְט עֶפִּים אִין אַ נֶעטְץ פוּן אַ נַייעֶר לִיבֶּע גֶעחַאפְּט גֶעוָוארֶען ! עֶנְטְדֶעק זְשֶׁע מִיר דַיין סוֹד . פִילֵייכְט וֶועל אִיךְ דִיר הֶעלְפֶען קֶענֶען .

דֶער הֶערְצָאג אִיז אִיהְר צוּ דִיא פוּס גֶעפַאלֶען . הָאט גֶעחַאפְּט אִיהְר הַאנְד אוּנ הָאט זִיא אַ קוּשׁ גֶעטוּהְן . דִיא קֶענִיגִין הָאט אִיהְם אוֹיךְ פוּן רַחֲמָנוּת אַ גְלֶעט גֶעטוּהְן בַּיים קָאפְּף . אוּנ הָאט אִיהְם גֶעהֵייסֶען רֶעדֶען . נֶעוִויל אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט מִיט אַלֶע בֶּעשְׁרָאסֶענֶע קְרֶעפְטֶע גֶעזָאגְט . מִיטֶען פִירְסְט דאן אנטאניא אִיז זַיינֶע אַ שְׁוֶועסְטֶער קִינְד אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין ־קַארַאבּ . אַ זִיבֶּעצֶען יֶעהְרִיגֶעס מֵיידְכֶען נָאר שֵׁיין קְלוּג גוּט אוּנ פְּרוּם וִויא אֵיין עֶנְגֶעל גָאטֶעס דָאס גֶאטְלִיכֶע קִינְד הָאבּ אִיךְ לִיבּ בֶּעקוּמֶען פוּנֶם עֶרְשְׁטֶען אוֹיגֶענְבְּלִיק . נָאר מֵיינְט נִיט מַאיְסְטֶעט אַז דָאס גֶעהְט אוּנְטֶער מַיינֶע אַמָאהְלִיגֶע לֵיידֶענְשַׁאפְּטְלִיכֶע לִיבֶּעס אָ נֵיין ! נִיט דֶעם מַלְאָךְ ־קַאן מֶען פַארְשְׁוֶועכֶען מִיט נִידְרִיגֶען מֶענְשְׁלִיךְ טִיהְרִישֶׁען אִינְסְטִיקְט . אִיךְ לִיבּ זִיא אֵיינֶע רֵיינֶע טְרַייעֶ וַואהְרֶע אִידֶעאַלִישֶׁע לִיבֶּע . אוּנ דִיא לִיבֶּע בְּרֶענְט אוּנ וֶועט פַאר בְּרֶענֶען מַיין גַאנְצֶען אָרְגַאנִיזְם אָהְנֶע צוּ לֶעשֶׁען .

וָואזְשֶׁע זָארְגְסְטוּ אַזוֹי מַיין קִינְד . הָאט אִיהְם יֶעלִיזַאבֶּעטַא גֶעפְרֶעגְט . גֶעוִויס וֶועט דָאךְ דָאס מֵיידְכֶען מִיט דֶער זֶעלְבֶּער לִיבֶּע צָאהְלֶען ?

אָ נֵיין מַאיְסְטֶעט הָאט נֶעוִויל מִיט אַ טִיפֶען זִיפְצְן גֶעזָאגְט . אִיךְ הָאבּ אִיהְר מַיין לִיבֶּע פָאר גֶעלֵייגְט אוּנ זִיא הָאט מִיר עֶנְטְזַאגְט .

אַ מֶערְקְוֶוערְדִיגֶע זַאךְ הָאט יֶעלִיזַאבֶּעטַא אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען : אֵיינֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶעס פָּארְטוּגַאלִישֶׁעס אַנְטְלָאפֶען מֵיידְכֶען שְׁטֶעהְט נִיט אָן אֵיין עֶנְגֶעלְשִׁיר הֶערְצָאג דִי דֶעווַאנְסִירְהֶע פַאר אַ מַאנְן . נוּא אוּנ אַז עֶס פְלִיסְט טַאקֶע יָא אִין אִיהְר אַ טְרָאפֶען קֶאנִיגְלִיכֶעס בְּלוּט . נָא אִיז וָואס ?

נִיט אוֹיס יוּחָס מַאיְכְּטֶעט . הָאט זִיא מִיר עֶנְטְזַאגְט . דאנגא מאריא נוּנֶעס אִיז גָאר נִיט פוּן קֶאנִיגְלִיכֶען שְׁטַאם . דאן אנטאניא אִיז נָאר אִיהְר מוּמֶעס אֵיין אֵיינִיקֶער אוּנ טַאקֶע דַארִיבֶּער הָאט עֶר אוֹיף זִיךְ פִילֶע גֶעגְנֶער . וָואס וִוילֶען נִיט אַנֶערְקֶענֶען זַיין רֶעכְט אוֹיף טְרָאהְן . אוּנ טַאקֶע דַארִיבֶּער נוּר מַאריא נוּנֶעס מִיר אִיהְר הַאנְד נִיט גֶעבֶּען דֶער טְהַייעֶרֶער עֶנְגֶעל מַאיְסְטֶעט . אִיז אַזוֹי אוֹיךְ פוּן אַ בֶּערִיהְמְט אַלְטֶער פַאמִילְיָא אִין שְׁפַּאנְיֶען . זֵיי זַיינֶען אָבֶּער גֶעוֶועהְן מַארַאנֶען . אוּנ מַאריא שְׁטְרֶעבְּט צוּ אִיהְר אוּרַאלְטֶען יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען אוּנ רֶעלִיגְיָאן צוּ לִיבּ וֶועלְכֶען זִיא אִיז פוּן פָּארְטוּגַאל אַנְטְלָאפֶען . אוּנ אִיבֶּער וֶועלְכֶען זִיא קָאן מַיין פְרוֹי נִיט זַיין .

אִיז זִיא טַאקֶע אַ נַאר . הָאט יֶעלִיזַאבֶּעטַא צוּ זִיךְ אַרַיין שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעזָאגְט . אוּנ אוֹיס פְרוֹיעֶן אֵייפֶער . הָאט זִיא גֶעטְרַאכְט אַז נֶעוִוילֶען קֶער זִיךְ נָאר אַזוֹי אוֹיס וַוייזֶען . אַז אַלֶע מַעֲלוֹת זַיינֶען אִין זַיין מַאריאן צוּ זַאמֶען . וַוייל דִיא בְּלִינְדֶע לִיבֶּע פַארְשְׁטֶעלְט

איהם דיא אויגען . אונ דאריבער האט זיא זיך צום הערצאג געווענדעט מיט דיא ווערטער . אויב עס איז טאקע אזוי ווירקליך וויא דוא מאהלסט זיא אפ געוויל . וועל איך דיר בעהילפיג זיין אין דיין נויט . אונ איך האף אז דער ענגעלשער קאניגינס ווערטער וועלען געוויס ווירקען אויף איין עלענדען יונגען מיידכען . איך וועל אפראבע מאכען . מיר שיינט אז א יודיש מיידכען וועט ניט ענטזאגען איין ענגעלשען הערצאג ! אונ דוא נעוויל געה א היים אונ זיי רוהיג ווארען דיין קאניגען זארגט שוין פאר דיר ! .

דיא רייד האבען דעם הערצאג שטארק אונבערוהיגט . ווארען קענענדיג מאריא׳ס כאראקטער . האט ער גוט געוויסט אז נאך צעהן קעניגינס וועלען זיא אויף קיין האר ניט אראפ פיהרען פון איהרע מיינונגען . פאלגליך אז עס וועט איהר נאר אונ־אנגעהמליכקייט מאכען דער קאניגינס רייד . אונ דאס קריינקט איהם זעהער טיף אין הארצען . מיט דעם געדאנק האט ער שוין טאקע געוואלט בעטען דער קעניגען . זיא זאל גאר ניט אנהייבען אנרעדען מאריא׳ן וועגען דעם . נאר אזוי וויא ער האט ווידער דאס אויך געוויסט . אז יעליזאבעטעס עקשנות איז אויך ניט צום בייגען . האט ער שוין גאר געשוויגען אונ מיט א טיפען פאר בייג איז ער פאל קומער אונ שמערץ ארויס פון איהר קאבינעט :

---

13.

# טיראדא פאר דער קעניגען

דיא ליבע צו מרים׳ן האט איהם גראף לייצעסטער אזוי געברענט . אז באלד וויא ער איז נאר פון מרים׳ן אוועק . איז ער אויגענבליקליך געפאהרען איהם טאווער . דארט האט ער זיך געלאזט ברענגען דעם זשורנאל פון דיא ארעסטאנטען אונ האט געפונען צווישען זיי דעם נאמען „טיראדא״ וויא ער האט בעמערקט אז לעבען דעם נאמען שטעהט ניט פערצייכענט זיין פאר ברעך . אונ חוץ לזה האט מען נאך אפילו ניט אנגעהויבען זיין פראצעס צו פיהרען . האט ער באלד פערשטאנען אז טיראדא איז גאר אונשולדיג . אונ נאר דער לארד בורלייגא האט דא פאר קאכט איינע פאליטישע אינטריגא אונ מען האלט עס פאר איהם בסוד . דאס האט איהם שטארק פאר ברוטען . אונ ער האט זיך בעשלאסען איין מאהל איבער אלע מאהל טיראדאן צו בעפרייען . אום צו שטערען דעם לארד׳ס פלאנען .

באלד האט דער גראף געלאזט רופען צו זיך טיראדא׳ן . אונ מיט אויפמערקזאמקייט האט ער איהם געפרעגט . וויא הייסטו ?

יאקאוו טיראדא שיפס קאפיטאן פון מיין קאניג . דאן אנטאניא אין פארטוגאל ! האט יאקאוו געאנטווארט .

קאפיטאן פון דער שיף וואס האט דאן אנטאניא׳ן פון פארטוגאל ארויס געפיהרט יא האט יאקאוו געזאגט .

וואס פאר א פאר ברעך האסטו געטאהן ?

איך פיל זיך ניט אין קיין פערברעך . האט יאקאוו געזאגט . אונ אין קורצען האט ער איהם אויס דער צעהלט . וויא אזוי קומענדיג אין לאנדאנער פארט . האט איהם דער קאמענדאנט געפיהרט צום לארד בורלייגא אונ אין צוויי שעה ארום נאך

דיין אוועק געהען פונם לארד. צו זיין בעקאנטען פריינד צעאנא. האט איהם ווידער דער לארד געראהפען אונ מען האט איהם א הער אין טאוער געבראכט.

איינינע פערזאנען האבען מיך וועגען דיר געבעטען. איך זאל דיר א טובה טוהן וועגען דיין בעפרייאונג. האט איהם דער גראף געזאגט נאר איך קאן ניט אנהייבען עפּיס טוהן פון דיינעט וועגען ביז דוא וועסט מיר דיא גאנצע ווארהייט ניט זאגען. צוא פילקסטו זיך ניט עפּיס אין א שום פאר ברעכען?

ביי מיינער עהרע! האט טיראדא מיט הארץ געזאגט. אז איך האב אין מיין לעבען קיין ליגען ניט געזאגט. איך בין ריין אונ פיל מיך אין גאר ניכט.

אלזא זאגט דער גראף. וועל איך דיר א טובה טוהן ביי דער קעניגען.

ליבער הער. האט יאקאוו געזאגט ערלויבען זיא מיר איינע ביטע. אונ א גרויסע ביטע. נאר פאר אויס מוזט איהר וויסען אז ניט פון איינגענליבע פערלאנג איך דיא ביטע. גאט בעוואהר איך בין ניט קיין פוסטע פאנטאזיאר. איך זאל אזעלכעס פערלאנגען פון מיינע אינטערעסען וועגען. איך האב ליבער הער וויכטיגעס איבער צו געבען דער קאניגען. וויכטיגעס פאר איהר אונ פארן גאנצען לאנד. אלזא בעט איך איך דאס איך דיא עהרע האבען איהר זאלט מיך פאר שטעלען פאר איהר מאיסטעט דער קעניגען. אונ אום אייך זאל דאך מיין ביטע ניט פאר קומען קאמיש. מוז איך אייך אבערפלאכליך איבער געבען דעם אינהאלט פון מיינע וויכטיגע בעריכטע. איהר זאלט וויסען מיין הער אז פאר מיין אפרייזען פון פארטוגאל האב איך ארום געריזט אלע שפאנישע קריגס פארטען אונ בין ערפאהרען. אז עס פארברייטעט זיך איינע גרויסע פליצליכע צרה אויף ענגלאנד. דאס פארדאבנאסט מיט דיא פאקטען פון מיינע רייד. וויל איך דער קאניגען אליין איבער געבען. אונ דער אמת אליין וועט זיא איבער צייגען. דער גראף האט אלעס אויפמערקזאם אויס געהערט. אונ האט זיך איבער צייגט. אז טיראדא איז ניט קיין פאנטאזיאר וואס זאל זיך גראט וועלען שטיפען צווישען גרויסע דיפלאמאטען. אונ באלד האט ער אין זיך בעשלאסען. אז נאר ער מוז דא דער פאר מיטלער זיין צווישען איהם מיט דער קעניגען. אונ דאריבער האט ער איהם ערענסט א פרעג געטוהן. דעם לארד בורלייגא האסטו עפּיס געזאגט וועגען דעם?

ניין האט טיראדא פעסט געאנטווארט. ער האט זיך קיין סך ניט געלאזט רעדען אונ יעצט מיין הער קאנט איהר פאר שטעהן. וויא וויים מיין ארעסט קריינקט מיך אז איך בערעכען אז מיט יעדער מינוט ווערט דיא לאגע פאר ענגלאנד ערגער. אונ איך קאן עס ניט פערהיטען.

קאנסטו דאך מיר איבער געבען דער וויל דיין סוד האט דער גראף געזאגט. אונ איך וועל עס שוין פונקטליך דער קעניגען פאר שטעלען. אונ דיין לוין וועט דער מיט ניט קלענער ווערען.

ליבער הער האט טיראדא געזאגט. מיטען לעבען האלט איך עס אייך געוואלט טוהן. ובפרט אז איך פערלאנג ניט קיין לוין דער פאר. נאר איך בין איבער צייגט אז מיין סוד מוז נאר דיא קעניגען אליין פון מיין מויל הערען. אונ ערשט דאן וועט זיך צייגען דיא גרויסע ווערט פון מיין הייליגען סוד. דער גראף האט זיך אן געצונדען אונ האט מיט פערדרוס געזאגט. וויא זשע קאן איך פאר שטעלען פאר דער קאניגען א מענטשען וועלכען איך וויים אליין ניט? אלזא מוזטו מיר אלעס זאגען. אונ וועגן ניט קאן איך פון דיינעט וועגען כלל גאר ניט טוהן.

נוא וועל איך מוזען ווארטען ביז דער לארד בורלייגא וועט מיך פאדערען צוא

זיך. דער גראף האט פֿערשטאַנען אַז דאָ רעדט ער ניט מיט אַ יונגעלע. האט ער בּאַלד איבּער געבּיטען דעם טאָהן און האט געזאָגט. אַזוי בּלייבּט עס אַז איך וועל רעדען וועגען דיר מיט דער קעניגען.

אין דעם זעלבּען אָבענד איז דער גראף ליצעסטער געוועהן בּיי דער קעניגען. און האט איהר איבּער געגעבּען טיראדא'ס ווערטער פון אַלף בּיז תּיו. די קלוגע יעליזאבעטא האט גוט פאַר שטאַנען. וויא וויכטיג טיראדא'ס סודות זיינען פאַר איהר האט זיא זיך בּעשלאָסען. אַז זיא מוז אַליין מיט איהם אויג אויף אויג רעדען. און אום דער גראף אַליין זאָל אויך פון גאר ניט וויסען. האט זיא איהם בּעפֿעהלען אַז מאָרגען זאָל ער פאַר איהר בּרענגען טיראדאן. און אַליין האט זיא שוין טאַקע בּאַנאַכט געשיקט איהר טייערע אַגענט אין טאַווער נאָך טיראדא'ן. און וויא ער איז געקומען אין פאַר הויז. און מען האט איהר מודיע געוועהן אַז טיראדא איז שוין דאָ האט זיא איהם געהייסען אַריין לאָזען צו זיך. און שטייענדיג אָן געשפאַרט בּיי דער שטול האט זיא ערוואַרטעט זיין אַריין קומען.

טיראדא האט אויף דער טיר געקניהט און איז אויף געשטאַנען צוריק וויא דער שטייגער איז. יעליזאבעטא האט איהם מיט איהר קוק דורך גענומען פון קאפּ בּיז פוס און ער האט בּיי איהר נושא חן געוועהן. און אַזוי האט זיא איהם אַ צייכען געגעבּען ער זאָל צו איהר צו גיהען. טיראדא איז האָפליך צו געגאַנגען. און די קאַניגען האט איהם אַ פרעג געטוהן. דוא בּיסט דאָך דער־קאַפּיטאַן וואס האט דאן אנטאניא'ן געראַטעוועט פון פּאָרטוגאַל.

אַלזא וויהיען האסטו איהם געדענקט פיהרען. אייעדער דער הערצאָג נעוויל האט איהם בּיי דיר איבּער גענומען?

אונטערען שוטץ פון אייער גנאדיגען מאַיעסטעט. האט טיראדא פעסט געזאָגט. וואָרען אַזוי האט מיר מיין הער בּעפֿעהלען. און אַזוי האָבּ איך איהם געראַטהען.

איבּער דעם פאַקט בּיסטו דאָך אַרעסטירט געוואָרען. און דאָך פערלאַנגסטו מיר עטוואס וויכטיגעס צו דער צעהלען.

אויבּ אייער גנאדיגער מאַיעסטעט פערלאַנגען נאר מיך אויס צו הערען. האט טיראדא געזאָגט. דאס קוויילונג פון מיין אַרעסט איז בּיי מיר אַ נול געגען דעם גליק און גנאדע צו זעהען איהר מאַיעסטעטים אַנגעזיכט. און די נייעסען וואס איך האָבּ אייער מאַיעסטעט איבּער צו געבּען. זיינען בּיי מיר אַ סך וויכטיגער און טהייערער אַלס מיין לעבּען.

דער צעהל איך הער! האט יעליזאבעטא געזאָגט בּעשלאָסען; און האט זיך געזעצט אין דער שטול.

פון אייער מאַיעסטעט איז ניט פאַר בּאָרגען. האט טיראדא אָנגעפאַנגען זיין רעדע מיט הארץ. אַז דער שפּאַנישער קעניג מאַכט שוין אַ צייט גרויסע פאָר בּרייטונגען אויף מלחמה! וועגען די הכנות איז פֿערהאַנען פערשידענע מיינונגען. איינגע זאָגען אַז ער מיינט דער מיט נידערלאַנד. איינגע אַז ער וויל זיך פֿערשטערקערן אין אַמעריקא. אַ טהייל מיינען גאר אַז ער וויל קריג ערקלעהרען דעם סולטאַן. נאר די אַלע מיינונגען זיינען פוסטע פאַנטאַזיעס. איך האָבּ נאָך אייעדער איך בּין פון פּאָרטוגאַל אַנטלאָפען. די זאַך אַליין געוואָלט גרונדליך וויסען בּין איך אַליין ארום געפאַהרען אין קאדיקס. בּאַרצעלאָנא און אין אַלע אַנדערע שפּאַנישע פּאָרטען. פילעס האָבּ איך פון וואָהרע קוועלען ערפאַהרען. און האָבּ מיך פעסט איבּער צייגט. אַז אין גאַנצען לאַנד ווייסט גאר קיינער ניט און קיינער האט גאר ניט געהערט פון די אַלע גרויסע

הכנות. דאס האט מיר נאך מעהר פאקט געגעבען צו מיין מיינונג איבער דיא פארברייטונגען. איך האב גרונדליך געפאסט פהיליפס פלאן זיין פלאן איז נאך פיל גרעסער פון זיין פאטער קארל'ס פלאנען פון אלע אינדישע און אמעריקאנישע ביינק ליפערט ער דיא געלטען און מאטריאלען א העער אויס צו שטעלען א פלאט ארמע אויפען ים. וואס אזעלכעס האט נאך דיא וועלט ניט געזעהען. מיט מיינע אויגען האב איך איבער געצעהלט שוין מעהר אלס הונדערט קריגס קאראבען פיקס און פערטיגע אין אזא גרויסע. וואס ניט אין מיין לעבען האב איך אזעלכעס ניט געזעהן אויסער איינע אונגעהארע מענגע קליינע שיפען פיר דיא קאראבען, אין דיא קאראבען שטעהען שוין גרייט אריבער 2000 קאנאנען. און זייא קאנען אין זיך ענטהאלטען מעהר אלס 30000 מעליטער הייסט דיא אונגעארע זאפאסען פילווער שרויט און פאטראנען. אויסער דיא פילע גרויסע סקלאדען געטריידע און אנדערע שפייז מיטעל צום שלאכט. דאס אלעס האב איך מיט מיינע אויגען אליין אויס געקוקט. און ווען אייער מאיסטעט פערלאנגען. קאן איך דאס אלעס דייטליך אויף א פלאן אויס צייכענען. און גאר אמינדעסטען פעהלער גאראנטיר איך מיט מיין קאפ. ווידער האב איך געניא ערפאהרען. אז אין איטאליען און אין שפאניען נעמט מען א גרויסען פראצענט רעקרוטען. וועלכע זיינען בעשטימט פיר שפאניען און נידערלאנד. אויסער דיא גרויסע ארמעע וואס געפונט זיך יעצט אין פארטוגאל. איך וויים אפילו אז פארען הויפט גענעראל אדמיראל איבער דעם גאנצען קריגס פלאט האט פהיליפ שוין בעשטימט דעם מארקאז פון סאנטע קראקע. און דאס פאר שטעהט אייער מאיסטעט אז דאס אלעס וואס איך האב געהערט און געזעהן איז דאס אפשר ערשט א הונדערט חלק פון דעם וואס מען ווייסט ניט. און יעצט מיין האער מאיסטעט מוזט איהר וויסען אז דאס אלעס ווערט פאר בערייטעט נאר פון אייערט וועגען. דער פלאט איז בעשטימט אויס צוראטען אלע אייערע שיפען אין ים. און א אונגעהארע ארמע אינטערען הערצאג פון פארמא איז בעשטימט פיר אייער אינגלאנד אויף דער יבשה. אזוי מיינט פהיליפ און דער אלמאכטיגער גאט זאל אייער מאיסטעט פון אלעס בייז בעהיטען!

אבוואהל דיא קעניגען האט פאר אויס פאר שטאנען אז טיראדא וועט איהר קיין גוטע בשורות ניט ברענגען. און ביא איהר גאנצען מכין זיין זיך צו דעם איז זיא דאך פערציטערט געווארען הערענדיג אזעלכע קלאהרע דייטליכע און פאדראבנע רייד וועגען דער קינפטיגער צרה וואס געהט אויף איהר. און אויף איהר ליבען ענגלאנד נאר יעלי זאבעטא מיט איהר העלדעשין גייסט און גלענצענדען פערשטאנד האט זיא דאך געוויסט. וויא אזוי צו איבער וואנדען איהר שרעק. און נאך צו וויזען אפרייליך פנים. און נאך איינינע מינוט טראכטען האט זיא מיט לייכטען טאהן א זאג געטוהן. דיינע רייד זיינען ביי מיר קיין נייעס. מיינע געזאנדטע אין דיא קעניגליכע הייף האבען מיר שוין איינינע מאהל געשריבען וועגען דעם. נאר דאס איז ביי מיר נייעס וואס דיינע בעריכטע האסטו אליין מיט דיינע אויגען געזעהן און אלעס אליין ביי געוואונט. נאר זאג מיר יונגער מאן ווער ביסטו עס וואס דוא האסט זיך אונטער גענומען מיר דיא אלע אוים קונפטע צוא ברענגען? וועלכעס האט דיך בעוועגט דער צוא און מיט וואס בין איך גאראנטירט. אז דיינע רייד זיינען לויטער אמת?

דיא אלע פראגען מאיסטעט האב איך פאר אוים געזעהן. און מיט ריינע ארענטליכע געוויסען וועל איך אייך אלעס פאר אנטווארען. ווער איך בין? איך בין א סווידער בירגער אין מיין לאנד און האב קיינע פאר האלטניסע מיט מיין רעגירונג נאר אים צו רעטען דעם אונגליקליכען פערפאלגטען דאן אנטאניא'ן בין איך בעשטימט

געוואָרען אַלס זיין־קאַמער דינער און לייב מענטש. וועלכעס מיך בעוועגט דער צוא מוז איך אייער מאַיסטעט ענטדעקען. אַז איך פיהר אַ קאַמפף פאַר דער מענשהייט מיט איהרע רעכטע. מיין קאַמפף איז געגען שפּאַנישער רעגירונג מיט איהר נידערטרעכטיגער אינקוויזיציאָן צוא דעם היילינגען קאַמפף האָב איך מיין לעבען געאָפּפערט. אָבוואָהל איך בין דאָס קלענסטע מענטשעלע אין דער וועלט! ביי גאָט פאַר וואַגט אַמאָהל אַ זאַמדעלע מעהר וויא אַ באַרג. ווען ער געפונט נאָר אין דעם זאַמדעל פעיגקייט אויס צו פאָלגען זיין ערהאָבענעם ציעל. האַלט מיך ניט מאַיסטעט פאַר איין פאַנטאַזיאָר פאַר איין פוסטע ענטוזיאַסט. וואָרען איך בין דאָס ניט! איך בין אַ שפּאַניאָל און אַ מאַנאַך. נאָר דיא אינקוויזיציאַ מיט דער קראַפט פון פהיליפּן האָט מיינע עלטערען און מיינע איינציגע שוועסטער פאַר ברענט אויפען קאָסטער און מיך האָט זיא פון קינדהייט אָן געמאַכט פאַר אַ מאַנאַך. נאָר ערשט צוריק מיט אַ פּאָר יאָהר בין איך אין מאַנאַסטער געוואָר געוואָרען טאַקע פון מיינעם אַ פעטער. אַז מיין גאַנצע פאַמיליאַ איז געפאַלען אַ קרבן פאַר דער אינקוויזיציאַ. און נאָר ער און איך זיינען געבליבען לעבען איבער איינציגע אינדערניכע. און טאַקע פאַר צוויי יאָהרען איז דער איינער פעטער מיינער אויך געשטאָרבען. באַרעכענענדיג מיין לאַגע אַז איך בין פון אַזאַ גרויסער מאַרטירטער פאַמיליאַ געבליבען איין עלענדעס פערפאָלגטעס פעראונגליקליכטעס גליד. בלייבט מיר מעהר ניט צו טוהן נאָר נקמה נעמען פון דער טיראַנישער רעגירונג וואָס האָט שוין מיליאָנען אונשולדיגע זעלעם אומגעבראַכט. און וויל נאָך ערשט מיטען אַש פון מענטשען קרבנות בעשיטען כמעט דעם גאַנצען ערד קוגעל. דאַרום מאַיסטעט האָב איך דאָן אנטאָניאָ'ן אַהער געבראַכט אום צוא ערוועקען אייער רחמנות אויף איהם און אייער צאָרען אויף דעם אַנערזעטליכען פהיליפּען און אויף צו שטעלען דער מיט נאָך איין פירכטערליכען שונא אויף איהם. און דאַריבער האָב איך אייער אַאודיענץ געבעטען. איך זאָל אייך דער ווייזען פאַקטיש וואָס דער אכזר מיט זיינע מערדערישע מיט גלידער טראַכטען אויף אייך און אויף אייער רוהיג לאַנד.

יעליזאַבעטאַ האָט גוט אויס געהערט יעדעס וואָרט. און אום נאָך גענויער צוא פאַסען דעם מערקווירדיגען גייסט האָט זיא איהם געזאָגט עס וויל זיך מיר זעהר גלייבען אַלע דיינע רייד. נאָר זאָג דוא אַליין וויא קאָן איך דיר גלייבען אַז דוא דער צעהלסט אַליין פון זיך אַז דוא ביסט אַ שפּאַניאָל אַ קאַטאָליק. און נאָך אַ מאַנאַך אויך. און פאָלגליך אַז דוא האָסט געפאַלשט אי אין דיין פאָטער לאַנד אי אין דיין גלויבען אי אין דיין פאָסטען נאָר דער פאַר וויל דיינע עלטערען און פאַמיליאַ האָבען געליטען און געפאַלען קרבנות אומזוסט אַלץ רעכט נאָר דיא שטאַרקע דריי קניפּען אָבער וואָס האָבען דיך ביז יעצט פעסט געהאַלטען אין שפּאַניען. דיא קאָנען אייביג ניט אויף געבונדען ווערען איבער איינציגע צו פאַל קאָנען זיי נאָר אויף אַ צייט פערשווינדען ווערען אָבער מיט דער צייט ווערט אַלעס צוריק פאַר גלעט. און דיא קניפּען ווערען נאָך שטאַרקער וויא פריהר.

זיא האָבען פאָלקאָמען רעכט מאַיסטעט. האָט טיראַדאַ מיט ערלייכטעטע אויגען געזאָגט. און טאַקע מיט דיא קלוגע מענשענליבליכע פראַגען זיינען מיר יעצט צום אמת'ן רעזולטאַט געקומען. איהר מוזט וויסען מאַיסטעט אַז איך בין אַ מאַראַנען אייניקעל. און דיא לאַנגעקייט צרות. דער לאַנגער מאַרטיראַלאָג פון אונזערע מאַרטירטע עלטערען האָט אונז איינקליך אַרויס גערופען צו נקמה צו בלוטיגען אייפער פאַר אונזער אַלטען שטאַם. גלויבען און רעליגיאַ פאָלגליך אַז ניט אונז קאָן מען רופען

פַאלְשֶׁע פַאר בְּרֶעכֶער׳ אֱמֶת אִיךְ בִּין אַשְׁפַּאנְיָאל דֶעכְטָא מֶעהְר הָאבּ אִיךְ דָאס רֶעכְט אוֹיף נְקָמָה נֶעמֶען פוּן דִיא וָואס הָאבֶּען מַיין טְהַייעֶר פַאטֶער לַאנְד בֶּעפַייכְט מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם בִּירְגֶערְלִיכֶען בְּלוּט. וָואס הָאבֶּען אוֹיס גֶעלַייכְט זַיינֶע אַלְטֶע גֶעזֶעטְצֶע אוּנ אַלֶע זַיינֶע מֶענְטְשֶׁען רֶעכְטֶע אוּנ הָאבֶּען פוּן אַגַן עֶדֶן גֶעמַאכְט אַ וִויסְט הֵיילִיג אָרְט. אִין וַואר אַ קַאטָאלִיק. אָבֶּער דָאס קַאטָאלִיצִיזְם אַלֵיין מִיט אַלֶע גְרוֹיזַאמְקֵייטֶען זַיינֶע הָאט מִיךְ בְּכֵדֶר אָפּ גֶעשְׁטוֹיסֶען פוּן זִיךְ אוּנ מִיךְ אַלְץ מֶעהְר גֶעטְרִיבֶּען אוּנ גֶעצַייפֶּערְט מַיין אַלְטֶע יוּדִישֶׁע רֶעלִיגְיָאן.

אִיךְ וַואר אַ מַאנַאךְ אָבֶּער נִיט מִיט מַיין ווִילֶען אוּנ נִיט מִיט מַיין וִויסֶען. אוּנ צוּם מַאנַאכִיזְם הָאבֶּען זֵיי מִיךְ נָאר גֶעמַאכְט אוֹיס זֵייעֶר פַאלְשֶׁען טִירַאנִישֶׁען צִיעֶל. עֶנְדְלִיךְ מַאיִכְּטֶעט אִיךְ בִּין דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן אַלֶע מַאראַנֶען. אוּנ וַואנְדֶער אַרוּם מִיט מַיינֶער אַ קְלֵיינֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְט צוּ גֶעפוּנֶען אַ פְרַייא רוּהִיג וִוינְקֶעל. וִויא דִיא מַאכְט זִיכְט נָאר דֶעם אֱמֶת אוּנ יוֹשֶׁר פוּן מַיינֶע אַלֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בְּרוּדֶער וֶועגֶען! אִיךְ מִיט מַיין קְלֵיינֶער קָאמַאנְדָא זַיינֶען מִיר אַלֶע וִויא אֵיין מֶענְטְשׁ פֶערְטִיג מִיט פֶערְצְוֵוייפֶעלְט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ שְׁטְרֵייטֶען קֵייגֶען פִילִיפְּן מִיט זַיין אִינְקְוִוזִיצְיָאן נָאךְ אֲפִילוּ אֵיידֶער מִיר וֶועלֶען אַזַא וִוינְקֶעל פַאר זִיךְ גֶעפוּנֶען. מִיר וֶועלֶען צוּ הִילְפֶע שְׁטֶעהֶען אֲפִילוּ דֶער רֶעגִירוּנְג. וָואס וֶועט אוּנְז נִיט גֶעבֶּען אֵיין אָרְט בַּיי זִיךְ אִין לַאנְד. אַבִּיא זִיא הָאט אִין זִיךְ אֵיין אַלְגֶעמֵיינֶע מֶענְשֶׁענְלִיבֶּע אוּנ גֶעפִיהְלֶע פוּן רַחֲמָנוֹת. אוּנ וִויל מִלְחָמָה פִיהְרֶען מִיט דֶעם טִירַאנִישֶׁען פִילִיפְּן, יֶעצְט מַאיִכְּטֶעט הָאבּ מֵיינְס אַלֶעס אָפּ גֶעזָאגְט אוּנ וִויא אַייעֶר מַאיִכְּטֶעטִישׁ גְנַאדֶע וִויל אַזוֹי טוּהְט.

יעליזאבעטא הָאט גוּט אִיבֶּער לֵיינְט אוּנ בַּארֶעכֶענְט טִיראדאס וֶוערְטֶער. אוּנ אוֹיף שְׁטֵייעֶנְדִיג פוּן אִיהְר שְׁטוּל הָאט זִיא אַ זָאג גֶעטוּהְן. טִיראדא דַיין עֶנֶערְגִי בְּרֶענְגְט מִיךְ אִיךְ זָאל דִיר אַלֶעס גְלֵייבֶּען מִיטֶען גַאנְצֶען הֶערְצֶען אוּנ יֶעצְט וֶועסְטוּ זֶעהֶען. אַז מִיר וֵוייסֶען צוּ שֶׁעטְצֶען דַיינֶע הוֹיכֶע אִידֶעען. דַיין וִוינְשׁ טִיראדא. וָואלְט אִיךְ אַלֵיין זֶעהֶער גֶעוָואלְט עֶרְפָּאלְגֶען אִיךְ וָואלְט דִיא עֶרְשְׁטֶע אָפּ גֶעגֶעבֶּען אִין מַיין לַאנְד אַ פְרַייעֶ בִּירְגֶערְטְהוּם פַאר דַיינֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בְּרוּדֶער. אֵיין מָאהְל פַאר דֶער טוֹבָה וָואס דוּא טוּהְסְט יֶעצְט מִיט מִיר. צְוֵוייטֶענְס קָאן אִיךְ דָא יוּדִישֶׁע פָאלְק מִיט זֵייעֶרֶע הַאנְדֶעלְס פֶעיִגְקֵייטֶען אוּנ אָרֶענְטְלִיכְקֵייט. נָאר לֵיידֶער בִּין אִיךְ עֶס יֶעצְט נִיט אוּמְשְׁטַאנְד צוּא טוּהְן. וַוייל דָאס פָאלְק מַיינְס וִויא פְּרַאקְטִישׁ אוּנ אוֹיס גֶעשְׁוִוינְדְשֶׁעט עֶס אִיז שׁוֹין אִיז דָאס נָאךְ דָאךְ פַאנַאטִישׁ אוֹיף אַזוֹי פִיל. אַז אִיךְ הָאבּ קָאם מִיט צֵייט אוּנ מִיה אָנְגֶעשְׁטִילְט דִיא שִׂנְאָה. וָואס זֵייא הָאבֶּען צְוִוישֶׁען זִיךְ גֶעפִיהְרְט אִיבֶּער זֵייעֶרֶע רֶעלִיגְיָאזִישֶׁע מֵיינוּנְגֶען. חָאטְשׁ זֵיי זַיינֶען אַלֶע אֵיין נַאצְיָאן פוּן אֵיין פַאטֶער לַאנְד. וּבִפְרַט אַז אִיךְ וֶועל זֵיי הֵייסֶען אוֹיף נֶעמֶען בַּיי זִיךְ גָאר אַפְרֶעמְדֶע נַאצְיָאן מִיט גָאר אַ נַייעֶם גְלוֹיבֶּען אוּנ רֶעלִיגְיָאן. וֶועל אִיךְ נָאךְ אוֹיפְ'ס נַייעֶ אוֹיף רִירֶען דִיא אַלְטֶע קִנְאָה שִׂנְאָה. אוּנ עֶס וֶועט נָאךְ צֶעדְשְׁטֶערְט וֶוערֶען דָאס אוֹיף וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ יָאהְרֶען גֶעהָארֶעוֶועט אֵיינְצוּאָרְדֶענֶען. לָכֵן לִיבֶּער טִיראדא אִיז דֶער מֶענְשֶׁענְלִיבְלִיכֶער שְׂרִיט פַאר מִיר אוּנְמֶיגְלִיךְ. נָאר וָואס אוּנְזֶער אִינְטֶערֶעס אַנְבֶּעטְרִיפְט זָאג אִיךְ דִיר טִיראדא אַז אִיךְ דֵיינְק טַאקֶע דִיךְ אַלֵיין צוּ בֶּעפָאלְמַאכְטִיגֶען אִין דֶער זַאךְ. וֶועגֶען וֶועלְכֶער דוּא הָאסְט מִיר דֶער עֶרְשְׁטֶער דִיא גֶענוֹיעסְטֶע בֶּערִיכְטֶע גֶעבְּרַאכְט. נָאר דָאס מוּז בַּיי דִיר בְּלַייבֶּען אַ הֵיילִיגֶער סוֹד. אֲפִילוּ פוּן מַיינֶע הוֹיפְס רַאטְהֶען זָאל דָאס בְּסוֹד זַיין בִּיז אִין אַ גֶעוִויסֶער צֵייט. אוּנ דַארִיבֶּער וֶועל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגֶען צוּ הָאסְטוּ נִיט עֶטְוָואס אֵיינֶע פֶעסְטֶע גַארַאנְטְיָא פַאר זִיךְ אוֹיף דַיין אָרֶענְטְלִיכְקֵייט אוּנ טְרַייהֵייט?

— אִיךְ הָאבּ זֶעהְר מַאיִכְּטֶעט! הָאט יאקאוו מִיט פְרֵיידֶע גֶעזָאגְט. אוּנ רֶעדֶענְדִיג

האט ער פון זיין ביזעס טאשע ארויס גענומען א צו נויף געלייגטען בויגען פאפיר האט איהם גיעפענט אונ אויס געשפרייט אויפען טיש פאר דער קעניגען. די קעניגען האט גאנץ פערטיפט איבער געלעזען דאס פאפיר. אונ מיט צו פרידענהייט האט זיא עס איהם אפ געגעבען מיט די ווערטער א רעקאמענדאציאן אויף דיין ערענטליכקייט. טרייהייט פעיגקייט אונ ענערגי פונם אראניער פרינץ. איז פאר מיר מעהר גאראנטיא אלס אגאנץ קעניגרייך. אלזא יאקאוו מאך זיך פערטיג מיט דיין שיף אונ עקיפאזש נאך היינט ביי נאכט. מארגען פריא וועסטו פון מיר ערהאלטען פערזיגעלטע בריף צוא מיין גענעראל אדמיראל סיר פראנסיס דראקא. מיט די בריף זאלסטו פאהרען קיין שפיהעד. דארט געפונט זיך סיר פראנסיס מיט אונזער פלאט. אונ וויא דוא וועסט נאר קומען צו איהם וועט ער דיך באלד בעשטימען אלס אדמיראל צווישען דיינע אהמיראלען אונ דיינע מענטשען וועט ער געבען פערשידענע שיפס פאסטען צווישען די קאפיטאנער. אונ מיט איהם צו זאמען וועסטו שוין געהען אהין וויהין מיר וועלען איהם אין די בריף בעפעהלען. נאר דיר זאג איך אויס פריהער אז איך וועל איהם הייסען פאהרען ארום אלע שפאנישע פארטען. ער זאל אויך גוט בעטראכטען דאס אלעס וואס דוא האסט מיר איבער געגעבען. אונ זאל מאכען א תל עולם פון אלעס וויא ווייט עס וועט נאר מעגליך זיין. יעצט טיראדא האסטו דאס גוטע געלעגענהייט צו ציגען דיין אמת טרייהייט אונ טאלענטע זעה מיר פערגלייבען זיך אין דיר מיט לייב אונ זעלע. אונ אז דאס אלעס וועט בלייבען ביי דיר א סוד ביז אין לעצט וועל איך וויסען אז דיר פאסט אונזער צו טרויען אונ אז מיין מיינונג איבער דיר וועט ניט קאמפראמעטירט ווערען. מארגען מיט זאנגען אויפגאנג זאל שוין דיין שיף ניט זיין אין לאנדענער פארט.

פריידען אונ שמערצען האבען טיראדא'ן פערחאפט אין דער זעלבער מינוט. אונ אומגערין האבען זיך ביי איהם ארויס געחאפט די ווערטער. ערלויבען זיא מיר מאיסטעט אפשייד צו נעמען פון מיינע גוטע פריינד פיר וועלכע איך בין די לעצטע טעג כמעט וויא אפ געשטארבען.

גאט בעוואהר האט די קעניגען געזאגט. אפילו ניט מיט קיין איינציגען ווארען מיט איין קליין וואָרט. איז געשטערט אונזער גאנצער פלאן! לעהרען זיך פון מיין גוטען שילער דער אראניער פרינץ. אונ ווייס צו שווייגען וויא ער! איך וועל שוין אליין רעדען מיט דאן אנטאניא'ן וועגען דיר אונ פון איהם וועלען שוין דיינע גוטע פריינד בעריכטע האבען. געה טיראדא אים גאטעס נאמען אונ מיט דיין צוריק רייזע ברענג אונז גוטע בשורות! יא נאך איין זאך פאדער איך פון דיר מיט דעם פאסאל. וואס וועט דיר מארגען די בריף ברענגען זאלסטו מיר אין א פארזיגעלטען בריף איבער געבען אלע דיינע היינטיגע בעגעבענהייטען אין קורצען. יעליזאבעטא האט געגעבען א צייכען. אונ טיראדא איז ארויס פון איהר קאבינעט.

---

14.

# מרים ביי יעליזאבעטא'ן

ווייא יעליזאבעטא האט שוין בעקומען א בריף אז דער סיר פראנסיס דראקא איז

שוין אוועק אין זיין רייזע האט זיא באלד בעפעהלען מען זאל אנהייבען צו גרייטע אלעס צום קריג. אונ ביי זיך האט זיא געדיינקט אז ווען סיר פראנקים וועט צוריק קומען פון זיין רייזע. וועט זיא איין אויפרוהף מאכען צום גאנצען ענגלענדישען פאלק אלע זאלען געהען שטרייטען פאר זייער פאטער לאנד! יעליזאבעטא האט גוט געוויכט אז איהר פלאט אקייגען פהיליפס אונ איהר ארמע אקייגען זיינער זיינען פונקט וויא א קארליק אקעגען גרעסטען ריז. אונ איהר הארץ האט געפלאטערט דיינקענדיג אז דאס ליבע לאנד אויף וועלכען זיא האט איהרע בעסטע צעהן יאהר לעבען אוועק געלייגט ביז זיא האט עס אין אזא גליקליכער גלענצענדער שטופע געבראכט. וועט עס פלוצים ווערען א יאטקע פאר פהיליפס בלוטזייגער. אונ אין איין מאנאט וועט פון דעם געבענטשטען שיינעם פרידליכען לאנד. ווערען א וויסטע מדבר פון חיות רעות אונ זיא אליין וועט פון דער גרויסער גדולה מוזען. וויא דאן אנטאניא אנטלויפען ערגעץ נאך געבעטענער הילף. אונ אפשר וועט זיא נאך דאס אויך ניט אויספיען אונ וועט נאך מוזען פאלען א קרבן ביי פהיליפס תליינים.

פון דיא פירכטערליכע געדאנקען איז אין איהר פשוט דאס הארץ צו גאנגען געווארען. נאר דיא האפנונג אז טאמער וועט איהר פארט געראטהען דורך טיראדאן צו פערשטערען בעצייטען פהיליפס בייזען פלאן האט איהר אביסעל ערלייכטערט איהר טיפען ווייטיג. אזוי האט זיך יעליזאבעטא דיא גאנצע צייט אלץ געפונען אין דער פערצווייפעלטער לאגע. צווישען שרעק אונ האפנונג צווישען פרייד אונ לייד. נאר איר קלוגער דיפלאמאטישער פערשטאנד האט איהר געהאלפען דעם קומער צופערבארגען פאר דער וועלט. אונ אפילו פאר איהר נאענטער סוויטע אונ צו ליב דעם האט זיא באקלעהרט. אז דיא גאנצע קריטישע צייט וואס זיא דארף איבער ווארטען ביז פראנקים וועט קומען זאל זיא דוקא ארויס געבען טאג טעגליך בעלער. מאסקעראדען אונ אנדערע פערשידענע לוסט אונטערהאלטען. בכדי צו פערבלענדען דער מיט יעדען דיא אויגען. מען זאל ניט בעמערקען איהרע טיפע שמערצען צו דעם צוועק האט זיא באלד פאר דיינקט דאן אנטאניא'ן א וויזיט מאכען נאך דער גאנצער קעניגליכער צערעמאניע. אויף מארגען צוועליף אוהר איז פונם קאניגליכען דווארעץ ארויס געפאהרען יעליזאבעטא אין איהר פראכטפאלען קארעט. און צוועליף אראבישע פערד געשפאנט פאר אוים האט מארשירט איהר לייב גווארדיא. ביי ביידע זייטען קארעטע צו צוויי גרעסטע סאנאטארען. נאך איהר קארעטען אונ פייטאנען פון אלע פירהרסטען גראפען אונ באראנען מיט זייערע פאמיליען. דיא גאנצע לענג שטראסע. וויא זיא איז געפאהרען זיינע ביידע זייטען טראטוארען בעלעגערט געוועהן מיט צו שוויער וויא צוויי פעסטע וואנד. אויף דער שטראסע אין דער מיט האבען געשוועבט פערשידענע אדמיניסטראטיווע אונ שטאדישע בעאמטע. אלע צעכען זיינען געגאנגען מיט זייערע פלאגען מוזיק האט געשפילט. אונ דאס פאלק הט אלע ווייל פערגרישעט דיא ליפט מיט זייער אורא!

דאן אנטאניא קוקענדיג אויף דעם קעניגליכען כבוד. וואס יעליזאבעטא מאכט זיהם האט זיכער געמיינט אז זיא וועט איהם אנערקענען אלס פארטוגאלישען קעניג. נאר אומזוסט איז זיין האפנונג געוועהן זיא האט איהם טאקע גרויס עהרע געמאכט ביים וויזיט אונ האט איהם וויא א טרייע מוטער געטרייסט אונ האט איהם געבעטען ער זאל ביי איהר אין לאנד וואונען מיט קעניגליכען לוקסוס אונ עהרע גאר צו זאגען איהם וועגען זיין מלוכה האט זיא איהם ניט צו געזאגט א האלב ווארט.

נאכען וויזיט האט דיא קעניגין איהם געבעטען ער זאל איהר פאר שטעלען

זיין שוועסטער קינד מאריע נונעס אונ אין דעם אוינגענבליק איז מרים פאר איהר געקומען. קוקענדיג אויף כרים'ן האט זיך יעליזאבעטא איבער צייגט אז דער הערצאג דעוואנסהירע האט פאלקאמען רעכט. ווארען אזא שאנהייט מיט אזא אדעל שטאלט האט זיא נאך אין איהר לעבען טאקע ניט געזעהען. זיא האט איינינע ווערטער מיט איהר געשפראכען. אונ האט זיך געווענדעט צו דאן אנטאניא'ן מיט דיא ליבליכע סאטירישע ווערטער ליבער דאן אנטאניא. וויא טוהט מען עס אזא פאר ברעך געגען אזא שיין יונג מיידכען. וואס איהר האלט זיא לעבען זיך אהן א פרויען געזעלשאפט איהר דיא לאנגוויל צו פערטרייבען? אונ האט איהם געבעטען ער זאל איהר מרים'ן אוועק געבען אין הויף אריין אונ זיא וועט איהר איינע טרייע מוטער פאר טרעטען. אונ צו מרים'ן האט זיא געזאגט. ליבע טאכטער איך פערהאף אז אונזער געזעלשאפט וועט דיר גאנץ אנגענעהם זיין ביי מיר אין הויף. מרים האט געוועהנליך זעהער קלוג אונ האפליך געאנטווארט. אונ יעליזאבעטא האט זיך געווענדעט צום הערצאג נעוויל וועלכער איז אויך געקומען מיט דער קאניגען צו דאן אנטאניא'ן אונ האט איהם געזאגט. דיר הערצאג בעפעהל איך דוא זאלסט דאננא מאריא'ן דיא טעג ברענגען צו מיר דוא האסט זיא קיין לאנדאן געבראכט דארפסטו זיא צו מיר שוין אויך ברענגען אום זיא זאל אנערקענען דיין גרויסע טאהט.

דיא קאניגען האט זיך געזעגענט מיט אנטאניא'ן אונ האט איהם בעט מעשה איין געראמט וועגען טיראדא'ן אונ איז מיט דעם זעלבען טרוימפף אוועק געפאהרען צוריק אין דווארעץ.

דאן אנטאניא האט באלד איבער געגעבען כרים'ן אין קורצען. אז טיראדא איז פריי אונ איז מיט א פאר בארגענער מיססיא פון דער קעניגען געפאהרען. מרים'ן האט עס אפילו זעהער געקריינקט. וואס זיא האט איהר היים געליבטען יאקאוו'ן אפילו ניט אנגעקוקט פאר זיין אפ רייזען. אונ ווער ווייסט וויפיל דיא רייזע וועט געדארען? נאר דיא גוטע בשורה. אז ער איז פרייא אונ האט נאך אזא עהרע אונ צו טרויען פון דער קאניגען ערהייכט. האט זיא אביסעל געטרייסט אונ האט איהר נייע קרעפטע געגעבען. זיא זאל קאנען רוהיג אונ צו פרידען האפען אויף זיין קומען.

אין איינינע טעג האט דער הערצאג די דעוואנסהירע געבראכט מרים'ן אין דווארעץ. מען האט איהר אפ געפיהרט כמעט דאס שענסטע אונ בעקוועהמטעסטע וואנונג מיט אלערליי לוקסוס פראכט אונ גלאנץ. מיט דיא שענסטע בעדינונג אונ מיט דעם טאג פון איהר קומען אהין האבען זיך אנגעפאנגען דיא טאג טייגליכע באלער אונ אונטער האלטען. אזוי אז מרים האט זיך געפונען אין א רוישענדען גן עדן אונ איז געשווימען אין תענוגים אונ אין פריידען. יעליזאבעטא האט זיך מיט איהר אפט אונטער געהאלטען. אונ ביי יעדער געלעגענהייט האט זיא איהר דורך געווארפען א גוט ווארט וועגען דעם הערצאג נעוויל. דער הערצאג אליין פון זיין זייט פלעג אפט בעזוכען מרים'ן. נאר וועגען זיין פריהריגער ליבע האט ער איהר אפילו א האלב ווארט ניט דער מאנט. אונ מרים האט אין איהם זעלטען בעמערקט א מאמענט פון זיינע דעמעלדיגע פייעריגע געפיהלען. נאר פון דער אנדערער זייט האט זיך אויף מרים'ן א נייער קלאפאט גענומען. דער גראף לייצעסטער האט אויך זיא אפט בעזוכט אונ האט זיך אן געהויבען איהר ערקלעהרען אין ליבע. מרים האט געוויסט דיא גרויסע מאכט פונם גראף ביי דער קאניגען. אונ אז מיט איהם מוז מען זעהער געהיט זיין האט זיא געטוזט דיא גאנצע צייט שפילען געגען איהם איינע זעהער שווערע ראלע אזוי אז ער זאל ניט וויסען וויא ער האלט מיט איהר. אונ זאל דאך ניט פון דער

הָעזָה אַרוֹים .

אָבְוָואהְל יעליזאבעטא הָאט דָאךְ גֶעוִויסְט מרים'ס שְׁטְרֶעבֶּען אוּנ אִיהְר גַאנְצֶען צִיעֶל וֶועגֶען אִיהְר אַלְטֶער רֶעלִיגִיָאן . דָאךְ הָאט זִיא גִירֶעכֶענְט אַז מִיט דֶער צַייט וֶועט אִיהְר גַאנְצֶער מוּטְה פַארְלָאשֶׁען וֶוערֶען אַקְיגֶען דֶעם קָאנִיגְלִיכֶען גְלַאנְץ מִיט דִיא טַאג טֶאגְלִיכֶע רָאשֶׁענְדֶע בֶּאלֶער תַּעֲנוּגִים אוּנ רָאסְקָאשֶׁען . וּבִפְרַט אַז דִיא קֶענִיגֶען הָאט נָאךְ גֶעזֶועהֶען . אַז מרים פִיהְרְט אָפְּטֶע אוּנְטֶער הַאלְטֶען מִיט דֶעם הֶערְצָאג גֶעוִויל הָאט זִיא גֶעמֵיינְט אַז מרים הֵייבְּט שׁוֹין גֶעוִויס אָן פַאר גֶעסֶען אִין אִיהְר מָארַאלִישֶׁען צְוֶועק אוּנ אָט אָט וֶועט זִיא מרים'ס הַארְץ פָאלְקָאמֶען מְנַצֵּחַ זַיין . אוּנ אוּם דֶער נִצָּחוֹן זָאל גֶעהֶען שְׁנֶעלֶער . הָאט יעליזאבעטא פַאר דֵיינְקְט אַזַא פָארְטֶעל מִיט וֶועלְכֶען זִיא זָאל מרים'ן מָאמֶענְטַאלְנֶע אִיבֶּער רָאשֶׁען אוּנ זִיא גֶענְצְלִיךְ אַרָאפּ וַוארְפֶען אוּנ עֶרְנִידְרִיגֶען בַּיי זִיךְ אִין דִיא אוֹיגֶען עַד לְעָפָר . דָאס פָארְטֶעל אִיז גֶעוֶועהְן דָאס וָואס זִיא הָאט גֶעהֵייסֶען אִין אַ גֶעוִויסֶען אַבֶענְד זָאל מֶען דָאס טֶעהְאַטֶער אוֹיף פוּצֶען אוֹיפֶען הֶעכְסְטֶען אוּנ שֶׁענְסְטֶען אַרְט כְּיַד הַמֶּלֶךְ . אוּנ מֶען זָאל פָאר שְׁטֶעלֶען דִיא דְרַאמָא פוּן שֶׁעקְסְפִּיר „שֵׁיילִיק דֶער וֶוענֶעצִיאָנֶער" . אָ דָא הָאט יעליזאבעטא גֶעמֵיינְט אַזוֹי וִויא מרים הָאט נָאךְ קֵיין טֶעהְאַטֶער קֵיין כָּאהְל אִין אִיהְרֶע אוֹיגֶען נִיט גֶעזֶועהְן . וַוייל אוֹיסֶער וִויא אִין עֶנְגְלַאנְד הָאט נָאךְ דֶעמָאלְט אִינֶערְגֶעץ קֵיין טֶעהְאַטֶער נִיט עֶקְסִיסְטִירְט . אוּנ אַז זִיא וֶועט פְּלוּצִים דֶער זֶעהְן דִיא גְלֶענְצֶענְדֶע פְּרַאכְטְפָאלֶע סְצֶענָא דִיא רַייכֶע אַרִיסְטָאקְרַאטִישֶׁע פּוּבְּלִיקוּם . דִיא גְרוֹיס אַרְטִיגֶע מוּזִיק דֶעם רָאסְקָאשׁ אוּנ קָאמְפְפָארְט וֶועט זִיא גֶעוִויס אַזוֹי אִיבֶּער רָאשְׁט וֶוערֶען . אַז זִיא וֶועט זִיךְ פָאלְקָאמֶען פֶערְלִירֶען אִין דֶעם הִימְלִישֶׁען גַן עֵדֶן . אוּנ בַּיי דֶעם אַלֶעמֶען אַז זִיא וֶועט פְּלוּצִים דֶער זֶעהֶען . וִויא שֶׁענְדְלִיךְ וִויא אַבְשֵׁיילִיךְ מֶען שְׁטֶעלְט פָאר דֶעם יוּדֶען שֵׁיילִיקוֹ . בִּפְרַט . אוּנ דִיא גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע נַאצִיָאן בִּכְלָל . אוּנ וִויא דָאס גַאנְצֶע פּוּבְּלִיקוּם קוּקְט דַארָאף מִיט שְׁרֶעק אוּנ פֶערַאכְטוּנְג וֶועט דָאס זִיא גֶעוִויס מָאמֶענְטַאלְנֶע אַרָאפּ וַוארְפֶען בַּיי זִיךְ בִּיז דֶער רֶעצְטֶער שְׁטוּפֶע . אוּנ זִיא וֶועט זִיךְ גָאר שֶׁעמֶען צוּ דֵיינְקֶען אֲפִילוּ אִין אִיהְר אַבְשֵׁיילִיךְ פָאלְק מִיט זַיין מֶערְדֶערִישֶׁען אַבְשֵׁיילִיכֶען חַאַרַאקְטֶער .

פֶערְדֵיינְקְט גֶעטוּהְן ׳ דֶער אַבֶענְד אִיז גֶעקוּמֶען מרים מִיט דֶער קֶאנִיגֶען אִין אִיהְר קַארֶעטֶע . מִיט דֶער גַאנְצֶער קֶענִיגְלִיכֶער צֶערְמָאנִי זַיינֶען גֶעקוּמֶען אִין טֶעהְאַטֶער מרים אִיז וִוירְקְלִיךְ שְׁטַארְק אִיבֶּער רַאשְׁט גֶעוָוארֶען פוּן אַלֶעס וָואס אִיהְרֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעזֶועהְן אוּנ אִיהְרֶע אוֹיעֶרֶען הָאבֶּען גֶעהֶערְט . דִיא גַאנְצֶע פּוּבְּלִיקָא הָאבֶּען אוֹיף אִיהְר אָן גֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶרֶע לָארְנֶעטֶען . דֶער אָרְקֶעסְטַאר שְׁפִּילְט דֶער פָארְהַאנְג הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען אוּנ עֶס גֶעהְט דָאס סְפֶּעקְטַאקֶעל . דִיא עֶרְשְׁטֶע צְווֵיי אַקְטֶען וִויא פוּן שֵׁיילִיקֶען וֶוערְט נָאךְ גָאר נִיט גֶערַאכְט אַ וָוארְט הָאבֶּען מרים'ן עֶנְטְצִיקְט . אוּנ זִיא אִיז גָאר אוֹיסֶער זִיךְ גֶעוֶועהְן פוּן פְרֵיידֶע אוּנ פֶערְגְנִיגֶען . אוּנ יעליזאבעטא הָאט אַלְץ גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהְר אוּנ הָאט גֶעמֵיינְט אָט אָט קוּמְט אִיהְר נִצָּחוֹן . דִיא דְרִיטֶע סְצֶענָא הָאט אוֹיף גֶעטְרֶעטֶען מרים זֶעהְט וִויא עֶס טְרֵייט אוֹיף אֵיין אוֹיסֶער אָרֶענְטְלִיכֶער סוֹחֵר אַ קְרִיסְט אַנְטוּנְיָא . אוּנ מִיט אִיהְם אֵיין נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶער פְּרָאצֶענְטְנִיק אַ יוּד שֵׁיילִיק דֶער קְרִיסְט בֶּעט אִיהְם אַ קְרֶעדִיט פוּן דְרַיי טוֹיזֶענְד דוּקַאטֶען אָהְן פְּרָאצֶענְט . אוּנ זִידֶעלְט אִיהְם מִיט אַלֶערְלֵיי בִּזְיוֹנוֹת . נָאר דָאס אַרְט גָאר נִיט שֵׁיינְלִיקֶען אַבִּיא אַ גוּטֶען פְּרָאצֶענְט צוּ נֶעמֶען . עֶנְדְלִיךְ אִיז שֵׁיילִיק מַסְכִּים צוּ גֶעבֶּען דֶעם קְרֶעדִיט אנטוניא'ן אָהְן פְּרָאצֶענְט . נָאר מִיט דֶעם תְּנַאי אַז קָאם וֶועט עֶר אִיהְם צוּם סְרָאק נִיט אָפּ גֶעבֶּען מוּז עֶר אִיהְם לָאזֶען אַז שֵׁיילִיק זָאל פוּן זַיין קֶערְפֶּער אוֹיס שְׁנַיידֶען אַ פוּנְט פְלֵייש . אוטוניא אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם תְּנַאי אוּנ הָאט דַארָאף אוּנְטֶער

געשריבען שיילעכן א ראכפיסקא.

דיא סצענא מיטען לאבען פון דער פובליקא. האט מרים'ן גאר פרילישעט זיא האט ניט געקאנט בעגרייפען צו איז דאס ווירקליך צו נאר עפיס איין אנשטעל אבער דער סוף וועט זיך נאר עפיס אנדערש אויס לאזען? דער ווייל האט זיא איהר פריהריגע פרייד אונ פערגניגען פאלקאמען פערלוירען. אונ אויף זייער ארט האט פערטרייטען כעס אונ פערדרוס. אלע ברוטען האבען אין איהר געקאכט קוקענדיג וויא מען שטעלט פאר דעם יודען. פאר וועלכען זיא אונ איהר פאמיליע האבען זיך מקריב געוועהן. אין אזא שענדליכען מערדערישען אונמענשליכען כאראקטער. אונ אלע קוועלען אונ לאכען זיך אזוי גיפטיג אויס פון איהם! נישכער מרים האט זיך מיט אלע קרעפטע געשטארקט זיא זאל ערווארטען דעם סוף. ענדליך דער פערטער אקט קומט זיא זעהט וויא שיילק'ס א טאכטער בעגנבה'ט דעם פאטער כמעט זיין גאנץ פאר מעגען אונ מיט פערדארבענע ליידענשאפטליכע געדאנקען אנטלויפט זיא מיט איין אויס געלאזטען קריסט א ליובאוויניק. אונ שפעט אונ מאכט חוזק פון איהרע עלטערען אונ פון איהר גלויבען אזוי אז זיא דארף מיט איהרע אויס געלאזענע תנועות מיט איהר פערדארבענעם כאראקטער ערוועקען אין יעדען ארענטליכען מענטשען פעראכטונג פערדרוס אונ מיטלייד. צום סוף הערט מרים וויא דאס פובליקום קוועלט אונ דיא אקטערען קאנען זיך גאר ניט אפלויבען פון איהר ערהאבענעם גייסט פון איהר העכסטען מאראל אונ פון איהרע עדעלע זיטען אונ וואהלטאהט. דאס האט שוין מרים'ן איהרע פארבלענדעטע אויגען גיעפענט אונ זיא האט אויגענשיינליך געזעהן. אז דא איז מען אויסען דאראף מען זאל דאס גאנצע יודענטהום ארויס שטעלען אין דיא ערגסטע פינסטערע פארבען מען זאל אויס שמירען דאס עדלע מאראלישע פאלק אין בלאטע אונ עס ערנידריגען ביז דער לעצטער שטופע פארן פאלק אין דיא אויגען. אדאס איז דיא קונסט דיא ציוויליזאציא אין ענגלאנד האט מרים געטראכט אדאס מיינט מען טעהאטער מען זאל פאר בלענדען דאס פאלק מיט פאלשע נידערטרעכטיגע אבשיליכע פאר שטעלונגען וואס הייבען אויף דעם שקר דאס אונרעכט אונ אלעם פערדארבענעם ביז אין הימעל ארויין. אונ דעם אמת יושר אונ צדקה טרייט מען מיט דיא פוס אונ מען שפעט זייא אין פנים אריין? אונ אזוי טראכטענדיג איז זיא געווארען בלאס וויא א מת אונ איז כמעט וויא חלשות אריין געפאלען טיף אין איהר שטול. יעליזאבעטא האט דאס געזעהן אונ האט געמיינט זיא איז שוין מיט מרים'ן פערטיג.

דיא לעצטע סצענא וויא שיילק וויל נאר אנטאניא'ס פונט פלייש. אונ דער סוד פסק'עט איהם צו נאר באופן אז פארן ג"אן פלייש מעהר אדער וויניגער דארף ער גאראנטירען מיט זיין קאפף; ביז ענדליך דער פסק ווערט צוא נישט אונ שיילקען נעמט מען צו זיין גאנץ פאר מעגען ביז א פאדעם אונ מען גייט איהם אזוי לאנג ביז ער טויפט זיך אויף א קריסט. דאס אלעס האט שוין מרים נאר מיט א האלבען אויער געהערט. עס האט זיא גיעקעלט ביי דער נשמה דאס לאכען פון דעם פובליקום איז איהר פאר געקומען וויא דאס ריטשען אין א זווערינייץ; אדער וויא דאס לאכען פון א שייקע באנדיטען בעת זיי קוילען ראבעווען אונ שכרען אויף סטשאט. זיא איז קאם מיט צרות אויס געזעסען ביז לעצט, אונ פאהרענדיג מיט דער קאניגען א היים ביים גאנצען פראכט אונ גלאנץ פון דער צערמאני. האט זיא זיך פערטיפט אין איהר פאר גאנגענהייט האט איבער געשעכנט אלע מדות אונ אלע טאהטען פון איהר בעקאנטען יודישען פאלק אין שפאניען אונ וויא זיא האט געזוכט געפארשט צו וועט זיא זיך ניט דער מאהנען אין עפיס א מין שלעכטער זיטע א מינדעסט פעהלער אין יודישען

רעבען. וואס זאל חאטש אויף איין אודר פאהאזשע זיין אויף דיא נידערטרעכטיגע ליגען אונ פאדלע מסירות. וואס מען האט דא אין טעהאטער אויס געטראכט אויפען יודען. האט זיך איהר קיין איינציגער פאקט ניט פאר געשטעלט. יא זיא האט זיך יא דער מאנט אין אונמענשליכע מערדעריען מענשען בלוט געבראטען מענשען פלייש מארטירעריען אונ מיתות משונות. אבער ווער האט דאס געטוהן אונ וועהמען האט מען דאס געטוהן? דאס האבען קריסטען געשגיטען דעם יודענס פלייש געצאפט זיין בלוט געברענט זיינע ביינער אונ ניט אויפען פונט. מיליאנען פודען וויים בלוט פלייש מארך אונ ביינער דאס יא אבער ניט דער יוד דעם קריסט! אונ דער פערפאסער פון דעם נידערטרעכטיגען ליגען פון דעם מערדערישען דאנאם. אבוואהל ער האט אפשר געמיינט זיין א טאלאנפאלער שרייבער. נאר אין פאנאטיזם אין אבער גלויבעריי אין רעליגיאנס אייפער איז ער געווים געוועהן דער זעלבער אבער אינקוויזיטאר. וואס אין שפאנישער אינקוויזיציאן. אין דער קונסט ווער ער טאקע דער געניאלע שעקספיר.

אונ אין מענשליכקייט דער טיראנישער טארקאמאדא! דיא סצענא האט אויך געוויס גיקערט געשעהן אין דער ווירקליכקייט פונקט פאר קערט. נאר דער צורר היהודים האט עס איבער גיקערט אויפען יודען אזוי וויא דיא אלע מסירות אונ בלבולים. וואס זיא האט אליין אין שפאניען בייגעוואהנט ביי איהרע עלטערען פריינד אונ בעקאנטע גוטע ברודער! אונ נאך דיא אלע אונמענשליכע בלבולים אונ געברוינטע ליידען האט זיא נאך געזעהן. וויא דער יוד בלייבט אלץ טריי אונ בארימהערציג צו זיינע בלוט שונאים. אט וויא איהר קראנקער פאטער אשטייגער איהר הויכמענשענליבליכע מוטער איהר גאטליכער יאקאוו אונ אלע איהרע אונגליקליכע מארטירטע ברודער. וויא זייא אפפערען זיך נאך יעצט פאר דער ליידענדער מענשהייט בכלל. א ניין! ניין! האט זיא אין זיך בעשלאסען איהר זיינס אונפערשעהמטע ליגנער מוסרים בלבולניקעס בלוטזויגער יודיש פלייש פרעסער; אבער מיין פאלק ווייסט ניט פון אזעלכע מערדערשע טאהטען אונ האט גאר קיין בעגריף ניט אין דעם. אונ מיט דער בעשלאסענהייט איז זיא אהיים געקומען. יעליזאבעטא האט געזעהן איהר צערשטרייטקייט אונ האט געטראכט אז דאס שעהמט זיא זיך שוין פאר איהרע איבעריגע פריהריגע אידעען איבער דעם שענדליכען יודענטהום אונ מארגען וועט זיא מיט איהר שוין עפענטליך רעדען וועגען דעם הערצאג די דעוואנסהירע נאר דיא קאניגען האט זיך דא שטארק אבגענארט. אמת טאקע מרים האט זיך געשעהמט אבער ניט פאר איהר יודענטהום. זאנדערען פאר דיא אלע האפליכע קאוואלירען אונ דאמען פאר דער הויכער לאנדאנער אריסטאקראטיא פארן גאנצען ענגלענדישען פאלק אונ פאר דער הויכגעבילדעטער קאניגען. אט פאר דיא אלע אפ געפאלירטע דזענטעלמענען. וועלכע זיא האט אנפאנגס אנגענומען פאר ווירקליך הומאנע ציוויליזירטע מענטשען. אונ צום סוף זיינען זיי ניט מעהר וויא שפאניער אינקוויזיטארען נאר אין איין מאסקירטער פארמע. דיא זעלבע בלוטזויגער נאר ניט מיט דיא האנד אודאי האט זיא זיך געשעהמט זיי צו קוקען אין פנים אריין. אודאי האט זיא זיך צווישען דעם גרויסען אריסטאקראטישען קרוג מיט דיא גלענצענדע לוקסוסען אונ ראסקאשען געפונען עלענד אליין פערוויסט פערלאזט אונגליקליך אונ פערלוירען אונ טאקע דאריבער איז זיא באלד קומענדיג פונם טעהאטער אריין אין איהר צימער אונ האט שוין דיא גאנצע צייט ניט געוואלט פון דארט ארויס געהען אונטער דעם תרוץ זיא איז ניט געזונד אונ דיא אלע צרות האט זיא אן גענומען פון גאט פאר א שטראף אויף איהר פריהריגען לייכטזינן. וואס שיעור שיעור האט זיך אין דיא קאניגליכע ראסקאשען אונ תענוגים גאר פאר געסען אין איהר שטרעבען אין איהר הויכען הייליגען צוועק

אין דער וויסטער קריטישער לאגע וויא זיא איז עלענד אזוי געזעסען אין צימער אונ געוויינט האט זיא בעקומען א בריף פון טיראדאן אין וועלכער עס איז געלעגען איין געשלאסען א בריף פון איהר מוטער דאננא מאיר. דיא בריף האט צו געשיקט סיר פראנסיס דראק. צו זאמען מיט איין אונגעהערען שלאכט רויב קיין ענגלאנד צו דער קאניגען.

---

## 15.

# טיראדאס נצחון

דער גענעראל אדמיראל סיר פראנסיס דראקא. וויא ער האט נאר ערהאלטען פון טיראדא'ן דער קאניגינס בריף האט ער זיך שטארק דערפרייט דאראף ווייל ער האט שוין לאנג גענארט נאך אזא געלעגענהייט. וויא ער זאל קאנען ארויס ווייזען זיין קריגס פעינגקייטען. אונ זיין העלדעשען האראקטער אין מלחמה אויפען ים. באלד האט ער טיראדאן בעשטימט פאר אדמיראל טאקע אויף זיין אייגענער שיף אונ איז מיט זיין גאנצען פלאט ארויס אינם אטלאנטישען ים. לויט טיראדא'ס עצה האט ער זיך באלד געלאזט קיין קאדיקס דער גרעסטער שפאנישער פארט. קאדיקס שטעהט אויף איין זייט ברעג פון א אינזעל אין ים אונ אויף דער אנדערער זייט אינזעל וויזאווי שטעהט דיא שטאט אל־פועדטא אינם פארט. וואס ביי אל־פועדטא האבען זיך געפונען אלע שיפס מאטריאלען אלע זאפאסנע סקלאדען פון פיקוועד. האלץ געטרייד קליידער. שרויט. פאטראנען. קאנאנען. וואס האבען זיך אן געקליבען אפשר במשך צעהן יאהר. אין דעם פארט האבען זיך אלע שיפען קאראבען אונ שיפליך געסטרויעט אונ אין קאדיקס'ר פארט האבען זיך שוין געפונען דיא גרייטע אויס געסטרויעטע שיפען מיט אלע איינארדנונגען. פאלגליך אזוי וויא דער לא־פועדטא'ר פארט האט צוויא מעלות געהאט פאר דיא ענגלענדער אקייגען קאדיקס'ר. איין מאהל וואס אין איהם האט זיך חוץ דיא מיינגע ניט פארטיגע שיפען געפונען איין אונגעהערער זאפאס וואס א קעניגרייך קאן איהם קאם בעצאהלען. צווייטענס ווייל דער פארט איז ניט רעגולירט וויא א איינגעארדענטער קריגס פארט. זאנדערען ער האט נאר געדינט אלס איינע פארטאווע עקאנאמיא. לכן איז דארט שטענדיג וויניגער אונ ניט רעגולירט מיליטער געשטאנען. וויא אין קאדיקס אונ דעריבער האט טיראדא גיזאגט זיין עצה מען זאל דאס ערשטע חרוב מאכען דעם פארט לא פועדטא דער נאך וועט מען וויטער געהען.

טיראדא'ס פלאן איז גאנץ ריכטיג געוועהן. אין א פינסטערער נאכט האט זיך דער ענגלישער פלאט גאנץ שטיל צו געשווימען צום פארט. טיראדא איז דער ערשטער מיט זיין שיף אריין צווישען דיא שפאנישע שיפען ווען אלע זיינען געשלאפען גאנץ געשמאק אין דיא קאיוטען אונ אויף דיא פאלובעס. אונ האט שטילערהייט אן געשלאגען ביי יעדער שיף א מין דעמעלדיגען טארפעד. אונ וויא דיא נשמה איז איהם געוועהן אויפען שפיץ נאז. האט איהם אבער דער געדאנק געשטארקט אז ער האט א דיינק געטוהן אז מיטען ערשטען קלאפ מיטען העמעריל דעם ערשטען טארפעד איז שוין גרייט א פערצווייפעלטע בלוט מלחמה צווישען שפאניען אונ ענגלאנד. טיראדא האט אפ געטוהן זיינס אונ איז שטילערהייט געגאנגען צוריק צו זיין פלאט


נאר

גָאר פָארְן צוּ קוּמֶען הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוועֶהן עֶר וועֶט גָאר נִיט ווַיילֶען אוּמְזוּסְט קֵיין צַייט . אוּנ הָאט שׁוֹין פוּן זַיינֶע קַאנָאנֶען אוֹיס גֶעשָׁאסֶען מִיט אַ מָאהְל אוֹיף דִיא שְׁפַּאנִישֶׁע שִׁיפֶען . בַּאלְד אוֹיף דֶעם שָׁאס אִיז אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען דֶער גֶענֶערַאל אַדְמִירַאל פְרַאנְסִיס מִיט דֶעם גַאנְצֶען פְלָאט . אוּנ פוּן אַלֶע קַאנָאנֶען מִיט אַ מָאהְל הָאט מֶען אוֹיס גֶעשָׁאסֶען אַ גַאנְצֶען יָם פַייעֶר ! דִיא טַארְפֶעדֶען הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם קַאנָאנֶען פַייעֶר אוּנ מָאמֶענְטַאלֶע הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע שִׁיפֶען אָן גֶעכַאפְּט אִין פְלַאם פַייעֶר פוּן אַלֶע עֶקֶען . פוּן דִיא שִׁיפֶען הָאט עֶס גֶעוואָרְפֶען פַייעֶר לַאוועֶס אוֹיפֶען בְּרֶעג אַרוֹיס . אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ אָן גֶעצוּנְדֶען אַלֶע קְקְלַארֶען זַאוואָדֶען אוּנ מַאגַאזִינֶעם אַזוֹי אַז מֶען הָאט נָאר גֶעזֶעהְן אַ פַייעֶר ווֶעלְט אוּנ עֶס הָאט אוֹיס גֶערָאמְט בִּיז אַ פָּאדֶעם . חוּץ ווָאס מֶענְטְשֶׁען זַיינֶען פוּן אַיילִינִישׁ אוּנ שְׁרֶעק גֶעפַאלֶען . ווֶער אִין פַייעֶר ווֶער אִין יָם אוּנ ווֶער עֶס אִיז אַזוֹי נֶהֱרַג גֶעוואָרֶען פוּן דִיא בָּאמְבֶּעס אוּנ פוּן דִיא אָפּ גֶעפַאקֶענֶע אוּנ אָפּ גֶעשְׁפְּרִינְגֶענֶע מַאטְשְׁטֶעס בַּאלְקֶעס בְּרֶעטֶער אוּנ אַנְדֶערֶע בּוֹי מַאטְרִיאַלֶען . אוּנ ווִיא דֶער קַאדִיקְסַ׳ר פָּארְט הָאט דֶער הֶערְט אוּנ הָאט גֶעוואָלְט אַרוֹיס אַקֵיינֶען אִיז שׁוֹין דֶער עֶנְגֶעלְשֶׁער פְלָאט אַוועֶק אִין יָם אַרַיין אוּנ קֵיין אוֹהְר אִיז אִיהְם נִיט גֶעקְרוּמְט גֶעווָארֶען . אַזוֹי אִיז גֶערָאהְטֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע מַפָּלָה אוֹיף פהיליפען . אַז אַ צֶעהְן יָאהְרִיגֶער זַאפַאס שְׁרוֹיט אוּנ מִיה אִיז אִין אֵיין פָּאר טָאג גֶעוואָרֶען אַ בַּארְג אַשׁ . אוּנ דָאס הָאט טירַאדַא מִיט זַיין אִינְטְרִיגָא אַלֵיין אָן גֶערֵייצְט אוֹיף אִיהְם מִיט זַיינֶע הֶענְד אַלֵיין אָן גֶעצוּנְדֶען . אוּנ מִיט זַיינֶע אוֹיגֶען אַלֵיין צוּ גֶעקוּקְט אוּנ אוֹיף גֶעגֶעסֶען דֶער עֶרְשְׁטֶען נְקָמָה פְרִישְׁטִיק ! .

סיר פראנסיס אִיז מִיט זַיין פְלָאט גֶעגַאנְגֶען פוּן פָּארְט צוּ פָּארְט אִיבֶּער אַלֶע שְׁפַּאנִישֶׁע פָּארְטֶען הָאט אִימֶעדִים גֶעבְּרֶענְט גֶעהַרְגֶה׳ת אוּנ אִין פְלֶען גֶענוּמֶען . אוּנ דָאס אַלֶעס הָאט זִיךְ אַלֵין אָפּ גֶעטוּהְן גִיךְ אוּנ גֶעשְׁווִינְד אַזוֹי פהיליפ הָאט גָאר נִיט גִיקֶענְט אוּסְפִּיעֶן צוּ מַאבִּילִיזִירִין זַיין מֶעלִיטֶער אַקֵיינֶען . עֶנְדְלִיךְ אִיז דֶער עֶנְגֶעלְשֶׁער פְלָאט צוּ גֶעקוּמֶען קֵיין פָּארְטוּגַאל אִין לִימַאן פוּן דֶער טַאיַא . דָארְט הָאט עֶר אַלֶע בְּרִיקֶען אָפּ גֶעהַאקְט דִיא שְׁפַּאנִישֶׁע שִׁיפֶען ווָאס בַּיי לִיסַאבָּאן זָאלֶען נִיט קָאנֶען צוּ טְרֵייטֶען צוּא אִיהְם אוּנ דָארְט הָאט עֶר אִיבֶּער גֶענוּמֶען אַלֶע שְׁפַּאנְיֶער שִׁיפֶען . ווָאס הָאבֶּען גֶעפִיהְרְט פוּן אִינְדִיֶען גָאלְד זִילְבֶּער . מֶעטַאלֶען אוּנ מַאטְרִיאַלֶען אוּנ הָאט זֵיי אַלֶע אִין פְלֶען גֶענוּמֶען . ווִיא אֵיין אָפּ גֶעשֵׁיילְט אֵיי אִין מוֹיל אַרַיין .

שְׁטֶעהֶענְדִיג אוֹיף דֶער טַאיַא הָאט טירַאדַא גֶענוּמֶען עֶרְלוֹיבֶּענִיס בַּיי סִיר פְרַאנְסִיס עֶר זָאל אוֹיף אֵיינִיגֶע טֶעג זִיךְ גֶעהְן זֶעהֶען מִיט זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד אַרוּם לִיסַאבָּאן . טירַאדַא מִיט אַ קְלֵיין שִׁיפֶעל אַלֵיין הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַלְס אַ פִישֶׁער אִין דֶער טַאיַא אוּנ אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג קַאפָּא רַאקָא פוּן דָארְט ווִיא עֶר הָאט אנטאניא׳ן מִיט מרים׳ן גֶערֶעטֶעט . דָארְט הָאט עֶר אִין אַ טִינְקֶעלֶען ווִינְקֶעל אָפּ גֶעשְׁטֶעלְט זַיין שִׁיף . אוּנ מִיט דִיא זֶעלְבֶּע קְרוּמֶע פִינְסְטֶערֶע שְׁטֵיינֶערְנֶע שְׁטֶעגְלִיךְ אוּנ ווֶעגְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ בַּאנַאכְט גֶעלָאזְט גֶעהֶען צוּ אוּנְזֶער בֶּעקַאנְטֶען פַאר בָּארְגֶענֶעם טָאהְל צוּ זַיינֶע צְווֵייא הֶערְצֶענְפְרֵיידֶע . גאספאר אוּנ דאננא מאיר דֶער גַאנְצֶער טָאהְל אִיז ווִיא פְרִיהְר גֶעוועֶהְן פוּסְט עֶלֶענְד אוּנ ווִיסְט אוּנ טוֹיט שְׁווַייגֶענִישׁ הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַרוּם אוּנ אַרוּם . אוּנ ווִיא טירַאדַא הָאט דֶער זֶעהְן דִיא שַׁיין פוּן דֶעם לִיכְט . ווָאס הָאט גֶעבְּרֶענְט בַּייא גאספאר׳ן אִין הוֹיז הָאט אִיהְם אָפּ גֶערִיסֶען זַיין הַארְץ פוּן שְׁרֶעק . טָאמֶער זַיינֶען שׁוֹין דָא גָאר נִיטָא זַיינֶע טְהַייעֶרֶע צְווֵיי זֶעלֶען ? ווֶער ווֵייסְט ווָאס זֵיי הָאט גֶעטְרָאפֶען זַייט אִיךְ בִּין אַוועֶק פוּן זֵיי .

שְׁטִיל פְּלַאטֶערֶנְד אִיז טירַאדַא צוּ גֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען אַרוּם

געהן דיא פענסטער ביז ער האט ענדליך דער זעהען דאננא מאירס געזיכט. אונ אום ער זאל זיא ניט דערשרעקען מיט זיין פלוצליכען אריין קומען אין אזא פינסטערער נאכט. האט ער געוואַרט ביז עמיצער וועט ארויס געהען. אונ טאקע דיא מינוט האט זיך געעפענט דיא טיר. אונ יאקאוו האט דער קענט דעם אלטען טרייען קאראלאס באלד איז ער צו אים צו געגאנגען האט איהם פריינדליך דיא האנד אויפען אקסעל ארויף געלייגט. אונ מיט א פינגער אויפען מויל האט ער איהם געגעבען א צייכען. ער זאל שווייגען אונ האט איהם שטיל איין געראמט אין אויער איך בין טיראדא. קאראלאס האט איהם באלד דער קענט. זיי זיינען זיך ביידע געפאלען אויף דיא העלזער אונ זיך צו קושט. קאראלאס האט איהם אין קורצען איבער געגעבען אז זייט ער איז פון דאנען אוועק. איז ארוים א קול אז אלע מאראנען זיינען מיט דיר אנטלאפען אונ האמאנ׳ן פאמיליע אויך. אונ אזוי איז דער טאהל פריי געווארען פון דיא טייערע אינקוויזיטארישע אגענטען אונ מיינע צוויי העררען זיינען געבליבען דא אין זייער הויז דיא גאנצע צייט. גאספאר איז אלע מאהל שוואכער אונ קראנקער. דער טייערע דאקטער וואס קומט אהער איין מאהל אין חודש. האט שוין ענטדעקט דאננא מאיר׳ן אז נאך אין איינינע טעג מוז ער שטארבען. דאננא מאיר זיפצט כסדר אונ קלאגט אויף איהר ליבען מאהן אונ אויף דיא צוויי קינדער. אונ אלע מינוט געהט איהר אויס דאס חיות טראכטענדיג. וואס וועט מיט איהר זיין נאך גאספארס טויט? וויהין וועט זיא איינקומען. אונ וואס קאן זיא עלענדע פרויא טוהן אליין? אונ ווען ניט דיא זיסע טרייסט. אז אפשר זיינען שוין איהרע קינדער ערגעץ פאלקאמענע פרייע יודען געווארען. וואלט זיא שוין לאנג ניט איבער געטראגען איהרע צרות!

טיראדא האט אלעס מיט ווייטיג אויס געהערט. אונ האט זיך געיעצה׳ט מיט קאראלאס׳ן. וויא אזוי ער קאן זיך זעהען מיט מאיר׳ן. אונ ער זאל זיא ניט איבער שרעקען? ביידע זיינען שטילערהייט אריין אינם פאר צימער. דארט האט טיראדא אן געשריבען א קליין קוויטעלע צו מאיר׳ן מיט דיא ווערטער גוטע בשורות פון אייערע ליבע קינדער וועט אייך בעריכטען אייער טרייער טיראדא. וויא קאראלאס האט איהר דאס קוויטעלע געגעבען האט זיא אויסער זיך פון פריידע א געשריי געטוהן. פון מיינע קינדער פון מיינע ליבע טהייערע קינדער א גוטע בשורה טיראדא דא איז טיראדא אונ א טייך טרערען האבען זיך פון איהרע אויגען א גאס געטוהן.

אין דער מינוט איז טיראדא אריין אין שטוב מיט דיא ווערטער. יא איך בין דא אייערע קינדער זיינען געזונד פרייליך אונ הייסע יודען. זייא זיינען אין לאנדאן אינטער דעם שוטץ פון דער קאניגען. אונ איך האב געמוזט אוועק פאהרען נייטיג. זייט רוהיג טייערע דאננא מאיר. איך בין דאס אינמיסטען צו אייך געקומען. איך זאל אייך אלע פאדראבנע אויס דער צעהלען. אונ אייער פערווינדעט הארץ ערפרייען. טיראדא האט איהר אלעס פון אלף ביז תיו דער צעהלט. אונ מאיר האט פון פריידע אויס געשריגען. געבענטשט זיי פונם אלמעכטיגען גאט דוא טהייערער ענגעל גאטעס נאט זאל דיר צאהלען פאר דיין אפפערען זיך צו אלע געפאהרען אום צו ערפרייען א דער שלאגען פאר ווינדעט הערץ פון א היים טרייער מוטער. קום דיא פרידענס ענגעל קום מיט דיין גאטליכער מיססיא צוא ערקוויקען א נידער געשלאגענעם קראנקען פאטער אויך.

איידער זיא האט נאך איהר פראגע געענדיגט הערט מען א לויטער ריינע שטימע פונם צווייטען צימער. טיראדא ביסט דא? קום אהער גאטעס ענגעל שוין איינינע וואכען אז מיין חיות געהט מיר אויס דיך צו זעהען אונ דוא ביסט אלץ ניט געוועהן.

נאר מיין הארץ האט מיר געזאגט . אז איך וועל פון מיין קערפער ניט בעפרייט ווערען אייידער איך וועל דיך זעהען . ענדליך ביסטו יעצט דא קום זשע אהער מיין געשיקטער מלאך פון גאט קום אהער ווארען איך האב שוין ניט מעהר ווייא געצעהלטע מינוטען .

דאננא מאיר איז פערציטערט געווארען הערענדיג פון איהר גאספארן אזוינע קלאהרע דייטליכע ווערטער . וואס ביז אהער האט ער נאר געבערעדיט . און קיין דייטליך ווארט האט מען פון איהם ניט געהערט . און מיט א פלאטערניש איז זיא צו געלאפען צו זיין בעט . דיא שיין פונם ליכט וואס זיא האט מיט זיך אריין געבראכט צו איהם האט אפ געשלאגען זיין טויט ווייס פנים נאר זיינע ביזאהער . צו געשלאסענע אויגען האבען געפינקעלט מיט דיא לעצטע לעבענס שטראהלען . ער האט מאירן א ווינק געטוהן זיא זאל איהם אויף הייבען און אונטער שפארען מיט א קישען דעם קאפף . און ער האט מיט אלע קרעפטע געזאגט . איך מוז צוואה לאזען ווארען עס איז שפעט . ווייל ניט מיין טהייערע פרויא מיין טרייסט אין לעבען און ביים טויט . א סך האסטו מיין ליבע מאיר . מיט מיר געטוהן מיט דיין הייסער ליבע מיט דיין אינעגערליכער טרייהייט און מיט דיינע ברענענדע געפיהלע . אט א דיא וואהלטאהטען מיט מיר וועלען דיר צום אנדיינק בלייבען . ווערסטו ניט דארפען וויינען און קלאגען נאך מיר . דוא וועסט אימער פיהלען אין דיינע ערדע געוויסען . אז דוא האסט דיין הייליגען חוב אפ געטוהן בשלמות ! מיט מיין טויט וועסטו אויף געבינדען ווערען פון דיא קייטען וואס האבען דיך ביז יעצט צו געקאוועט צו דעם פערדארבענעם לאנד איבער מיר . און וויא אריינע שטילע טויב . וועסטו דיר אוועק פליהען פון דיין עלענדער טרויעריגער נייסט ארויס ארויס מאיר פון דעם ברענענדיגען גהנים ! מיינע ביינער בעגראב דא אינטערען פעלז אין ווינקעלע . פאר באהרגען פון אלעבעדיג אויג און פון מיין קבר נעם א זשמעני ערד און לאז דאס זיין דער ערשטער יסוד פון א פריי יודיש הויז פאר מיינע טייערע ווייב און קינדערליך . און דוא טיראדא נעם א בויגען פאפיר און שרייב וואס איך וועל דיר זאגען נאר גיך . איך זאל זיך נאך אונטערשרייבען חתמה׳נען ! קאראלאס וועט איין כשרער עדות זיין גיך ; וואר דאס נשמה ליכט לעשט אויס .

טיראדא האט פון גאספארס מויל געשריבען דיא ווערטער . מיין גאנץ רייכטהום אין אייראפא לויט דיא דאקומענטען וואס ליגען דא ביי מיר אין א אייזערנער קאסע זאגען זאל געטהיילט ווערען אין פיר געמיינע טהייל פיר מיין פרויא מיין זוהן מיין טאכטער און יאקאוו טיראדא׳ן . נאר קודם כל זאלט איהר דער פון אראפ געבען מעשר מיין קאראלאס׳ן און דער אמע מיט איהר זוהן . ביז דיא קינדער וועלען צו איין צוועק קומען זאל דיא מוטער מיט טיראדא׳ן זיין אפעקונעם איבער זיי און איבערן פאר מעגען און אהן טיראדא׳ן זאל קיין מינדעסטע זאך ניט געטוהן ווערען . באלד נאך מיין קבורה זאל מיין פרויא אנטלויפען פון דעם בלוטיגען לאנד צו דיא קינדער און דער שרייבער פון דער צוואה פערלאנג איך אלס טרייער צארטער טאטע . זאל מיין דריטעס קינד ווערען . יא ווען טיראדא וועט מיין ליבער מרים׳ס מאנן זיין וועט מיר דא אליין אינטערן פעלז פריילך זיין צו ליגען ביז תחית המתים . גאספאר האט זיך קאם מיט דיא לעצטע קרעפטע געחתמה׳ת . און איז מאמענטאלנע געפאלען אונטער זיך טויט . נאר אין א מינוט ארום האט ער א זאג געטוהן קאם וואס מען האט געהערט העלף מיר טייערע מאיר ! טיראדא . בענטש מיינע קינדער אים מיינעם נאמען . א דא וועל איך רוהען דא וויל איך אנשלאפען דעם טויט שלאף אדיע . שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד ! און דיא נשמה איז אויס געגאנגען . מאיר איז אויף דיא קניע געפאלען פאר זיין בעט און יאקאוו איז צו געלאפען צום פענסטער א קוק טוהן וואס אין דרויסען טוהט זיך

אונ פון ביידע איז מיט אמאהל ארויס דיא ווערטער „ברוך דין האמת" אונ טייכען הייסע טרערען האבען באגאסען דעם טויטענס בעט . קאראלא׳ס העלדישע אלטע הערץ האט פון טרערען ניט געוויסט . נאר שטיל אין א ווינקעלע האט ער זיין פערווינדעט הארץ אויס געגאסען פאר דעם לעבעדיגען גאט .

לאנגזאם איז דיא נאכט אוועק אונ דער מארגענשטערען איז ארויס . קאראלאס איז אוועק געלאפען אינטערען פעלד אונ האט אויס געגראבען א קבר אונ אז ער איז שוין אין שטוב אריין געקומען האט יאקאוו גענומען מאיר׳ן אונ האט זיא אריין געפיהרט אין איהר צימער . אונ מיט קאראלאס׳ן האט ער זיך גענומען דעם טויטען זיין רעכט טוהן . אלעס איז פערטיג געווארען זיי האבען איהם ביידע ארויס געטראגען אויף זיין בעט אונ האבען איהם בעערדיגט נאך אלע יודישע רעגעלען . אונ פון דיא צווייגען האבען זיי ארום זיין קבר געמאכט א בעסיעדקא . וואס האט דעם קבר פון אלע זייטען פאר שטעלט פון א לעבעדיג אויג אפילו פון דער שטראהלענדער זונן . נאך דער הייליגער ארבייט איז טיראדא אריין אין שטוב האט גענומען דאננא מאיר׳ן צו דעם ארט . אונ ביידע זיינען מיט א ביטער יאמערליך געוועהן געפאלען אויפען קבר . אונ האבען אויס געגאסען זייערע ברענענדע שמערצליכע זעלען פאר גאט . ענדליך איז יאקאוו אויף געשטאנען אונ האט זיא אויך אויף געהויבען . אונ מיט קלוגע ווייבע ליבליכע רייד האט ער זיא אויף איהר אונגליק געטרייסט ביז זיא איז עטוואס צו זיך געקומען . אונ מיט אויס געשפרייטע ארם האט זיא ארום געהאלזט יאקאוו׳ן מיט דיא וויינענדע ווערטער . יאקאוו ביסט מיין קינד מיין ליב טרייע קינד אויף אייביג ! ביידע האבען זיך אזוי געהאלזט אונ געוויינט אונ פלוצים האבען זיי ביידע מיט אמאל אויס געשריגען . ד׳ נתן וד׳ לקח יהי שם ד׳ מבורך . אונ זיינען אוועק פונם קבר .

נאך דעם פאר נאכט איז שוין טיראדא דאננא מאיר אונ קאראלאס אנגעקומען צו טיראדאס שיף . אונ וויא דיא נאכט האט זיך גוט אן גערוקט איז יאקאוו ארויס אויף דער טאיא אונ אין צוויי שעה ארום זיינען זיי שוין געוועהן ביים ענגעלישען פלאט גראדא דעם טאג האט סיר פראנסיס עקספעדירט אגעלאדענעם קאראב מיט שלאכט רויב . האט מאיר מיט טיראדא׳ן דאס גוטע געלעגענהייט געהאט צו שיקען מיטען קאפיטאן א בריף צו מרים׳ן אונ צו עמאנואילען .

סיר פראנכים איז פון זיין פאזיציע ביי דער טאיא אוועק געגאנגען ווייטער צוא דיא אצארען אינזלען אונ דארט האט ער געהאפט ווידער צו געלאדענע שפאנישע קאראבען . וואס זיינען געגאנגען פון אינדיען מיט איין אונגעהארעם רייכטהום . אונ וויא ער האט דיא דריי קאראבען געפאנגען . אזוי באלד האט ער מיט טיראדאן ראטה געשלאגען . אונ עס איז ביי זיי ביידען געבליבען מען זאל זיך שוין אומקערען קיין לאנדאן . זיי האבען אסך מעהר געטוהן וויפיל יעליזאבעטא אליין האט געהייסען . אונ וויפיל זיא האט געמיינט . אריבער הונדערט קריגס קאראבען פאר ברענט אלע מאטריאלען זאפאסען אונ געביידען צו אש געמאכט . אפשר 10000 מעליטער געהרגע׳ט אונ עקסטרע דעם געפאנגען אריבער צעהן קאראבען מיט א גאנץ קעניגליכעם רייכטהום סיר פראנסים פאל נצחון . אונ טיראדא פאל נצחון מיט נקמה זיינען ביידע מיט זייער פלאט פרייליך אונ אויף געצייגט געפאהרען צוריק א היים .

---

16.

# אַפַּאלְשֶׁע הָאפְנוּנְג

דִיא צְווייִ בְּרִיף וָואס מרים הָאט עֶרְהַאלְטֶען . הָאבֶּען אִין אִיהְר עֶרְוֶועקְט
פֶּערְשִׁידֶענֶע . קָאנְטְרַאסְטְנֶע גֶעפִיהְלֶע דִיא בִּיטֶערֶע בְּשׂוּרָה פוּן אִיהְר פַּאטֶערְס טוֹיט
הָאט אִיהְר דָאס הַארְץ צוּ בְּרָאכֶען אוֹיף הוּנְדֶערְט שְׁטִיק . וָוארֶען אָבְּוָואהְל זִיא אִיז
נִיט גֶעוֶועהְן מִיט זַיינֶע מֵיינוּנְגֶען . אוּנ נָאר אִיבֶּער אִיהְם הָאט דִיא צַארְטֶע מוּטֶער
מִיט דִיא קִינְדֶער גֶעמוּזְט צוּ גֶעבִּינְדֶען זַיין צוּ דֶעם בְּלוּטִיגֶען פַאלְשֶׁען מֶערְדֶערִישֶׁען
שְׁפַּאנְיֶען בִּיז אַהֶער . דָאךְ הָאט זִיא זִיךְ גֶעוְוִיסְט אַז אִיהְר פַּאטֶער אִיז גֶעוֶועהְן אֵיין
אוֹיסֶער אָרֶענְטְלִיכֶע הוּמַאנֶע וָואהְלְטֶאהְטִיגֶער מֶענְטְשׁ . אוּנ יֶעצְט אִיז עֶר עֶלֶענְד דֶער
שְׁלָאגֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ לִיגְט דָארְט עֶרְגֶעץ אַלֵיין אִין אַ וְוִיסְטֶען טָאהְל . אוּנ זִיא הָאט
נִיט אוּסְפִּיעֶט אִיהְם דִיא אוֹיגֶען פַאר מַאכֶען אוּנ זַיין לֶעצְטֶע בְּרָכָה צוּ נֶעמֶען פַאר זַיין
טוֹיט . נָאר וְוִיא זִיא הָאט זִיךְ אָבֶּער אָן גֶעהוֹיבֶּען פָאר שְׁטֶעלֶען . אַז אָט אָט וֶועט זִיא
אַרוּם אַרֶמֶען אִיהְר טְרַייֶע עֶדְלֶע מוּטֶער אוּנ וֶועט פַאר אִיהְר אוֹיס גִיסֶען אִיהְר פַּאר
בִּיטֶערְט הֶערְץ . אִיז זִיא ווִידֶער פָאל פְרֵיידֶען גֶעוָוארֶען הֵיינְט דֶער גֶעדַאנְק אַז דִיא
לִיבֶּע מוּטֶער אִיז דוּרְךְ אִיהְר לִיבֶּען יאקאווען גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם בְּלוּטִיגֶען
לַאנְד אוּנ בֵּיידֶע קוּמֶען זֵיי אַהֶער . דָאס הָאט זִיךְ שׁוֹין לְגַמְרֵי פַאר טְרִיבֶּען פוּן אִיהְר
אַלֶע שְׁמֶערְצֶען אוּנ מָרָה שְׁחוֹרָה׳ס . בַּאלְד הָאט זִיא גֶעשִׁיקְט נָאךְ עמאנואילען הָאט
אִיהְם גֶעוְוִיזֶען דִיא בְּרִיף אוּנ בֵּיידֶע הָאבֶּען זֶעהֶער הֶערְצְלִיךְ גֶעווֵיינְט זֶעהֶער טְרַייִ זִיךְ
גֶעטְרֵייסְט אוּנ הָאבֶּען צוּ זַאמֶען זִיךְ אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען וָואס זֵיי הָאבֶּען צוּ טוּהְן ?
מרים הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט אַז דָא אִין דְוָוארֶעץ קָאן זִיא נִיט מֶעהְר אוּנ וְויל נִיט מֶעהְר
וְואוֹנֶען . לָכֵן זָאל עֶר זֶעהֶען עֶפִּיס צוּ זוּכֶען אֵיין אָרֶענְטְלִיכֶע נִיט רָאשֶׁענֶדֶע קְוַואטִיר .
וְוִיא זִיא זָאל זִיךְ קָאנֶען שְׁטִיל אוּנ בֶּערוּהְט אוֹיס טְרוֹיעֶרֶען אוֹיפֶען פַּאטֶער . אוּנ וְוִיא
זִיא זָאל קָאנֶען אוֹיף נֶעמֶען דִיא מוּטֶער אַז זִיא וֶועט קוּמֶען . עמאנואיל הָאט אִיהְר
פָאר גֶעשְׁלָאגֶען צעאגא׳ס הויז . אוּנ עֶס אִיז אִיהְר זֶעהֶער גֶעפֶעלֶען אוּנ טַאקֶע בַּאלְד
הָאט זִיא אִיהְם גֶעשִׁיקְט אַלֶער פָאר בְּרֵייטֶען אוּנ אַלֵיין אִיז זִיא גֶעגַאנְגֶען בֶּעטֶען דֶעם
הוֹיפְס מִינִיסְטֶער עֶר זָאל אִיהְר אַ אוּדִיעֶנְץ מַאכֶען בַּיי דֶער קֶענִיגֶען . אִין אֵיינִיגֶע
מִינוּט אִיז מרים שׁוֹין גֶעוֶועהְן בַּיי יעליזאבעטען אִין קַאבִּינֶעט .

יעליזאבעטא אִיז פָאל פְרֵיידֶע גֶעוֶועהְן פוּנֶם נִצָחוֹן אִיבֶּער פהיליפען . אוּנ דַארִיבֶּער
אִיז זֶעהֶער אוֹיף גֶערֶעגְט גֶעוֶועהְן אִין דֶער מִינוּט . אוּנ מִיט לִיבְּלִיכֶען טָאהְן הָאט זִיא
מרים׳ן גֶעפְרֶעגְט . בִּיכְטוּ שׁוֹין צוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען מַיין טְהַייעֶרֶע ? גַאנְץ גוּט וָואס דוּא
בִּיסְט גֶעקוּמֶען עֶס פֶּערְפֶּערְטִיגְט זִיךְ אוֹיף מָארְגֶען אַ גְרוֹיסֶער בַּאל בַּיי מ... זִיא הָאט
פְּלוּצִים דֶער זֶעהֶען טְרֶערֶען שְׁטֶעהְן אִין מרים׳ס אוֹיגֶען . אוּנ הָאט זִיא אַ פְרֶעג גֶעטוּהְן
וָואס אִיז דִיר טַייעֶרֶע מאריא ? הָאט דִיךְ חָלִילָה עֶמִיצֶער אֶפְשַׁר בֶּעלֵיידִיגְט .

גְנֶאדִיגֶער מַאיֶסְטֶעט . הָאט מרים גֶעזָאגְט קָאם אַייעֶרֶע שְׁטְרַאהְלֶעז לֵייכְטֶען אוֹיף
מִיר ; וֶועט מִיךְ נִימַאנְד נִיט סְמֵייעֶן חָלִילָה צוּ בֶּעלֵיידִיגֶען . נָאר זֶעהֶען מַאיֶסְטֶעט
אִיהְר וְוילְט וַוייזֶען אַייעֶרֶע הוֹיכֶע גְנַאדֶען צוּ אֵיין אַרְמֶעס פֶּערְפָאגְטֶעס מֵיידְכֶען . אוּנ
אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען בֶּעטֶען אַייעֶר מַאיֶסְטֶעט אִיהְר זָאלְט רַחֲמָנוּת הָאבֶּען זִיא פַאלְט אִיהְר
צוּ דִיא פוּס אִיהְר זָאלְט זִיךְ עֶרְבַּארְמֶען .

יעליזאבעטא הָאט זִיא אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען אוּנ הָאט זִיא מִיטְלֵיידְלִיךְ גֶעפְרֶעגְט . וָואס

זְשׁע פַאר אַ בִּיטֶע הָאסְטוּ צוּ מִיר ? פְרֶעג מַיין קִינְד !

דֶער אַלְמֶאכְטִיגֶער גָאט הָאט בַּיי מִיר מַיין פַאטֶער צוּ גֶענוּמֶען ! בֶּעט אִיךְ אַייעֶר מַאיִסְטֶעט אִיהְר זָאלְט מִיר עֶרְלוֹיבֶּען צוּ פֶערְלָאזֶען אַייעֶר דְוָוארֶעץ . אוּם אִיךְ זָאל מִיר קָאנֶען שְׁטִיל אוּנ אֵיינְזַאם בֶּעקְלָאגֶען מַיין גְרוֹיסֶען בְּרָאךְ .

עֶס אִיז מִיר אֲפִילוּ זֶעהֶער לֵייד . וָואס גְרַאדֶע פַאר דֶעם גְרוֹיסֶען בַּאל ווִילְסְטוּ אַוֶועק גֶעהֶען . הָאט יעליזאבעטא גֶעזָאגְט . נָאר דוּא הָאסְט רֶעכְט מִיט דַיין בִּיטֶע אוּנ דוּא הָאסְט שׁוֹין גֶעפּוֹילְט . נָאר זָאג זְשֶׁע מִיר מאריא וְוִיהִין ווִילְסְטוּ גֶעהֶען ?

צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְנְס אַ גוּטֶען פְרַיינְד צעאגא הָאט מרים גֶעאַנְטְוָוארְט .

בַּיי צעאגא'ן דֶעם קַאטָאלִיק הָאט יעליזאבעטא כֶערְדְרִיסְלִיךְ גֶעזָאגְט . וָואס אִיז בַּיי אוּנְז אִיז נִיטָא אַזֶעלְכֶע שְׁטִילֶע רוּהִיגֶע הַייזֶער . וַוייט פוּן רַעשׁ אוּנ טִימֶעל וְוִיא מֶען קָאן זִיךְ גַאנְץ רוּהִיג אָפּ זִיצֶען דֶעם סְרָאק פוּן טְרוֹיעֶר ? גֶעה מאריא אִין אֵיינֶעם פוּן דִיא הַייזֶער וְוִיא דִיר וֶועט גֶעפֶעלֶען . אוּנ נָאכֶען טְרוֹיעֶר וֶועסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען אִין דְוָוארֶעץ .

גְנֶאדִיגֶער מַאיִסְטֶעט ! הָאט מרים מִיט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע שְׁטִימֶע גֶעזָאגְט . נִיט נָאר וֶועגֶען טְרוֹיעֶר אִיז מַיין בִּיטֶע . מַיין הַארְץ אִיז פָאל ווייטִיגֶען מַיין גֵייסְט אִיז נִידֶער גֶעשְׁלָאגֶען . אוּנ גָאט ווייסְט וֶוען אִיךְ קָאן אַ מָאהְל עֶרְפְרֵייט וֶוערֶען . לָכֵן מַאיִסְטֶעט מוּז אִיךְ אַייךְ זָאגֶען אַז נִיט פַאר מִיר פַּאסְט צוּ ווְאוֹנֶען אִין אַייעֶר מַאיִסְטֶעטִישֶׁען דְוָוארֶעץ נִיט פַאר מִיר אַרְמֶעס אָרֶעמֶעס מֵיידְכֶען . אַ טָאכְטֶער פוּן אַ גֶעשֶׁענְדֶעטֶער אוֹיס גֶעלַאכְטֶער נַאצְיָאן . עֶרְצוֹיגֶען אוֹיף אַ פֶערְשְׁטוֹיסֶענֶער פֶערְפָאלְגְטֶער רֶעלִיגְיָאן וָואס הָאט קֵיין טְהֵייל אוּנ קֵיין רוּהִיג ווִינְקֶעל אוּנְטֶער אַלֶע פֶעלְקֶער אִין דֶער וֶועלְט ! וְוִיא זְשֶׁע קוּם אִיךְ צְווִישֶׁען אַזֶעלְכֶע קָאנִיגְלִיכֶע פֶערְזָאהְנֶען וֶועלְכֶע אוּמְרִינְגְלֶען אַייעֶר מַאיִסְטֶעטִישֶׁען טְרָאהְן .

יעליזאבעטא הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען דֶעם פָאר ווִירְף . אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען פָאל צָארֶען קוּקֶענְדִיג אוֹיף דֶעם פְרַאטֶערֶענְדֶען אוּנ דָאךְ אַרְטְנֶעקִיגֶען מֵיידְכֶען . נָאר זִיא הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטֶען פוּן כַּעַס . אוּנ הָאט אִיהְר גֶעזָאגְט אִיבֶּער דֶעם ווִילְסְטוּ בַּיי אוּנְז נִיט ווְאוֹנֶען ? שֶׁעהְם זִיךְ מאריא חָלֶעבֶּען דָאס אִיז גָאר קִינְדֶערְשֶׁע רֵייד . דָאס אִיז פּוּסְטֶע חֲלוֹמוֹת אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס דֶער הֶערְצָאג דִיא דֶעווַאנְכִיהְרֶע הָאט אִין דִיר אַזֶעלְכֶעס דֶער זֶעהֶען . וָואס עֶר לֵייגְט דִיר פָאר זַיין הַאנְד ? נִישְׁמֶער עֶר גֶעהְט פוּן זַיין וָוארְט נִיט צוּרִיק אוּנ מִיט זַיין פְרַאכְט אוּנ עֶהְרֶע וֶועט זִיךְ גֶעווִים פַאר דֶעקֶען דִיא שַׁאנְדֶע פוּן דַיין פָאלְק . אוּנ אוֹיב דָאס אִיז דִיר נָאךְ דָאךְ קַארְג בִּין אִיךְ שֵׁיינְט מִיר אוּם שְׁטַאנְד צוּ בֶּעשִׁיטֶען דִיךְ מִיט כָּבוֹד אוּנ רוּם אִיבֶּערֶען קָאפְּף .

מִיט שְׁטָאלְץ הָאט מרים אַ קוּק גֶעטוּהְן אוֹיף דֶער קֶענִיגֶען אוּנ הָאט אִיהְר מִיט קְלוּנְגֶענְדִיגֶען זִיסֶען טָאהְן גֶעזָאגְט . וֶוער נָאךְ וְוִיא אַייעֶר גְרֶענְצֶענְדֶער מַאיִסְטֶעטִישֶׁער פֶערְשְׁטַאנְד . ווֵייסְט אוּנ בֶּעגְרֵייפְט דִיא טִיפֶע אִינְנֶערְלִיכֶע אֵיינֶענְשַׁאפְטֶען דֶעם מֶענְשֶׁענְס בִּיז דֶער אוּהְר ? אַייעֶר מַאיִכְטֶעט ווֵייסְט אַז יֶעדֶענְס גוּטְס אוּנ שְׁלֶעכְטְס . גְלִיק אוּנ אוּנְגְלִיק מֶעסְטֶען זִיךְ נָאר נָאךְ זַיין אֵייגֶענֶעם פֶערְשְׁטַאנְד אוּנ בֶּעגְרִיף יֶעדֶער פַאר זִיךְ אַ קְרוּ..עֶר צוּ אַ נַאר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר נָאךְ זַיינֶע גֶעפִיהְלֶען אוּנ נָאךְ זַיינֶע הַשָּׂגוֹת נָאךְ . זַיין אֵיינְגֶעבִּילְדֶעטֶען ווִינְשׁ צוּ זַיין אִידֶעאַל . אוּנ זַיין אַבְּשַׁייא צוּ זַיין אֵיינְגֶעבִּילְדֶעטֶען אוּנְגְלִיק . לָכֵן ווִיל אִיךְ אַייעֶר מַאיִסְטֶעט פְרֶעגֶען . קַאן זְשֶׁע דֶען אֵיין אוּנְשׁוּלְדִיגֶעס אַרִיגִינַאלֶעס מֵיידְכֶען נֵייטֶען אִיהְר אֵייגֶענֶעם ווִילֶען אוּנ אִיהְם אַלֵיין קָאוֶוען אִין אֵיין אַייזֶערְנֶער קֵייט ? גִיבְּט עֶס דֶען נִיט אַ מִין עֶרְהָאבֶּענֶער הֵיילִיגֶער אִידֶעאַל אִין לֶעבֶּען פַאר וֶועלְכֶען מִיר דַארְפֶען אָפְּפֶערֶען מִיט אוּנְזֶער אַלֶעס ? גְנֶאדִיגֶער מַאיִסְטֶעט אִיךְ בִּין

גֶעאָפְּפֶערְט שׁוֹין לַאנְג פַאר אַזאַ מִין הֵיילִיגְען חוֹב . וֶועלְכֶען דִיא גָאטְהֵייט אַלֵיין הָאט אִיהְם מִיר צוּ גֶעשִׁיקְט . אַלְזָא זָאל אִיךְ רַאבֶּעוָען מֵיין בְּרֶענֶענְדִיגֶען ווִילֶען פוּן מַיין לִיבְּלִיכֶען אִידֶעאַל אוּנ אִיהְם נֵיימֶען צוּ פִיהְרֶען צוּם הֶערְצָאג צוּ וֶועלְכֶען עֶס פִיהְלְט זִיךְ מִיר גָאר נִיט . זָאל אִיךְ פֶערְקוֹיפֶען מַיין גָאטְלִיכֶען הֵיילִיגֶען חוֹב פַאר כָּבוֹד אוּנ רֵייכְטְהוּם . אוּנ אוֹיבּ אִיךְ זָאל שׁוֹין טוּהְן אַזאַ פַאלְשְׁקֵייט גֶעגֶען זִיךְ אַלֵיין . נוּא וֶועט דֶען דֶער הֶערְצָאג גֶעפוּנֶען אִין מִיר דָאס וָואס עֶר זוּכְט . וֶועט עֶר דֶען וַואהְרֶע לִיבֶּע אוּנ פְרֵידֶען גֶעפוּנֶען מִיט מִיר אִינֶם לֶעבֶּען ? עֶהְרְלִיכֶער מַאיִסְטֶעט צֵייגְט מִיר אַייֶערֶע גְרוֹיסֶע גְנַאדֶען אוּנ לָאזְט מִיךְ פְרַיי פוּן אַייֶער דְוָוארֶעץ .

יעליזאבעטא אִיז אָן גֶעצוּנְדֶען גֶעוָוארֶען . אַז זִיא הָאט דֶער זֶעהֶען אִיהְר הָאפְנוּנְג אִיז אַזוֹי צוּ שְׁווִימֶען גֶעוָוארֶען . אוּנ פוּן גְרוֹיס כַּעַס הָאט זִיא זִיךְ גָאר אוּמְגֶעקֶערְט פוּן אִיהְר מִיטֶען פָּנִים . אוּנ הָאט אִיהְר אִין צָארֶען גֶעזָאגְט גֶעה דִיר . מרים אִיז אַרוֹיס פוּנֶם קַאבִּינֶעט . אוּנ וַוארְטֶענְדִיג אִין אִיהְר צִימֶער אוֹיף עמאנואילען אֵיינִיגֶע שְׁטוּנְדֶען אִיז שׁוֹין קֵיינֶער פוּנֶם הוֹיף צוּ אִיהְר נִיט גֶעקוּמֶען . אוּנ אֲפִילוּ אִיהְר קְלֶענְטֶע בֶּעדִינֶערִין הָאט זִיא שׁוֹין אִין דִיא אוֹיגֶען נִיט גֶעזֶעהְן . נָאר מרים הָאט זִיךְ וֶועגֶען דֶעם גָאר נִיט גֶעקִימֶערְט פַאר קֶערְט זִיא הָאט גֶעדַאנְקְט אוּנ גֶעלוֹיבְּט גָאט וָואס זִיא אִיז פְרַיי גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם גַאנְצֶען גְלֶענְצֶענְדֶען שְׁווִינְדֶער אוּנ עֶגָאִיזְם . אוּנ זִיא עמאנואיל אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען הָאט זִיא זִיךְ אַלֵיין אַיינְגֶעפֶּעקְט אִיהְרֶע זַאכֶען . אוּנ אִיז מִיט פְרַייֶען פְרִידְלִיכֶען ווִילֶען אַוֶועק פוּנֶם דְוָוארֶעץ צוּ צעאגא׳ן אִין הוֹיז .

אִין אַ וָואךְ פוּנְף אַרוּם אִיז סִיר פְרַאנְסִיס מִיט זַיין פְלָאט אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין לָאנְדָאן דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּנ אַלֶע הוֹיפְס פֶערְסַאנַאלֶען זַיינֶען אִיהְם אַקֵייגֶען גֶעפָאהְרֶען דֶער פַארַאד אִיז גֶעוֶועהְן אוֹיפֶען הֶעכְסְטֶען אוּנ שֶׁענְסְטֶען מַאנִיר . נָאר טיראדא מִיט זַיין שִׁיף אִיז גָאר גֶעשְׁטַאנֶען עֶרְגֶעץ פַאר רִיקְט אִין אַ זַייט אוּנ אוֹיסֶער עמאנואילען אִיז אֲפִילוּ קֵיין אֵיינְצִיגֶער נִיט גֶעקוּמֶען אִיהְם גְרִיסֶען . דאננא מאיר אִיז עמנואילען גֶעפַאלֶען אוֹיפֶען הַאלְז גֶעקוּשְׁט אוּנ זֵייעֶר בִּיטֶער גֶעוֵויינְט אוּנ דֶער נָאךְ אִיז זִיא מִיט אִיהְם אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען צוּ צעאגא׳ס הוֹיז . טיראדא הָאט נִיט גֶעוָואלְט מִיט זֵיי מִיט גֶעהֶען בִּכְדֵי עֶר זָאל נִיט שְׁטֶערֶען דִיא גָאטְלִיכֶע פְרֵיידֶע בַּיים עֶרְשְׁטֶען מָאמֶענְט . וֶוען אַ מוּטֶער מִיט אַ טָאכְטֶער קוּמֶען זִיךְ צוּ זַאמֶען . מרים דֶער זֶעהֶענְדִיג דִיא מוּטֶער אִיז זִיא ווִיא אַ פַייל אוֹיסֶען בּוֹיגֶען צוּ גֶעלָאפֶען הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעהָאנְגֶען אוֹיף אִיהְר הַאלְז אוּנ מִיט וֵויינֶענְדִיגֶע אוּנ לַאכֶענְדִיגֶע טְרֶערֶען הָאבֶען זֵיי זִיךְ אָפּ גֶעשָׁאטֶען מִיט הֵייסֶע קוּשֶׁען אוּנ אָפּ גֶעוַואשֶׁען אִין טְרֶערֶען . עֶנְדְלִיךְ הָאט מרים פְּלוּצִים אַ פְרֶעג גֶעטוּהְן . אוּנ ווִיא אִיז טיראדא ? ווִיא אִיז אוּנְזֶער רֶעטֶער ? דֶער וַוייל הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט טְרִיט אִינֶם צְווֵייטֶען צִימֶער דָאס אִיז עֶר הָאט מרים אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטוּהְן . אוּנ אִיז אַרַיין גֶעלָאפֶען אִין צְווֵייטֶען צִימֶער .

דאננא מאיר הָאט מִיט אוּנְגֶעדוּלְד עֶרְוַוארְטֶעט אִיהְר צוּרִיק קוּמֶען נָאר עֶס הָאט מֶעהְר גֶעדָאוֶוערְט ווִיא עֶס דַארְף זַיין אוּנ פְלוּצִים אִיז טיראדא מִיט מרים׳ן אַרַיין גֶעקוּמֶען גֶעאַרֶעמְט מִיט שְׁטְרַאהְלֶענְדֶע פְּנִים׳ר פִיל גֶעפִיהְלֶע אוּנ פְרֵייד אוּנ בֵּיידֶע זַיינֶען צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ מאיר׳ן מִיט אַנְגֶעבּוֹיגֶענֶע קֶעפּ . מאיר הָאט בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען מֵיינְט אוּנ הָאט זֵיי מָאמֶענְטַאל אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אִיהְר הַאנְד אוֹיף דִיא קֶעפּ אוּנ הָאט זֵיי מִיט פְרֵיידֶען טְרֶערֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּנ גֶעווִינְשֶׁעוֶועט אַ גוּטֶען זִווּג . נָאךְ דֶעם הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע דְרַיי אוֹיף דִיא הֶעלְזֶער גֶעוָוארְפֶען גֶעהַאלְזְט אוּנ גֶעקוּשְׁט . אוּנ זֵייעֶר גְלִיק הָאט פַאר מִרֵיינְקְט אַלֶע זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּנ לֵיידֶען . נָאךְ מאיר׳ן הָאבֶען זֵייא זִיךְ בֵּיידֶע מִיט עמאנואילען הֵיים צוּ קוּשְׁט אוּנ זַיינֶען זִיךְ אִין צִימֶער צוּ גַאנְגֶען יֶעדֶער

מִיט זַיינֶע הֵייליגֶע פַּייעֶרִיגֶע גֶעפִיהְלֶען בַּיי זִיךְ.

דִיא קֶענִיגִין הָאט גֶעגֶעבֶּען גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת אָרְדֶענֶעס אוּן גֶעלְט דֶעם סִיר פְרַאנְסִיס דְרַאקָא מִיט אַלֶע זַיינֶע אַדְמִירַאלֶען קַאפִּיטַאנֶער. מַאטְרָאסֶען אוּן בֶּעדִינְטֶע. נָאר טִירַאדַאן הָאט זִיא נִיט גֶעהַאט וָואס צוּ גֶעבֶּען.

אוּן אַז סִיר פראנסיס הָאט אִיהְר פָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַלֶע גְרוֹיסֶע הֶעלְדִישֶׁע טְהַאטֶען פוּן טִירַאדַא'ן אוּן אַז כִּמְעַט נָאר אִיהְם הָאט מֶען צוּ דַאנְקֶען מִיט דֶעם אִיבֶּעֶ, נַאטִירְלִיכֶען נִצָּחוֹן. הָאט זִיא אוֹיס גֶעהֶערְט אוּן צוּ גֶעשְׁוִויגֶען.

אוּן דוּרְכֶען לארד בּוּרלייגא הָאט זִיא בֶּעפוֹילֶען. אַז מֶעהְר פוּן אֵיין חוֹדֶשׁ עֶרְלוֹיבְּט זִיא אִיהְם נִיט מִיט דִיא מַארַאנֶען צוּ בְּלַייבֶּען אִין עֶנְגְלַאנְד.

טִירַאדַא'ן הָאט אַבִּיסֶעל פַּאר דְרָאסֶען אַזַא אוּנְדַאנְקְבַּארְקֵייט נָאר בַּאלְד הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעקַייכְט דֶער פוּן. עֶר דַארְף נִיט קֵיין דַאנְק. עֶר הָאט נִיט גֶעטוּהְן וֶועגֶן לוֹין. זַיין דַאנְק אוּן זַיין לוֹין אִיז דִיא נְקָמָה אִין שְׁפַּאנְיֶען.

אִין נַחַת אוּן אִין פְרֵייְדֶען אִיז אַוֶועק דֶער חוֹדֶשׁ פַאר אוּנְזֶער קְלֵיינֶער לִיבֶּע פַאמִילְיֶע בַּיי צְעאגא'ן אִין הוֹיז. עֶר אִיז אַוֶועק וִויא אַ גָאלְדֶענֶער זִיסֶער חָלוֹם אוּן דִי צַייט פוּן אַבְּשֵׁייד אִיז גֶעקוּמֶען. מֶען דַארְף וַוייטֶער רֵייזֶען קֵיין נִידֶערלַאנְד. מֶ'זִי דַארְף דָארְט דֶער עֶנְדִיגֶען וָואס מֶען הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען. אוּן נָאר דָארְט מוּז מֶען גֶעפוּנֶען אַ פְרַיי בִּירְגֶערְטְהוּם פַאר אַלֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע מַארַאנֶען. אוּמְזוּסְט הָאט מאיר מִיט מרים'ן גֶעבֶּעטֶען טִירַאדַא'ן. זֵיי זָאלֶען אוֹיךְ מִיט פָאהְרֶען! טִירַאדַא הָאט זֵיי צוּ פַאר שְׁטֶעהְן גֶעגֶעבֶּען. אַז זֵיי בְּרוֹיכֶען נִיט אוּמְזוּסְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ וַוארְפֶען טוֹיזֶענְטֶער צוּ פַאלֶע אוּן גֶעפַאהְרֶען אִין וֶועג. בֶּעסֶער אַז עֶר וֶועט שׁוֹין אַלֶע אִינְדֶערְנִיסֶע אִיבֶּער קוּמֶען אוּן גָאט וֶועט אִיהְם שׁוֹין אָן וַוייזֶען זַיין מָקוֹם מְנוּחָה. דֶעמָאלְט וֶועט עֶר קוּמֶען נָאךְ זֵיי. עמאנואיל הָאט אוֹיךְ צוּ פַאר שְׁטֶעהְן גֶעגֶעבֶּען. אַז עֶר מוּז מִיט דִיא צְווֵיי צַארְטֶע עֶלֶענְדֶע פְרוֹיעֶן אוֹיךְ בְּלַייבֶּען אִין לָאנְדָאן.

עֶנְדְלִיךְ דֶער אַבְּשִׁידְס מָארְגֶען אִיז גֶעקוּמֶען טִירַאדַא מִיט זַיין עֶקִיפַּאזְשׁ זַיינֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן לָאנְדָאנֶער פָארְט. טִירַאדַא אוֹיפֶען פְּלַאט פָארֶם אוּן דֶער גַאנְצֶער עֶקִיפַּאזְשׁ אוֹיפֶען פָאלוּב הָאבֶּען גֶעפָאכְט מִיט זֵייעֶר טִיכְלֶעךְ צוּ דִיא דְרַיי פֶּערְזָאנֶען וָואס זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים גַאוֶוען. מרים אוּן מאיר זַיינֶען זִיךְ אוֹיף דִיא הֶעלְזֶער גֶעפַאלֶען אוּן צוּ גָאסֶען גֶעוָוארֶען אִין גֶעוֵויין. אַ ווינְדֶעל הָאט אוֹיף גֶעהַאפְּט דִיא פַארוּסֶען אוּן דִיא שִׁיף אִיז מִיט אַ מַארְשׁ אַוֶועק וִויא אַ פֵייגֶעלֶע פוּן זַיין נֵייסְט. אוּן דִיא מַאטֶע מִיט דִיא קִינְדֶער זַיינֶען דֶער שְׁלָאגֶען גֶעגַאנְגֶען אַ הֵיים.

## 17.

# חַכַם ר' אוּרִי

נִיט נָאר טִירַאדַאס פְרִיהְרִיגֶע גוּטֶע בְּרוּדֶער אַלֵיין זַיינֶען מִיט אִיהְם יֶעצְט אַוֶועק קֵיין נִידֶערלַאנְד. זָאנֶדֶערְעֶן אַ פָאלֶע שִׁיף אָן גֶעשְׁלָאגֶען מִיט מַארַאנֶען. וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ בְּעֵת נִצָּחוֹן, גֶערֶעטֶעט אוֹיפֶען עֶנְגֶעלְשֶׁען פְלָאט בַּיים סיר פראנסיס דראקא. קֵיין לָאנְדָאן אוּן יֶעצְט זַיינֶען זֵיי אַלֶע אוּנְטֶער טִירַאדַאס פְלַאג. אַוֶועק מִיט אִיהְם מִיט אַ גַאנְץ קֶענִיגְלִיךְ רֵייכְטְהוּם. אַרַיין קוּמֶענְדִיג אִין יַם הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען אַ שְׁטוּרֶם

אוּנ טיראדא הָאט פָאר אוּים גֶעזֶעהְן. אַז דָאס גֶעהְט אַ גֶעפֶעהְרְלִיכֶער שְׁטוּרֶם אוּיף אַ צַייט. בַּאלְד הָאט עֶר אַלֶע פַּאסַאזְשִׁירֶען מוֹדִיעַ גֶעוֶועהְן דֶער פוּן אוּנ דָאט זַייא גֶעשְׁטַארְקְט אוּנ גֶעטְרֵייסְט אוּנ אָן גֶעזָאגְט זֵיי זָאלֶען אִיהְם פוּנְקְטְלִיךְ פָאלְגֶען בַּיי אַלֶע נוֹיטֶען. אוּנ הָאפֶען צוּ גָאט. וָואס הָאט זֵיי פוּן גְרֶעסֶערֶע גֶעפַאהְרֶען גֶערֶעטֶעט. אַלֶע הָאבֶּען מִיט פַייֶרִיגֶע גֶעפִיהְלֶען אִין אֵיין קוֹל אוּיס גֶעשְׁרִיגֶען. דַיינֶע רֵייד יאקאוו וֶועלֶען מִיר מִיט פֶערְגְנִיגֶען אוּיס פָאלְגֶען אוּנ גָאט וֶועט אוּנְז הֶעלְפֶען.

בַּאלְד דַארָאף הָאט זִיךְ אוּיף גֶעהוֹיבֶּען אַ גֶעפֶעהְרְלִיכֶער שְׁטוּרֶם. דֶער יָם הָאט זִיךְ צוּ זָאטֶען וִויא אַ קֶעסֶעל. דִיא חְוַאלִים הָאבֶּען זִיךְ בֶּערְג וַויים אוּיף גֶעהוֹיבֶּען צוּ דִיא חְמַארֶעס הוֹיךְ אוּנ אַרָאפּ גֶעלָאזְט צוּם אָבְּגְרוּנְד טִיף. דִיא שִׁיף הָאט עֶם וִויא אַ קְלֵיין מִיַאטְשֶׁעל גֶעוָוארְפֶען פוּן חְוַאלִי צוּ חְוַאלִי. אַלֶע פַּאסַאזְשִׁירֶען זַיינֶען צוּא יֶעדֶער מִינוּט פֶערְטִיג גֶעוֶועהְן פַאר אַ קָרְבָּן צוּ דִיא בְּרוֹיזֶענְדֶע בֵּייזֶע חְוַאלִים נָאר טיראדא מִיט זַיין קָאמַאנְדָא. נִיט שׁוֹינֶענְדִיג זֵייעֶר לֶעבֶּען הָאבֶּען מִיט פֶערְצְוֵוייפֶעלְטֶען מְסִירוּת נֶפֶשׁ גֶעאַרְבֵּייטֶעט בִּיז דִיא לֶעצְטֶע קְרֶעפְטֶע אוּנ הָאבֶּען אַלְץ גֶעלִיוֶוערְט דִיא שִׁיף נָאכֶען וִוינְד נָאךְ. בִּיז עֶנְדְלִיךְ אִין דְרַיי מֵעֵת לְעֵת אַרוּם הָאט זִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען אוּיס לַייטֶערֶען. דֶער שְׁטוּרֶם אִיז גֶעשְׁטִילְט גֶעוָוארֶען אוּנ דֶער טִינְקֶלֶער בֵּייזֶער יָם הָאט בֶּעקוּמֶען אַלֶעכְטִיג פְרֵיילִיךְ פָּנִים: אוּנ טיראדא הָאט פוּן גַאנְץ וַוייט דֶער זֶעהֶען אוּיפֶען שְׁפַּאקְטִיוו עֶפִּים וִויא אַ מִין אִינְזֶעל. אוּנ אָבְּוָואהְל עֶר הָאט נִיט גֶעוְויסְט וִויא עֶר אִיז דָא פַאר וָוארְפֶען גֶעוָוארֶען? אוּנ וָואס פַאר אֵיין אִינְזֶעל דָאס קָאן זַיין. דָאךְ הָאט עֶר אָן גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם רִידֶער צוּ דֶער זַייט. וִויא דֶער אִינְזֶעל זֶעהְט זִיךְ אַרוּים אוּנ וִויא עֶר אִיז שׁוֹין נִיט וַוייט גֶעוֶועהְן פוּן דָארְט. הָאט עֶר דֶער זֶעהֶען אוּיפֶען אִינְזֶעל זֶעהֶער אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע שְׁטָאדְט. אוּנ נָאךְ זַיין קֶענְטֶענִים אִין גֶעגְרַאפְיֶע הָאט עֶר פַאר שְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז דִיא שְׁטָאט עֶמְדִין. וָואס אִין נִידֶער לַאנְד צוּ קוּמֶענְדִיג צוּם פָּארְט הָאט עֶר בֶּעמֶערְקְט וִויא צְוֵויי גֶעוַואפֶּענְטֶע שִׁיפֶען פָאל מֶענְטְשֶׁען לָאזֶען זִיךְ צוּ צוּ זַיין שִׁיף אוּנ אֵיין שִׁיף מִיט דֶער אַנְדֶערֶער קְרִיגֶען זִיךְ זִידְלֶען זִיךְ אוּנ שֶׁעלְטֶען זִיךְ. אוּנ יֶעדֶע נֶעמְט זִיךְ צוּם גֶעוֶועהְר אוּיף צוּ שְׁלָאגֶען זִיךְ. טיראדא הָאט גָאר דָאס רֵייטֶענִישׁ נִיט פַאר שְׁטַאנֶען בִּיז עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ דֶער זֶעהְן. אַז אוּיף אֵיין שִׁיף אִיז אוּיף גֶעצוֹיגֶען אַ פְלַאג פוּנֶם שְׁטָאט־פִיהְרֶסְט אוּנ אוּיף דֶער אַנְדֶערֶער פוּן דִיא בִּירְגֶער. טיראדא הָאט זַיין קָאמַאנְדָא אוּיךְ גֶעהֵייסֶען אָן טוּהְן זֵייעֶר גֶעוֶועהְר. אוּנ זָאלֶען נִיט לָאזֶען דִיא שִׁיפֶען צוּ זַיין שִׁיף. אוּיסֶער דִיא צְוֵויי קַאפִּיטַאנֶער פוּן דִיא שִׁיפֶען. עֶנְדְלִיךְ דִיא צְוֵויא קַאפִּיטַאנֶער זַיינֶען גֶעקוּמֶען אוּיף טיראדאס שִׁיף. אוּנ הָאבֶּען אִיהְם עֶרְקְלֶערְט אַז זֵיי קְרִיגֶען זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי אַ צַייט אִיבֶּער דֶער רֶעכְטֶע אוּיפֶען פָּארְט מִיט דֶער פָּאשְׁלִינַא. דֶער פִירְסְט זָאגְט אַז אִיהְם אַלְס גוּטְסְבֶּעזִיטְצֶער פוּן דֶעם אָרְט קוּמְט דָאס אַלֶעם. אוּנ דִיא בִּירְגֶען שְׁרַייעֶן. אַז נָאךְ זֵייעֶרֶע אוּרֶעלְטֶערֶען הָאבֶּען דֶעם פָּארְט גֶעבְּרוֹיעֶט אוּנ אָן גֶעפִיהְרְט גֶער עֶר זֵיי. אוּנ אִיבֶּער דֶעם מַחֲלוֹקֶת זַיינֶען שׁוֹין פִיל הַייזֶער אִין שְׁטָאט פַאר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוּנ פִיל בְּלוּט פַאר גָאסֶען גֶעוָוארֶען אוּנ וָואס אַ יָאהְר פַאלְט דֶער מִסְחוֹר אַלְץ מֶעהְר אוּנ מֶעהְר. וַוייל אַ סַךְ סוֹחֲרִים וִוילֶען גָאר צוּ דֶעם פָּארְט זֵייעֶרֶע סְחוֹרוֹת נִיט פִיהְרֶען. טיראדא הָאט זֵיי בֶּעצָאהְלְט אֵיינֶע דָאפֶּעלְטֶע פַּאשְׁלִינַא אוּנ דִיא קַאפִּיטַאנֶער הָאבֶּען שׁוֹין צוּ גֶעפִיהְרְט זַיין שִׁיף אִין פָּארְט וַוייטְלִיךְ פוּן דֶער שְׁטָאט אוּנ אַ שְׁטִיל רוּהִיגֶער בּוּכְטֶע. טיראדא הָאט דִיא שִׁיף גֶעלָאזְט אוּנ עֶר מִיט צְוֵויי פוּן זַיין קָאמַאנְדָא זַיינֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין.

טיראדא הָאט אוּיס גֶעשְׁפַּאנְט כִּמְעַט אַלֶע גַאסֶען אִין דֶער אַלְטֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאט. אוּנ הָאט נִיט גֶעפוּנֶען דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעמֵיינְט. עֶר הָאט גֶעזוּכְט טָאמֶער

אין דאָ עפּיס אַ קבוץ פון יודען. אַזוי וויא ער וועהם דאָך אַז דיא שטאָט איז אַ פּאָלקאָמענע פּריישטאַדט פיר זיך אַליין. נאָר ער וועהט ניט קיין שום סמן פון עטוואָס יודישעס! ענדליך איז ער צו געקומען צו אַ גאַנץ שמאָהל געסעל און אין עק געסעל האָט ער בעמערקט עפּיס וויא אַ מין גרויסער ברייטער קאָרידאָר. וואָס פיהרט אַריין אין אַ גאַנצען קוואַרטאַל מיט שמאָהלע ענגע און שמוציגע געסליך. גראָדע ביים עק קאָרידאָר האָט טיראדא בעמערקט עפּיס וויא אַנדערע מינים מענטשען פערשידען פון אַלע שטאָרטישע איינוואָהנער הין מיט דיא געזיכטער וויא מיט קליידונג. דאָס האָט איהם עפּיס וויא האָפנונג געגעבען אויף זיין ווינטש. און ער איז אין דעם קוואַרטאַל אַריין: וויא ער איז נאָר צום ערשטען הויז געקומען האָט ער בעמערקט מזוזות אויף דיא טירען. און אויף דיא ווענד זיינען צו געשלאָגען עפּיס וויא לאַנגע גלאָזערנע פּוטליאַרען. אין וועלכע עס שטעהן אויף געשריבען מיט גרויסע אותיות דיא עשרת הדברות. פאַר שטיינערט איז טיראדא מיט זיינע צוויי קאָמעראַדען געבליבען שטעהען און האָבען נאָר זייערע אייגענע אויגען ניט געגלייבט אַז זיי זעהן אין אַ קריסטליכער שטאָט עפּענטליך אויף דער גאַס דיא הויפּט דאָגמאַ פון דעם פערפאָלגטען אויס געלייכטען שענדליכען יודישען גלויבען? און דיא גלייבער פון דעם רעליגיאָן האָבען גאָר קיין מורא ניט פאַר אינקוויזיציעס פאַר טיינע אַגענטען פאַר דעם פיהרסט און פאָרן פּאָלק! אַ גליקליכע מענטשען. גליקליכע יודען!

טיראדא האָט זיך דער פרעגט צום חכם פון דעם יודישען קוואַרטאַל. און אַריין קומענדיג אין שטוב אַריין איז ער ערשטוינט געוואָרען קוקענדיג אויפען חכם. גענוג האָט ער זיך געוואונדערט אין גאַס זעהענדיג פאַר זיך שוואַרצע איינגעבויגענע דאַרע פיגורען מיט מרה שחורה'דיגע פּנים'ער. און אין לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטקעס מיט לאַפּענמיטצליך. וועלכעס ער האָט נאָך אויף זיין לעבען אַ זעלכעס ניט געזעהן! גענוג האָט איהם פאַר קלעמט ביי זיין האַרץ. אַז ער האָט באַרעכענט. אָ דאָס זיינען דיא פרייע. עפּענטליך רעליגיאָזע יודען! אָ דאָס זיינען דיא אומגליקליכע מענטשען אויף דער וועלט. וואָס פאַר זייער מאָראַל פאַר זייער אידעע האָבען זיי באַצאָהלט מיט זייער גאַנצען בלוט און פלייש. און זיינען גאָר ניט פאָהאָזשע אויף קיין לעבעדיגען מענטשען. נאָר דער זעהענדיג דעם חכם ר' אורי אַ קליין שוואַרץ אויס געדעיוועט איינגעהויקערט יודעל מיט אַ קליין פינסטער וויסט פּניה'ל אין אַ לאַנגען שוואַרצען קאַפּטען מיט אַ ברייטען שוואַרצען גאַרטעל און אַ גרויס מיטצעל אויפען קליינעם קאָפּ אַזוי אַז מען האָט דיא פיגורע גיכער גיקענט אָן רופען לעבעדיגער מת איידער געשטאָרבענער מענטש. איז ער פּשוט פאַר שטיינערט געוואָרען פון האַרץ ווייטיג און מיטלייד. נאָר אַז ער האָט בעמערקט אין דעם קליינעם פאַר פינסטערטען פּנים'ל צוויי פייער בליצענדע אויגען. וואָס שטראַהלען פון זיך. חכמה: ענוות. סבלנות: יושר. מענשענליבע און יראת שמים איז איהם לעבטיג געוואָרען אין זיינע אויגען. און נאָך אַ הייסען שלום עליכם האָט איהם טיראדא אויס דער צעהלט זיין גאַנץ ביטער האַרץ פון געבוירען ביז דער לעצטער מינוט.

ר' אורי האָט אַלעס מיט פלייס אויס געהערט געשוויגען געשאָקעלט מיטען קאָפּ און גאָר צו לעצט האָט ער מיט אַ זיסער קלינגענדיגער שטימע טיראדא'ן אַ פרעג געטוהן. און וואָס ווישע פערלאַנגסטו דאָ מיין קינד.

איך מיין פיליייכט איז אָנגעצייכענט פון גאָט אַז מיר זאָלען זיך דאָ מיט אייך צו זאַמען קאָנען פעראייניגען און עפּענטליכע יודען ווערען.

ר' אורי האָט שמערצליך געשאָקעלט מיטען קאָפּ. און מיט אַ מיטליידישען

מאהן געזאגט. אויב דאס איז נאר אן געצייכענט פון דעם אלמעכטיגען גאט. וועט דאך געוויס אזוי זיין. נאר לויט איך זעה ארויס האסטו מיין קינד אגרויסען טעות. דוא מיינסט דא צו געפונען דאס מקום מנוחה פאר דיינע. צו אלעם איינס פאר מיינע אונגליקליכע ברודער אין שפאניען. דוא דיינקסט אז דא וואוינען מיר שוין אודאי ווער ווייסט פון ווען אן! הא? א מיין קינד פון אונזערע אוס געקומענע עלטערען אויף קדוש השם. איז שוין גאר קיין רעדע ניט נאר מיר אליין וויא דוא זעהסט אונז דא מיר אליין האבען שוין אסך אסך עמיגראציעס געמאכט אין אונזער קורצען לעבען ביז מיר זיינען אהער געקומען. ניסט דא אונ ניט פאר הונדערטער מיילען פון דאנען זיינען מיר געבוירען אליין. פון אונזער וויגעלע אן האט מען אונז געטריבען פאר פאלגט פון לאנד צו לאנד. פון שטאט צו שטאט אונ פון שטוב צו שטוב. אונזער פאר מעגען בערויבט אונזערע קערפער מארשירט אונ אונזער גייסט געדריקט ביז מיר זיינען ניט לאנג פאר ווארפען געווארען א הער. אונ וויא לאנג מיר וועלען דא עקסיסטירען דאס ווייסט נאר איין גאט אין הימעל. דער וואיל ביז דיא היגע איינוואהנער קריגען צווישען זיך. פאר געסען זיי אביסעל אין אונז אונ מיר קומען נאר אפ דער וואיל מיטען לעצטען בלוטיג פערהארעוועטען גראשען וואס רייסען אויס ביי אונז. נאר קאם וועלען זיי שלום ווערען אזוי איז אונזער לעבען ווידער אין גרעסטען געפאהר. ובפרט אז דיא היגע בלוט זויגער וועלען נאך דער זעהען ביי זיך פיינע רייכע לייט וויא דוא זאגסט. וועלען זיי טאקע באלד זיך ווארפען אויף אייך וויא הינגעריגע וועלף. אונ וועלען דיא נפשות צו זאמען מיט דיא פאר מעגענס צו רייסען אין איין שיינעם טאג. היינט ווער שמיכט אז מיר וועלען נאך וואגען אייך כלה זיין וויא דוא מיין קינד פערלאנגסט. א דא געהען מיר אלע געוויס א קרבן דעם ערגסטען טויט.

פינסטער אונ וויסט איז טיראדא'ן געווארען אין אלע אברים הערענדיג אזעלכע ביטערע אמת'ע ווערטער פון ר' אורין. אונ מיט א טיפען ביטערען זיפצען האט ער געזאגט. גוואלד וואס האבען מיר אזעלכעם פערזינדיגט. וואס מיר מוזען ערגער זיין פונם קלענקסטען צו טרייטען ווארמעל אויף דער וועלט. אמת דער אייפער צו מיין גלויבען דאס רחמנות צו מיין פאלק אונ דיא האפנונג צום אלמעכטיגען גאט האלטען אונז אויף אויף דער פאלשער פאנאטישע טיראנישער וועלט. אבער מיר זיינען דאך פארט ניט מעהר וויא לעבעדיגע מענטשען. ער איז דאך פארט אונ איבער מעגליך דאס גאנצע לעבען נע ונד זיין אונ דער צו נאך פאר פאלגט אונ געיאגט אויף יעדען שפאן. נוא אונ אז איך האב שוין יא קאם דער לעבט צו געפונען מיינע ברודער. אונ וויל זיך צו זיי צו שלאגען. ווארפען זיי זיך אויף מיט אונז.

אויף דיא ווערטער האט דער אלטער ר' אורי א שמערצליכען טיפען זיפצן געטוהן האט אן געהאפט טיראדא'ן ביי דער האנד. אונ האט מיט פייער געזאגט וועה איז מיר אויף דיין בראך אונ נאך מעהר וועה. וואס איך קאן דיר ניט העלפען. פאר שטעה מיין ליב קינד אז גאט האט מיר יא אויף מיין עלטער באשערט אזא ערהאבענע הייליגע מצוה וויא א גאנצע געקיינדע צו ברענגען בבריתו של אברהם אבינו. אונ איך מוז דאס אוועק שטיפען מיט דיא האנד. וויא וועה אונ ווינד מיר איז אונ דאך טראג איך איבער מיינע טויטליכע שמערצען אונ בין אלעם מקבל באהבה. רבן מיין קינד לייד אויך טראג אלעם איבער מיט דער ריזען קראפט פון יודישען סכנות. אונ האף צום לעבעדיגען גאט. אז סוף כל סוף וועט ער רחמנות האבען אויף אייך אויך. אונ וועט אייך אן ווייזען דאס ערשטע מקום מנוחה. אונ דאן שיק נאך מיר מיין קינד עס מעג זיין אין עק וועלט. וועל איך ניט שוינענדיג מיין טיפע עלטער מיין שוואכהייט

אונ מיין ארמקייט . פליהען צו אייך מיט מיין זוהן ר' אהרן מיר וועלען אייך מכנים זיין בבריתו של אברהם אבינו אונ מיר וועלען אייך מוסר זיין איין עווינע נחלה אונ איין עווינען נאמען צווישען אלע יודען .

טיראדא איז מיט נייער פרישער האפנונג אוועק פון ר' אורי'ן צו זיין שיף . אונ אזוי וויא ער האט בעמערקט אז זיין שיף פאדערט א קאפיטאלנע רעפעראציא . פון דעם גרויסען שטורם האט ער זיך בעשלאסען צו לאזען דא אין פארט זיין שיף מיט אלע פאסאזשירען . אונ ער מיט איינינע גוטע ברודער זיינען אוועק קיין נידערלאנד זוכען א מקום מנוחה פאר אלע .

## 18 .

# דיא 2 גוטע ברודער

פון דער צייט אן וואס טיראדא האט פערלאזט נידערלאנד ביז יעצט איז אסך וואסערען איבער געלאפען . דאס שיינע געבענטשטע לאנד איז געווארען א פאלקאמענע יאטקע פון מענשען פלייש . אלע אפענע שטעט אונ דערפער זיינען בעפעסטיגט געווארען אונ אלע איינוואהנער זיינען געווארען סאלדאטען אלבו האט אין דער צייט חרוב ונחרב געמאכט שטעט אונ דערפער . נאר דיא נידערלענדער האבען קיין מוטה ניט פערלוירען אונ האבען זיך געשלאגען ביז אין לעצטען טראפען בלוט . אלבו'ן האט דער וייל פהיליפ אפ גערוהפען אונ אויף זיין ארט איז געקומען דער פרינץ פון פארמא . אלעקסאנדער פארנעזע . אויך ניט וייט געריקט אין תאראקטער פון אלבון . פארנעזע האט אויף געטוהן אזא היטרע פארטעל . ער האט אן געמאכט א אינטריגע צווישען דיא זיד . נידערלאנדער (קאטאליקען) מיט דיא נארד נידערלענדער (פראטעסטאנטען .) אזוי לאנג ביז דיא זידר־נידערלאנדער האבען זיך אלע אונטער געגעבען דער שפאנישער מאכט . אונ פון מיט גלידער זיינען זיי אויך געגנער געווארען דיא פראטעסטאנטען . נאר דאס האט נאך ערגער געמאכט פהיליפען . ווארען נאך דעם היטרע אויפטיא האבען זיך אלע נארד נידערלאנדער טריי געבינדען וויא איין גוף מיט איין נשמה . אינטער דעם פלאג פון אראניער פרינץ . אונ האבען פאר עפענטליכט אין גאנץ איירארפא . אז אוים פהיליפ אין גאנץ נארד נידער לאנד ! אונ זיי זיינען פון עפענטליכע רעוואליוציאנערען געווארען א מאבליזירטע פאליטישע רעגעלמאסיגע ארמע אזוי וויא א פאלקאמען קעניגרייך .

אונטער אלע טרייע איבער געבענע אגענטען אין נארד נידערלאנד האט טיראדא געהאט איינעם אין דער שטאט ליער ביים טאך נייטהע . א הייסער נידערלאנדישער פאטריאט אונ אליין א וועבער . דיא שטאט ליער איז גוט בעפעסטיגט געוועהן אונ וייל זיא איז זעהער וייט אפ געריקט געוועהן פון דיא קריגס פונקטע . איז זיא נאך ביז אהער ניט געריהרט געווארען . אונ דארט האבען זיך שטענדיג איבער געווארפען אלע נידערלענדישע שפיאנען . וואס פלעגען שפירען אין דער שפאנישער ארמע .

צו דעם וועבער אין ליער האט זיך טיראדא בעת זיין אוועק פאהרען פון עמדין געווענדעט מיט א בריף אין וועלכער ער האט איהם געבעטען ער זאל איהם בעריכטען פון יעצטיגען נידערלאנדישען פאליטישען צו שטאנד . אונ אין איינינע טאג האט

טיראדא אַנְטְוָוארְט בֶּעקוּמֶען. אַז עֶר זָאל אוֹיגֶענְבְּלִיקְלִיךְ קוּמֶען קֵיין זִיער וָוארֶע אַמֶענְטְשׁ עֶרְוַוארְטֶעט אִיהְם מִיט אוּנְגֶעדוּלְד. וָואס הָאט אִיהְם אִיבֶּער צוּ גֶעבֶּען וִויכְטִיגֶע נַייעֶסֶען. מָאמֶענְטַאל אִיז טיראדא אַוֶועק קֵיין ליער. אוּנ אִין כְּסְדָר׳דִיגֶער נַאכְט אִיז עֶר אָן גֶעקוּמֶען צוּ זַיין פְרַיינְד עֶס הֵייסְט צוּם וֶועבֶּער. בַּאלְד הָאט אִיהְם דֶער וֶועבֶּער אִין קוּרְצֶען אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען אַז צוּרִיק מִיט אֵיינִיגֶע טַאג אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אַ מֶענְטְשׁ מִיט רֶעקָאמֶענְדַאצִיָאנְס בְּרִיף פוּן דִיא בְּרִיוּסֶעלֶער אוּנ מֶעכְלֶענֶער מַיינֶע אַגֶענְטֶען. אַז עֶר אִיז פוּן אוּנְזֶערֶע בְּרוּדֶער. הָאט עֶר אִיהְם צוּ גֶענוּמֶען אִין זַיין הוֹיז אוּנ עֶר עֶרְוַוארְטֶעט טיראדאן.

וִויא טיראדא אִיז אַרַיין צוּם אוֹרֵחַ אִין צִימֶער אַרַיין. אִיז אִיהְם דֶער אוֹרֵחַ וִויא אַ פַייל אַקֶעגֶען גֶעלָאפֶען מִיט אַ וִוילְד אוֹיס גֶעשְׁרֵיי. שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם בְּרוּדֶער יאקאוו! אִיךְ דַאנְק דִיר וָואס בִּיסְט גִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר. אָ יאקאוו אָהְן דִיר אִיז מַיין לֶעבֶּען קֵיין לֶעבֶּען נִיט. יאקאוו הָאט גֶעזֶעהֶען פַאר זִיךְ אַ לַאנְגֶען אוֹיס גֶעדַארְטֶען יוּנְגֶען אַלְטֶען מַאהְן דִיא בַּאקֶען אוּנ דִיא אוֹיגֶען אַיין גֶעפַאלֶען. אוּנ דֶער גַאנְצֶער קֶערְפֶּער אִיז וִויא אַיין אַנְגֶעבּוֹיגֶענֶער שְׁטֶעקֶען. אַ צַייטֶעל הָאט אוֹיף אִיהְם טיראדא גֶעקוּקְט מִיט פֶערְוִוינְדֶערוּנְג. עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר אִיהְם דֶער קֶענְט אוּנ הָאט מִיט שְׁרֶעק אַ גֶעשְׁרֵייא גֶעטוּהְן וֶועהְמֶען זֶעה אִיךְ אלפאנס בְּרוּדֶער וָואס אִיז דִיר אַזוֹינְס גֶעוָואהְרֶען.

אלפאנס הָאט אִיהְם אִין קוּרְצֶען דֶער צֶעהְלְט זַיין קְלֵיינֶע בִּיאָגְרַאפִיָא. פוּן זַייט זֵיי הָאבֶּען זִיךְ צוּ שֵׁיידְט אִין בְּרִיוּסֶעל. וִויא אַזוֹי תֵּיכֶף נָאךְ טיראדא׳ס אַפְּשִׁיד הָאט אִין אִיהְם אָן גֶעהוֹיבֶּען אַפַייער בְּרֶענֶען צוּ זַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶען פָאלְק. אוּנ עֶר הָאט אוֹיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען שְׁטְרֶעבֶּען עֶפִּיס צוּ טוּהְן. צוּ אַרְבֵּייטֶען אוּנ נוּטְצֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם אַרְגֶעמֵיינֶעם הֵיילִיגֶען צְוֶועק. דָאס הָאט אִיהְם בֶּעוֶועגְט עֶר זָאל אָן הֵייבֶּען פַאלְשֶׁען אִין זַיין שְׁטֶעטֶע בַּיי ווערגא׳ן מַאכֶען פֶערְשִׁידֶענֶע פָּאדְרָאגֶען אִין דֶער קַאנְצֶעלְיַארְיָא. אוּם צוּ שְׁטֶערֶען אלבּ׳ז׳ס פְּלֶאנֶער אוּנ עֶרְוֶועקֶען אַ שִׂנְאָה אוֹיף שְׁפַּאנְיֶען. אַ כְּלַל עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערֶען חָאטְשׁ אֵיינְלִיךְ אוֹיף טיראדא׳ן. נָאר מִיט דֶער צַייט הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעזֶעהֶען זַיין אוּנ פֶעיִגְקֵייט צוּ אַזַא הוֹיכֶער מִיסְסִיָא. אוּנ אַז מִיט אַלֶע זַיינֶע פַארְשֶׁקֵייטֶען גֶעגֶען ווערגא׳ן. הָאט עֶר נָאךְ אַ סַךְ מֶעהְר אוּנְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט דִיא פֶערְפָאלְגְטֶע אוּנ מֶעהְר פַאר רֶעכְט דֶעם שֶׁקֶר דֶעם טִירַאנִיזְם! אָ דָאס לֹא יִצְלַח׳קֵייט הָאט אִיהְם שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעפָאלְגְט זַיינֶע גֶעוִויסֶען. אוּנ גֶעטָאטְשֶׁעט זַיין הֶערְץ בִּיז עֶר אִיז פוּן דִיא כּוֹחוֹת אַרוֹיס אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַנְגֶעהֶען אַלֶע טָאג. אוּנ דָא הָאט זִיךְ אִיהְם ווערגא אַלְס מֶעהְר אוּנ מֶעהְר פַאר טְרוֹיעֶט מִיט זַיינֶע מֶערְדֶערִישֶׁע פְּלֶאנֶער. אַז דָאס הַארְץ אִיז אִין אִיהְם צוּ שְׁפְּרִינְגֶען גֶעוָוארֶען הֶארֶענְדִיג אוּנ וֵוייסֶענְדִיג אַזֶעלְכֶע בְּלוּטִיגֶע מֶערְדֶערַייֶען. אוּנ נִיט אוּמְשְׁטַאנְד צוּ זַיין מִיט עֶפִּיס צוּ פֶערְהִיטֶען. אוּנ עֶר אִיז אַיין גֶעדַארְט גֶעוָוארֶען אוּנ אוֹיס גֶעצַאנְגְט וִויא אַ לִיכְט בִּיז עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר דֶער טַאפְּט אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט צוּ אַנְטְלוֹיפֶען פוּן ווערגא׳ן אוּנ אִיז גֶעקוּמֶען אַהֶער קֵיין ליער. יֶעצְט הָאט אלפאנס אוֹיס גֶעלָאזְט זַיין סִפּוּר. אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ מַיין טְהַייעֶרֶער יאקאוו דֶער לֶעבְּט צוּ זֶעהֶען מַייג אִיךְ שׁוֹין רוּהִיג שְׁטַארְבֶּען. אוּנ דָאס וֶועט מַיין גַאנְצֶע טְרֵייסְט זַיין וָואס דוּא מַלְאָךְ וֶועכְט מִיר מַיינֶע אוֹיגֶען פֶערְמַאכֶען אוּנ וֶועסְט רָאזֶען עֶטְלִיכֶע הֵייסֶע טְרֶערֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

טיראדא הָאט גֶעטְרֵייסְט זַיין הֶערְצְלִיכֶען אַלְטֶען גוּטֶען בְּרוּדֶער מִיט זֶעהֶער קְלוּגֶע אוּנ טְרַייעֶ רֵייד אַז עֶר זָאל נִיט אַרָאפּ פַאלֶען בַּיי זִיךְ וָוארֶען נִיט אַלֶע זַיינֶען גֶעשַׁאפֶען צוּ פָּאלִיטִישֶׁע אִינְטְרִיגֶעם. אוּנ אַבִּיא דָאס הַארְץ דִיא כַּוָּנָה אִיז גוּט אִיז עֶר שׁוֹין גַאנְץ גֶענִיג יוֹצֵא פַאר גָאט פַאר זַיין פָאלְק אוּנ פַאר זַיינֶע גֶעוִויסֶען. אַיי דוּא בִּיסְט נִיט פֶעיִג צוּ פָּאלִיטִיקָא צוּ נְקָמָה. הָאט אִיהְם יאקאוו גֶעזָאגְט וֶועסְטוּ פֶעיִג זַיין צוּ גֵייסְטִיגֶע אוּנ מָארַאלִישֶׁע רֶעפָארְמֶען אִינֶם יוּדִישֶׁען רֶעלִיגְיָאן אוּנ זִיטְלִיכְקֵייט. אִין דֶעם פַאךְ

טרעטסט דוא ניט אפ דיינע עלטער זיידעס דע הירערא מיט זייערע גאוניִשע קאפף אונ טעהאלאגישער פהילאזאפיא . דיין שארפען פערשטאנד אונ רעליגיאזישע געפיהלע וויים איך אלפאנס ! פאהר ושע אלזא .קיין עמדין צו אונזערע ברידער אויף מיין שיף אונ אז נאט וועט מיר חייזען א גוט ארט פאר אונז וועסטו מיט אלעם קומען אונ וועסט אונז נאך גרויסע הייליגע נוטצען ברענגען . פאהר ברודער אלפאנס נאך היינטיגע נאכט . אונ איך מוז פון דאנען לויפען .קיין פליסינגען צום פרינץ פון אראניען .

.קיין פליסינגען ! האט אלפאנס פלוצים א געשריי געטוהן . וויא איין אפ געבריטער צום פרינץ ? א וויא דום איך בין וויא פאר אינטערעסירט איך בין נאר אין מיינע צרות . אונ האב שיעור פאר געסען דיר איבער צו געבען אזא נייטיגע נאך וויא אין לעבען אריין .

צום פרינץ . איך בין זיך וועגען דעם כמעט געקומען זעהען מיט דיר . טיראדא דער פרינץ איז אין לעבענס געפאהר .

וואס ! האט טיראדא אויסער זיך א ווילדען געשריי געטוהן . דער פרינץ אין לעבענס געפאהר . דער צעהל גיבער אלפאנס וואס דוא ווייסט . ווארען אין זיין לעבען בעהענגט אונזערע אלע לעבענס .

פהיליפ האט איין אפרוף געמאכט אין גאנץ נידערלאנד . האט אלפאנס אנגעהויבען זיין בעריכטע . אז ווער עס וועט טייטען דעם פרינץ פון אראניען שיינקט ער איהם אייביגעס פריי בירגערטהום (פאטאמכטוועגא) מיט 25000 גאלד דוקאטען . אונ ערשט פאר אכט טאגען . זיטצענדיג אין מיין קאנצעליאריא האב איך געהערט וויא אפליסינגער סוחר האנס האנזאהן איז געקומען צו ווערגא'ן אונ האט איהם פאר געלייגט דאס געפאריגקייט צו טוהן דורך אזא פארטעל . ער וועט אונטער דער שטיל אין קירכע וויא דער פרינץ זיטצט תמיד אונטער לייגען א פילווער ראקעט אזוי וויא ער וועט זיך נאר אנידער זעטצען וועט אויף שפרינגען א פלאם פייער אונ ער מיט אלע זיינע לייב מענטשען וועלען מאמענטאלנע צערשמעטערט ווערען אויף פראך . ווערגא האט מיט איהם אפ געשלאסען דעם מערדערישען פלאן אונ האט מיר געהייסען איך זאל איהם שוין געבען טויזענד דוקאטען האנד געלט ; אונ טאקע אויף מארגען בין איך אנטלאפען אהער . אונ האב באלד געשיקט נאך דיר איך זאל דיר דאס איבער געבען .

טויט איז טיראדא געווארען מיט אלע אברים הערענדיג אזא פינסטערע בעריכטע אונ מיט פערצווייפלונג האט ער אויס געשריגען נאך פאר אכט טאגען ! גוואלד אונ מארגען איז דאך זאנטאג . וועט דער פרינץ געוויס זיין אין קירכע אדיע אלפאנס איך האב מעהר .קיין צייט ניט אפילו איין סקונדע . פאהר .קיין עמדין אונ איך וועל אויף אדער פריגער אוספייען אויף מארגען פריא .קיין פליסינגען אדער רעטען דעם פרינץ אדער שטארבען מיט איהם . אדיע . אונ מיט דער מינוט איז שוין טיראדא ניט געוועהען אין צימער .

טיראדא איז אריין געלאפען צום וועבער אונ האט איהם געבעטען הילפע צוא דער זאך . נאר דער וועבער האט אויך געוואלט אחלק אין דער גרויסער טאהט . אונ האט טיראדא'ן אזוי געזאגט . ערשט מארגען עלף אוהר פאנגט אן דאס געבעט אין קירכע .

זיי זיכער טיראדא אז מיר וועלען מיט גאטס הילף הוספייען צו רעטען דעם ענגעל גאטעס . איך לויף מיט דיר טיראדא איך וויים גוט דעם וועג . ווארט אייניגע מינוט . באלד שאף איך צוויי אדלער פערד אויב איינעם פון אונז וועט חלילה איין אונגליק טרעפען וועט דער אנדערער אוספייען . יא ביידע מוזען מיר לויפען .

אויף צוויי פייערינגע פערד זיינען אונזערע צוויי גוטע פריינד ארויס ביי נאכט פון דעם שטאט טויער און אין איין אטהעם זיינען זיי אפ געלאפען איבער בערג און טאהל פיר שטונדען כסדר. ביז זיי זיינען ארום האלבע נאכט געקומען אין א קליין דערפעל. אויפען וועג דארט איז דער וועבער כמעט א טויטער געבליבען ליגען פונם רייטען. און האט אויף קיין פאל ניט געקאנט ווייטער לויפען. נאר ביי זיינעם א בעקאנטען האט ער געדינגען פרישע צוויי פערד. און מיט טיראדא'ן איז איין אנדער יונגער מאן פונם דארף. אויך דעם פרינץ'ס א איבער געבענער געלאפען קיין פליסינגען ביז פאר טאג זיינען זיי געקומען צום דארף טער־נייזע; וואס פון דארט פליסט ביז דער שטאט פליסינגען דער טייך שעלדא. דארט האט יאקאוו אפ געגעבען א קוויטעלע פונם וועבער צו זיינעם א בעקאנטען פישער. און אויגענבליקליך האט איהם דער פישער גענומען מיטען פערד אין זיין שיפעל אריין. און ער אליין מיט זיינע צוויי זוהן האבען זיך גענומען פראווען דאס שיפעל קיין פליסינגען.

דריי פערטעל אויף עלף איז דאס שיפעל געקומען צום פארט פליסינגען. פון ווייטען האט מען געהערט דיא גראקען קלונגען אלע הייזער בעהאנגען מיט פלאגען לכבוד דעם פרינץ. וואס איז געקומען בעזוכען דעם פליסינגער פראט. א האט טיראדא א געשריי געטוהן זעטצענדיג זיך אויפען פערד. נאך איין פירטעל שטונדע און צו דער קירכע איז ווייט! און וויא א פייגעלע איז ער ארויף מיטען פערד אויפען בארג און איז אריין אין שטאט. דיא קירכע איז שוין געוועהן פול דער ארגעל האט געשפילט און דאס געבעט האט שוין אן געפאנגען.

דער פרינץ צווישען צוויי צייכען גוואַרדיע איז מיט זיין סוויטע שוין געקומען אין קירכע אריין. נאך איינינע מינוטען ענדעגט זיך דאס געבעט און עס פאנגט אן דער פרעדיג. דעמאלט וועט זיך דער פרינץ זעטצען אויף דער שיינער פראכטפאלער שטול וואס שטעהט צו געגרייט ביים אלטער פון זיינעט וועגען.

טיראדא האט נאך גוטע עטליכע שפארען געגעבען דעם פערד. און וויא נאר דער פאסטאר האט אן געהויבען ארויף געהען אויף דער בימה און אין קירכע איז געווארען שטיל אין איטליכען ווינקעלע. הערט מען פלוצים א שטארקען טאפאט פון א פערד. דער גאנצער עולם האט זיך אומגעקוקט. טיראדא איז פלינק אראפ פונם פערד. און צווישען דער גוואַרדיא איז ער פייל אויסען בויגען אריין אין קירכע אריין און אין דער סקונדע וויא דער פרינץ האט זיך שוין געוואלט זעטצען אין שטול. איז טיראדא מיט אויס געשטרעקטע הענד צו געלאפען צו איהם. האט איהם אן געהאפט ביים מאנדיר און מיט א ווילד קול האט ער א געשריי געטוהן ארויס פרינץ פון דאנען א ראקעט ליגט אונטער דיין שטול. ארויס וואָרען נאך איין סקונדע ביסטו טויט. און אזוי האט ער דעם פרינץ אויף דיא האנד ארויס געטראגען פון דער קירכע! ערשט אין דרויסען האט זיך דער טייטליך ערשראקענער פרינץ ארום געקוקט. וואס טוהט זיך עס דא מיט איהם. און טיראדא האט איהם א זאג געטוהן. אייער טיראדא קוקט אייך גוט צוא. איך בין אזוי פערשטויבט פונם וועג. דער פרינץ איז איהם אפען האלז געפאלען. און האט א געשריי געטוהן. טיראדא ביי דיר איז מיין לעבען. ביי דיא ווערטער האט זיך דיא שטול אן געהאפט. איבער דעם ערד טרייטיניש פונם פאלק וואס יעדער האט געוואלט פריהר ארויס. און אין צוויי מינוט איז דיא גאנצע קירכע געוועהן אין פלאם פייער און הונדערטער פערזאהן זיינען נהרג געווארען און אויף קויל פאר ברענט געווארען.

טיראדא האט אין קורצען איבער געגעבען דעם פרינץ דיא גאנצע געשיכטע

און ווי ער האָט זײַנס אָפּ געענדעט איז ער פון מידקייט אנידער געפאַלן במעט אַטויטער צו דער ערד. באַלד האָט מען איהם אַוועק געטראָגן אין איינעם פונם פּרינץ'ס צימערען און דעם פּרינץ האָט די גאַנצע שטאָט געפּיהרט מיט אַ פּאַראַד אַ היים און געשריגען עס לעבע וואַהל דער פּרינץ עס לעבע וואַהל זיין רעטער.

דעם פּאַר ברעכער הענגען מיט אַלע זיינע מיט גלידער. די קאַטאָלישע גייסטליכע האָט מען דעם טאָג פאַר משפּט צום טויט. און דער פּרינץ איז געגאַנגען בעזוכען טיראַדאַ'ן.

# 19.

# אַ מקום מנוחה

אויף מאָרגען פריא האָט דער פּרינץ געשיקט בעטען טיראַדאַ'ן צו זיך און ווי טיראַדאַ איז אויף דער טיר געקומען. איז איהם דער פּרינץ אַקעגען געלאָפען מיט אויס געשפּרייטע הענד. און מיט אויגען פול ליבע און פרייד האָט ער איהם געזאָגט עס גיבט קיין שפּראַכע אין דער וועלט מיט וועלכער איך קאָן דיר אָפּ דאַנקען פאַר דיין גרויסען חסד מיט מיר. רייך וויסטו דאָך בין איך אויך ניט אויף אַזוי פיל ווי פיל דו ביסט ווערט. נאָר איך ווייס אַז ניט קיין דאַנק און ניט קיין לוין זיכסטו! דו ווייסט גלייך מיט מיר דעם הייליגע צוועק דער צוועק פון אמת און יושר.

מיט אַ פלאַטערענד האַרץ פון שמחה האָט טיראַדאַ איהם געזאָגט גענוג פּרינץ מעהר פון די הייליגע ווערטער גיבט עס קיין גרעסערען לוין ניט אין דער גאַנצער וועלט. דער פּרינץ האָט איהם געבעטען זיטצען און זאָל איהם אויס דער צעהלען אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט זיין לעצטער אַבשיד פון איהם. טיראַדאַ האָט איהם אַלעס דער צעהלט פון אַלף ביז תיו. און ווי ער האָט זיין ספּור אויס געלאָזט האָט איהם דער פּרינץ געזאָגט. אַסך טיראַדאַ האָסטו געטוהן צום הייליגען צוועק. און כל זמן מיר וועלען ניט אויס וואָרצלען אַפּוס פון שפּאַניען אין אונזער לאַנד. כל זמן דער אמת און יושר וועט ניט געמען זיין איבער מאַכט איבער דעם דעספּאָטישער רעגירונג. האָבען ניט מיר ניט איהר צו האָפען אויף עטוואָס גוטעס. אמת דאָס נידערלאַנדער פאָלק האָט שוין עטוואָס פאַר זוכט פונם ליכט דער ציוויליזאַציאַ. נאָר מיר מוזען אָבער ערדרייכען דעם ציעל ביז לעצט. און דערמאַלט וועלען זיי ערשט פעהיג זיין צו דער אמת'ר פרייהייט און הומאַניטעט! (מענשענליבע). לכן מיין ליבער טיראַדאַ זאָג מיר די וואַהרהייט. ביסטו נאָך געזאָנען צו אַרבייטען מיט אונז פיר דעם אַלגעמיינעם צוועק.

מיט לייב און זעלע ביז מיין לעצטען אויגענבליק האָט טיראַדאַ געאַנטוואָרט.

אַלזאָ האָט דער פּרינץ מיט געפיהלע געזאָגט הער אויס מיינע רייד טיראַדאַ פון זייט דו ביסט פון אונז אַוועק. האָט אונזער לאַגע גאָר איין אַנדער פאָרמאַ בעקומען. די נאָרד נידערלענדער די פּראָטעסטאַנטען האָבען זיך לגמרי אָפּ געשיידט פון די זיד נידערלאַנדער די קאַטאָליקען. און האָבען אַלע אין אוטרעך אַ פאַרידען בונד געשלאָסען מען זאָל אַלע ווי איין מענטש שטרייטען געגען פיליפען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט. ביז מען זאָל זיין יאָך פּאָלקאָמען אַראָפּ וואַרפען פון

זיך. און מיך קריינען אלס מושל איבער זיי. און אזוי וויא אין דיא נארד נידערלאנדישע שטעדט געפונען זיך דאך א סך קאטאליקען אויך. האב איך געפונען פאר נייטיג איין צו שרייבען אין דעם אומרעך'ר טראקטאט אז אלע זיינען מיר מסכים צו געבען גלייכע רעכטע און פרייהייט אין גאנץ נידערלאנד. דיא קאטאליקען וויא דיא פראטעסטאנטען. און דעם פונקט האב איך פובליקירט אין גאנצען לאנד. וואס נאך? איך האב נאך אריין געריקט א פונקטעל. אז יעדער שטאט מאגיסטראט האט דאס רעכט אויף צו נעמען אין זיין שטאט געמיינדען פון אלערליי גלויבענס און רעליגיעס. און זיי אפ צו געבען ביי זיך אפריי בירגערטהום ע"פ תוקי המדינה. דאס טיראדא האב איך געמיינט דיך מיט דיינע ברודער. און מיין הארץ זאגט מיר אז נאר אין א קורצער צייט. וועט נידערלאנדער פאלק עפענען דיא אויגען. און וועלען איין מודה זיין אז נאר טאלעראנץ קאן בעגליקען דאס לאנד! יעצט ליבער טיראדא. האר מיין עצה. דיא שטאט אמסטערדאם איז נאך ניט געקומען מיט אונז אין פערבונד. ווייל דער דארטיגער מאגיסטראט און פילע פון דער אריסטאקראטיא זיינען קאטאליקען. זיי האבען גענומען דאס פעסטונג מיטען מעליטער אין דיא האנד אריין און שטעלען זיך פאר געגנער געגען אונז. וועגען דעם האבען אלע נידער לאנדישע פירסטען אבונד געמאכט צווישען זיך. מען זאל פיהרען מלחמה געגען אמסטערדאם. און מיך האבען זיי אויס געקליבען פאר פעלד מארשאל. נאר איך זעה ארויס אז מיט בייזען וועט מען מיט זיי געווים גאר ניט מאכען. ווארען קאם וועלען מיר אנהייבען ראנירען דיא שטאט. וועלען מיר אפילו דיא פראטעסטאנטען פון דארט אויך אן רייצען אויף זיך. און דאן איז פערלוירען אין גאנצען. לכן איז מיר איינגעפאלען איין עצה וועלכע נאר דורך אזא טרייען. העלדעשען; קלוגען מאהן. וויא דו קאן זיא אויס געפיהרט ווערען ניט אנדערש.

זאגט פרינץ אייער קלוגע עצה. איך בין מיט אלעם פערטיג אויס צו פאלגען אייער פלאן.

מיין עצה איז אזוי; האט דער פרינץ געזאגט אין אמסטערדאם האב איך א פריינד אהערען בירגער און איין זעהער קלוגער מאהן. ער הייסט בארדעס. ער האט פיינט דיא קאטאלישע אדמיניסטראציא אין אמסטערדאם בתכלית השנאה. און דיכט אלץ וויא אזוי פטור צו ווערען פון איהר. צו איהם זאלסטו זיך ווענדען אים מיינע-נאמען. דעם גאנצען וועג קיין אמסטערדאם וועלען דיך מיינע זעלנער היטען. און קומענדיג צו בארדעס זאלסטו איהם תחילת פאר לייגען ער זאל אונטער שרייבען דעם אומרעך'ר טראקטאט מיט אלע פונקטען. און אז ער וועט דאס טוהן וועסטו איהם דער נאך איבער געבען. אז אזוי וויא גאנץ נידערלאנדישע ארמע געהען אויף אמסטערדאם איז מיין עצה אז ער זאל צו זאמען נעמען בסוד אלע זיינע גוטע פריינד בעקאנטע און וואס האבען דרך ארץ פאר אים. און זאל זיי מאבילוזירען און האלטען גרייט צו דעם טאג; וואס מען וועט אנפאלען אויף אמסטערדאם. און אז דער טאג וועט קומען זאל ער ניט ארויס געהען אקיגען דער ארמע. זאנדערען ער זאל זיין מעליטער שטעלען אין שטאט און ביים פעסטונג קאמערשט וויא ער וויל דיא שטאט פערהיטען פונם שונא. און ער זאל ווארטען ביז דיא אדמיניסטראציא וועט מיטען שטאט מעליטער ארויס געגען פיינד. און קאם וועלען זיי פון דער פעסטונג ארויס זאל ער מיט זיינע אנהענגער אן פאלען אויפען מאגיסטראט. זאל צו טרייבען דיא טשלינעס און זאל זעהען אז זיין פארטיא זאל באלד איהם מיט זיינע פרמנדע. אויף נעמען פאר נייע טשליענעס אין מאגיסטראט. און וויא דאס וועט נאר געשעהן. (און עס וועט

גְעוִיס גֶעשֶׁעהֶן. בארדעס פַאר שְׁטֶעהְט וִויא אַזוֹי אַ זַאךְ צוּ פִידְרֶען.) זָאל זַיין מֶעדִישֶער בַּאלְד פַאר. הַאפֶּען דֶעם הֶרְסִינַאל אוּנ זָאל צוּ נֵייטֶען אַלֶע אַלְטֶע טְשְׁלִיֶענֶעס אוּנ דִיא שְׁטָאדְטִישֶׁע גַארְנִיזָאן סָאלְדַאטֶען זֵיי זָאלֶען שְׁוֶוערֶען אוֹיף דִיא נַייֶע טְשְׁלִיֶענֶעס. אוּנ אַזוֹי וֶועט דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט זַיין בַּיי בֶּערְדֶעסֶען אִין דִיא הַאנְד. אוּנ דָאס זָאג בָּארְדֶעסֶען אַז גֶעלְט אוּנ מִיטֶעל פוּן דֶער אָפֶּערַאצְיֶע וֶועגֶען גִיבּ אִיךְ וִויפִיל מֶען וֶועט נָאר דַארְפֶען יָא טִירַאדא. בְּעֵת זַיין אוּנְטֶער שְׁרַייבֶּען דֶעם טְרַאקְטַאט וֶועסְטוּ אִיהְם אָבֶּערְפְלַאכְלִיךְ אוֹיף מֶערְקְזַאם מַאכֶען אוֹיפֶען לֶעצְטֶען פוּנְקְט אוֹיךְ אִיךְ כֵּיין וֶועגֶען אַייךְ. דִיר טִירַאדא וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַלֶע טָאג שִׁיקֶען דוּרְךְ דִיא מֶעלִיטֶער אֶלְטְסְטֶע בֶּערִיכְטֶע. וֶועגֶען דֶעם לַאגֶער שְׁטַאנְד אוּנ דֶעם פְּלַאן פוּן זֵייעֶר אָנְפַאלֶען אוּנ פוּן זֵייעֶר מַארְשְׁרוּט אוּנ פָּאזִיצְיֶעס בִּכְדֵי לוֹיט דַיין אָפּ רֶעדֶען מִיט בָּארְדֶעסֶען. זָאלְסְטוּ. וִויסֶען וִויא אַזוֹי מִיט מַיין אַרְמִיֶע צוּרוּדֶעוֶוען. אוּנ קָאם פַאלְט אַרַיין אמסטערדאם צוּ אוּנְז דאן טִירַאדא בֶּעקוּמְט אִיהְר גֶעוִויס אַ פְרַייא בִּירְגֶערְטְהוּם טַאקֶע אִין אמסטערדאם.

גֶעבֶּענְטְשׁ זַייט צוּ גָאט גְנֶעדִיגֶער פְּרִינְץ! הָאט טִירַאדא אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען. אִיךְ בִּין פֶערְטִיג צוּ אַייעֶר בֶּעפֶעהְל מִיט לַייבּ אוּנ זֶעלֶע! אוּנ גָאט וֶועט מִיר גֶעוִויס צוּא הִילְפֶע זַיין אַלֶעס זָאל אוֹיס גֶעפִיהְרְט וֶוערֶען אוֹיפֶען הֶעכְסְטֶען אוֹפֶן!

דֶער פְּרִינְץ הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען פֶערְשִׁידֶענֶע בְּרִיף. זֵיי הָאבֶּען זִיךְ לִיבְּלִיךְ גֶעזֶעגֶענְט אוּנ צוּ קוּשְׁט אוּנ טִירַאדא אִיז אַרוֹיס פוּנֶם פְּרִינְץ. אִין אֵיינִיגֶע טֶעג זֶעהֶען מִיר שׁוֹין טִירַאדא'ן בַּיי בָּארְדֶעסֶען אִין קַאבִּינֶעט. טִירַאדא הָאט אִיהְם זֶעהֶער לָאגִישׁ אוּנ קְלוּג פָאר גֶעלֵייגְט דֶעם פְּרִינְץ'ס פָארְשְׁלַאג אוּנ בארדעס הָאט מִיט פְרֵיידֶען אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבֶּען דֶעם טְרַאקְטַאט אוּנ הָאט נָאךְ בִּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז דֶער לֶעצְטֶער פוּנְקְט. וָואס שְׁטִימְט וֶועגֶען אַלֶערְלֵיי גְלוֹיבֶּענְס אוּנ רֶעלִיגְיֶעס גֶעפֶעלְט אִיהְם נָאךְ בֶּעסֶער פוּנֶם עֶרְשְׁטֶען וָוארֶען עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אַוֶועק צוּ וַוארְפֶען רֶעלִיגְיָאנְס הַאס אוּנ זִיךְ אוֹיס צוּ שְׁפַּאנֶען פוּן דֶעם פַאנַאטִישׁ טִירַאנִישֶׁען קַאטָאלִישֶׁען יָאךְ. וָואס מַאכֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ דָאס לַאנְד בִּכְלַל אוּנ דִיא שְׁטָאט אמסטערדאם בִּפְרַט. וִויא בארדעס מִיט זַיינֶע אַלֶע גוּטֶע פְרַיינְד הָאבֶּען שׁוֹין דֶעם טְרַאקְטַאט אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבֶּען הָאט אִיהְם טִירַאדא עֶנְטְדֶעקְט דֶעם גַאנְצֶען קְרִיגְס פְלַאן פוּנֶם פְּרִינְץ אוּנ אַז עֶר אַלֵיין וֶועט אִיהְם בְּרֶענְגֶען אַלֶערְאַרְט וַואפֶען קֵיין אמסטערדאם אוּנ וֶועט אִיהְם נָאךְ אוֹיס לַייעֶן גֶעלְט וִויפִיל מֶען בְּרוֹיכְט נָאר דֶער צוּ. בארדעס פוּן גְרוֹיס שִׂנְאָה צוּ דִיא קַאטָאלִיקֶען אוּנ פוּן גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ רֶעגִיעֶרֶען אִין שְׁטָאט אִיז אוֹיסֶער זִיךְ גֶעוָוארֶען פוּן פְרֵיידֶע. אוּנ חַאפֶּענְדִיג טִירַאדא'ן בַּיי דֶער הַאנְד הָאט עֶר אִיהְם מִיט פַייעֶרִיגֶע גֶעפִיהְלֶע גֶעזָאגְט. טִירַאדא דוּא בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגֶער עֶהְרֶען מַאן אוּנ הֶעלְדֶעשִׁיר חַארַאקְטֶער! דוּא וֶועסְט בֶּעפְרַייעֶן אמסטערדאם פוּן אִיהְר טִירַאנִישֶׁען קַאטָאלִישֶׁען יָאךְ! אֵיין עֶווִיגֶע בּוּנְד שְׁלִיס אִיךְ מִיט דִיר אוּנ מִיט אַלֶע דַיינֶע בְּרוּדֶער אוֹיף פְרַייא בִּירְגֶערְטְהוּם בַּיי אוּנְז אִין אמסטערדאם אוּנ דִיא בּוּנְד בְּלַייבְּט הֵיילִיג אוֹיף דוֹר דוֹרוֹת.

טִירַאדא הָאט בַּאלְד אִין אַמְסְטֶערְדַאמֶער בַּאנְק גֶענוּמֶען גֶעלְט אוֹיף גאספארס וֶועקְסְלֶען. קֵיין עֶמְדִין הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַז אַלֶע זַיינֶע טַאפְּפֶערֶע גוּטֶע בְּרוּדֶער זָאלֶען אֵיינְצִיגְוַויס קוּמֶען בְּסוֹד קֵיין אמסטערדאם. אוֹיסֶער אלפאנס מִיט עֶטְלִיכֶע פַּאסַאזְשִׁירֶען אוּנ עֶר אַלֵיין אִיז אַוֶועק אִין אַמְסְטֶערְדַאמֶער אַקְרוּג. הָאט בְּסוֹד אָן גֶעקוֹיפְט אַלֶערְלֵיי גֶעוֶועהְר אוּנ אַמַאנִיצְיֶע אוּנ מִיט פִישֶׁער שִׁיפְלֶעךְ הָאט עֶר עֶס בַּאנַאכְט אַרַיין גֶעפִיהְרְט

שְׁטָאט אַרַיין. אוּנ צוּם פִיר אוּנ צְוָאַנְצִיגְסְטָען נָאווֶעמְבֶּער אִיז בּארדעס מֶעלִיטֶער בִּילִיזִירְט גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט. אוּנ אַלֶעס אִיז אָפּ גֶעאַרְבֵּייט גֶעוועֶן עַל צַד הַיוֹתֵר. אוּנ בּארדעס מִיט אַלֶע עֶהְרֶען בִּירְגֶער הָאבֶּען אִיהְם אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבֶּען אַקְּטֶמֶענְט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער סוּמְּמָא. וָואס עֶר הָאט אוּיס גֶעגֶעבֶּען בִּתְנַאי אַז קָאם ט דֶער פְלַאג אוּיס גֶעפִיהְרְט וֶוערֶען. דַארְף אִיהְם בַּאלְד דִיא שְׁטָאט אָפּ צָאהְלֶען א אוּנְגֶעאַדְרֶע סוּמְּמָא.

דֶעם פִיר אוּנ צְוָואנְצִיגְסְטֶען אִיז דֶער גֶענֶעראַלי הֶעלִינְג אָן גֶעפַאלֶען מִיט פִיר פָּאלְק אוֹיף אמסטערדאם. וִויא דִיא אַדְמִינִיסְטְרַאצְיֶע הָאט דָאס דֶער זֶעהֶען הָאט זִיא קָאמֶענְדַאל צוּ נוֹיף גֶעפוֹיקְט דָאס מֶעלִיטֶער אַלֶע גְלָאקֶען הָאבֶּען גֶעקְלִינְגֶען. דִיא טְרָאמֵייטֶען גֶעשַׁאלְט אוּנ דִיא בַּאראַבַּאנֶעס גֶעפוֹיקְט אוּנ מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער פֶּעסְטוּנְג אַקֵייגֶען פַיינְד. גֶענֶעראַל הֶעלִינְג לוֹיט טיראדאס עֵצָה אִיז קָאמֶערְשְׁט וִויא אַנְטְלָאפֶען. בִּכְדֵי דָאס מֶעלִיטֶער זָאל אִיהְם נָאכְלוֹיפֶען. אוּנ וִויא דָאס שְׁטָאט מֶעלִיטֶער אִיז נָאר פוּן דֶער פֶּעסְטוּנְג אַרוֹיס אַזוֹי בַּאלְד הָאבֶּען דִיא גְלָאקֶען. פוֹיקֶען אוּנ טְרָאמֵייטֶען אִיבֶּער נַייֶעס אָן גֶעהוֹיבֶּען קְיַארְמֶען אִין שְׁטָאט אוּנ בּארדעס מִיט זַיין מֶעלִיטֶער הָאט אַרוּמְגֶעטְרֵייטֶען דֶעם מַאגִיסְטְרַאט צוּ טְרִיבֶּען אַלֶע טְשְׁלִיֶענֶעס אוּנ פַאר הַאפְּט דֶעם הַארְסִינַאל מִיט אַלֶע שְׁטָאדְטִישֶׁע אַנְשְׁטַאלְטֶען אִין זַיין הַאנְד. דֶעמָאלְט אִיז בּארדעס אַרוֹיס מִיט אַ פַייֶערִיגֶען פְרֶעדִיגְט פַארְן פָאלְק. אִין וֶועלְכֶען עֶר הָאט זֵייא פָאר גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מֶערְדֶערֵיי אוּנ טִירַאנִיזְם פוּן דֶער קַאטָאלִישֶׁער אַדְמִינִיסְטְרַאצְיָאן אוּנ וִויא אוּמְגְלִיקְלִיךְ זֵיי זַיינֶען אִיבֶּער דֶעם פַאנַאטִישֶׁען רֶעלִיגְיָאנְס הַאס. אוּנ בְּעֵת בּארדעס הָאט גֶערֶעדְט זַיינֶען דֶער וַוייל דִיא פְּרָאטֶעסְטַאנְטִישֶׁע גַלָחִים. אִין דִיא רֵייֶעס מִיט דִיא קְרֵייצֶען. אַרוּם גֶעגַאנְגֶען צְווִישֶׁען פָאלְק. אוּנ זֵיי גֶעמוּסַר'ת אוּנ צוּ גֶערֶעט זֵיי זָאלֶען אוֹיס וֶועהְלֶען בּארדעס'ן פַאר פְּרֶעזִידֶענְט אוּנ אַרָאפּ וַוארְפֶען פוּן זִיךְ דֶעם קַאטָאלִישֶׁען יאָךְ. קוּרְץ דָאס פָאלְק אִיז בֶּעגֵייסְטֶערְט גֶעוָוארֶען. אוּנ אַלֶע אִין אֵיין קוֹל הָאבֶּען אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען. עֶס לֶעבֶּע וְואהְל דֶער פְּרֶעזִידֶענְט בּארדעס מִיט זַיינֶע טְשְׁלִיֶענֶעס! אוּנ מָאמֶענְטַאל אִיז אוֹיף גֶעצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף אַלֶע טְהוּרְמֶעס פְלַאגֶען מִיטֶען הֶערְבּ פוּנֶם אָרַאנִיֶער פְּרִינְץ

נָאכְדֶעם הָאט בּארדעס אוּיס גֶעאָרְדֶענְט זַיין מֶעלִיטֶער. צוּ שְׁטֶעלְט גַארְנִיזָאנֶען אַ טְהֵייל הָאבֶּען בַּאלֶעגֶערְט אִינֶעוֶוייניג דִיא פֶּעסְטוּנְג אוּנ אַטְהֵייל זַיינֶען אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט אַקֵייגֶען דִיא קַאטָאלִישֶׁע אַ טְרִיאַדֶען אוּנ אוֹיף דֶער מִינוּט זַיינֶען אוֹיף שִׁיפֶען אָנְגֶעקוּמֶען מֵיינְגֶעס נִידֶערְלַאנְדֶער אוּנ מַאראַנֶען פוּן טיראדא'ס עֶקִיפַּאזְשׁ. אַלֶע גֶעוַואפֶענְט זַיינֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין אוּנ גֶעשְׁרִיגֶען עֶס לֶעבֶּע וָואהְל דֶער פְּרִינְץ פוּן אָרַאנִיֶען אוּנ דֶער פְּרֶעזִידֶענְט בָּארְדֶעס.

וִויא דִיא קַאטָאלִישֶׁע אָ טְרִיָאדֶען הָאבֶּען זִיךְ מִיט פַאלְשֶׁען נִצָחוֹן אוֹיף הֶעלִינְגְס חַיִל אוּמְגֶעקֶערְט אִין שְׁטָאט זֵיי טוּהְן אַ קוּק אַ גַאנְצֶע אַרְמֵיע שְׁטֶעהְט זֵיי אַקֵייגֶען. אוּנ אוֹיף דִיא טְהוּרְמֶעס זַיינֶען אוֹיף גֶעצוֹיגֶען דֶעם פְּרִינְץ'ס פְלַאגֶען. עֶרְשְׁטוֹינְט זַיינֶען זֵייא אוֹיף אַ וַוייְלֶע גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶען. אוּנ בַּאלְד הָאבֶּען זֵיי גֶעפְּרִיווּט צוּ טְרֵייטֶען צוּ דֶער פֶּעסְטוּנְג נָאר אוּיגֶענְבְּלִיקְלִיךְ הָאט זֵיי בּארדעס מֶעלִיטֶער. וָואס אָפֶען פֶּעסְטוּנְג אוּנ וָואס אוּיסֶער דֶער שְׁטָאט אַרוּם גֶענוּמֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען אוּנ זֵיי זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען אִין פְלֶען. אָ דָא הָאבֶּען זֵיי אַלֶע מִיט אַ מָאהְל אַרָאפּ גֶעוָוארְפֶען פוּן זִיךְ דָאס גֶעוֶוועהְר.

און מיט פריידען געשריי האבען זיי זיך געווארפען אויף דיא האלזער זייערע לאנדעס ברודער. מען האט זיך געהאלזט און געקושט און א הייסע פריינדשאפט געשלאסען דיא פעסטונג איז גיעפענט געווארען אלע זיינען מיט טרוימפף אריין אין שטאט. און ביים מאגיסטראט האבען אלע דריי געשווארען אויף דעם פרעזידענט מיט דיא נייע טשליענעס און געשריגען אין איין קול עס לעבע וואהל דער פרינץ.

און איינינע טאג ארום. ווען אלעס האט זיך פרידליך איינגעארדענט. זעהען מיר דאס מאגיסטראט פאל פון דיא נייע טשליענעס דאס פאלק מיט פריילינע פריינדליכע פנים'ר ארום דעם מאגיסטראט. טיראדא שטעהט פאר דיא טשליענעס, און דער פרעזידענט שטעהט אויף פון זיין שטול. און דער לאנגט איהם א טראקטאט אונטער געשריבען פון אלע טשליענעס מיטען פרעזידענט. אין וועלכען עס שטעהען געשריבען דיא ווערטער. א פריי בירגערטהום ווערט הירמיט געגעבען דעם עהרען טיראדא מיט אלע זיינע גלויבען. גענאסענע אין אמסטערדאם אויף דור דורות און זיי קאנען זיך פריי עפענטליך פירען זייערע רעליגיאנס געזעטצע און געניסען גלייכע רעכטע און פרייהייט מיט אלע אמסטערדאמער בירגער! ביים איבער געבען דעם טראקטאט האט דער פרעזידענט. אום נאמען דער גאנצען פאלקס ערהייכט טיראדא'ן א דאנק פון טיפען הערצען. וויא דער פרעזידענט האט גיענדיגט זיינע רייד. האט טיראדא ארויס גענומען דעם דאקומענט אויף דער שטאט. וואס בארדעס האט איהם געגעבען און מיט פרייד האט ער איהם פאר אלע אין דיא אויגען צו ריסען און אויס געשריגען

אמסטערדאם האט מיר שוין בעצאהלט מיין חוב. און פון יעצט אן אויף ווייטער בלייבט נאר אויף אונז דער הייליגער חוב פון אחדות פרידען און מענשענליבע.

---

20.

# בית יעקב

כל מה דעביד רחמנא לטב הוא עביד. זאגט דער הייליגער תלמוד עס הייסט וואס גאט טוהט איז נאר צום גוטען. אמת מיר זעהען דאס שטענדיג אין דער נאטור אז נאך גרויסע פירכטערליכע ערד ציטערנישען. געוויטערען. פייערבערג. אוראגאנען און אנדערע שרעקליכע קאטאסטראפען. ווערט דיא וועלט גאר בעניית מיט פיל בעסערע און ארדענטליכערע איין ארדנונגען. און דיא שפייטערע דורות געניסען דאס וואס זייערע עלטערען האט געפעהלט און געקוועהלט. אזוי איז אין דער מענשהייט אויך. דיא פאליטישע אינטריגען. נאציאנאל פערפאלגונגען און דיא שרעקליכע בלוט מלחמות ברענגען ענדליך נוטצען. גליק און היקף דער מענשהייט בכלל און יעדען בעזונדער בפרט.

מיטען אמסטערדאמער ביסעל מענשען בלוט: איז פהיליפס יאך מיט אמאהל אראפ פון נידער לאנד. אמת עס איז נאך א צייט פיל בלוט פאר גאסען געווארען פון ביידע צדדים. און דער טהייערער פרינץ פון אראניען איז טאקע אויך נהרג געווארען

פון פהיליפס טייערע אגענטען. נאר אלעם האט פארט אם גוטען געפיהרט. אויפען פרינץ'ס יאכט האט אויף געטרעטען זיינער א זוהן פרינץ מאריץ פון נאסוי א העלדישער גייסטרייכער יונגער מאן. און ער האט א סך מעהר מצליח געוועהן פונם פאטער ביז ער האט דאס טיראנישע שפאניען גענצליך אוים געווארצעלט פונם לאנד. און נידער לאנד איז געווארען א לעבעדיג פרידליך פרייא גליקליך לאנד אין דער וועלט.

צווישען ענגלאנד און שפאניען האט אויך א שרעקליכע מלחמה אוים געבראכען און שפאניען האט א מפלה געהאט אויף אייביג. די עקוויזיציא האט ביסלעכווייס אויף געהערט און פהיליפ האט בעקומען איין אומריינע קרענק. ווערים זיינען פון אים געקראכען און ער האט אזוי לאנג געפוילט ביז ער איז אין צרות געשטארבען.

ענגלאנד איז געהייכט און געקריינט געווארען און פון דאן אן איז זיא די פרייסטע און גליקליכסטע קעניגרייך געווארען אין דער גאנצער וועלט. יעליזאבעטא האט געשיקט דאן אנטאניאן מיט איהרען א פלאט קיין פארטוגאל. נאר די פארטוגאלער זיינען שוין אזוי ערנידעריגט און דער שלאגען געוועהן פון פהיליפס טיראניזם. אז זיי האבען שוין גאר פערלוירען די געפיהלע פון עהרע און פרייהייט. און וויא שקלאפען האבען זיי נאך געהאלפען די שפאניער מען זאל אנטאניא'ן פאר טרייבען פון דארט. און אזוי איז אנטאניא געקומען קיין פראנקרייך. און אויף דאננא מאיר'ס חשבון האט ער שוין זיין אלט ביסעל יאהרען אין עלענד פאר בראכט ביז ער איז געשטארבען.

טיראדא איז באלד געלאפען קיין עמדין. אלע פאסאזשירען האט ער עקספעדירט קיין אמסטערדאם. און אליין מיט עטליכע זיינע מאטראסען איז ער געפאהרען קיין לאנדאן נאך זיינע דריי ליבע טהייערע נפשות. אין לאנדאן האט ער מיט זיי א קליין צייטע פאר בראכט אין העכסטען נחת און פריידען. און איז מיט זיי צוריק געפאהרען קיין אמסטערדאם. מיטען וועג האט ער אפ געטרעטען קיין עמדין און האט מיט זיך גענומען דעם אלטען געטליכען ר' אורי'ן מיט זיין זוהן און אלע זיינען בשלום געקומען קיין אמסטערדאם אין זייער מקום מנוחה.

ר' אורי האט אלע מאראנען געמלה'ט. טיראדא האט געקויפט א גרוים שיין פלאטץ אינמיטען שטאט און האט זיך געשטעלט סטרויען א טעמפעל. און במשך א האלב יאהר איז דאס פאלקאמען פערטיג געווארען מיט אלערליי לוקסוסען און פראכט. און גראדע ראש חודש אלול שנת ה' שמ"ה. וויא דאס טעמפעל איז בענייעט געווארען. האט ר' אורי אין דעם טעמפעל חופה קדושין געגעבען טיראדא'ן מיט מרים'ן. און אלע יודען און קריסטען פון אמסטערדאם זיינען בייא דער עהרליכער פראכטפאלער חופה געוועהן. די פריידע און געפיהלע וואס אונזערע פיר פאמיליאנטען. טיראדא. מרים. מאיר און עמאנואיל האבען דעמאלט גענאסען איז ווירקליך פאר קיין פעדער ניט צו בעשרייבען און פאר קיין מויל ניט אוים צו רעדען. א כלל די פיר נשמות האבען דעמאלט בעקומען זייער שכר פאר אלע זייערע צרות און לייערען. און דעם היליגען אונשאטצבארען שכר האבען זיי אפ גענומען אונטער דער חופה ביים אלטאר אין דעם טעמפעל. וואס האט געהייסען און וואס הייסט עד היום מיטען נאמען בית יעקב.

באלד נאך דעם זיינען אלע שפאנישע און פארטוגאלישע מאראנען געקומען

קיין אמסטערדאם. דאן סאמאיל פאלאחי איז אויך פון מאראקא אהין געקומען און אזוי האט זיך אין אמסטערדאם פאר פלאנצט די ערשטע יודישע פריי בירגערטהום אינטערען נאמען בית יעקוב מיט זיינע צוויי פריינדע. אלפאנס דיא היררא און דאן סאמאיל פאלאחי. און דיא דרייא זיינען ביז אין טויט אריין געבליבען גיעהערט און געשעטצט געוועזען פון אלע אמסטערדאמער בירגער און האבען דיא גרעסטע קאניגליכע פאסטען פאר טרייטען דארט און פון דאן ביז היינטיגען טאג לעבען דארט און אין גאנץ נידער לאנד דיא יודען גליקליך פריי און בעהיט אונטער דעם שוטץ פון דיא דארטיגע העכסט הומאנע געזעטצע! און הייסען מיטעי נאמען שפאניאלען אדער דיא ספרדים.

# אלה הספרים הנמצאים בבית מסחר שלי. עם רשיון הצענזור מהאפלאגין וסטעריטיפען שלי אשר אוכל לתתם בחליפין לכל מו״ס.

1 אנטלאפענער סאלדאט, שמ״ר ווארשא
2 אפאטש פון דיין ליבען נאמען, —
3 *איוואנאי קלאצקע, ווארשא
4 אפעריסט ב״ב ווארשא
5 אבגינארטע ליבע — ווארשא
6 אבגעריסענער נאר — ווארשא
7 איודישע נשמה קאן מען נים שאצן ווילנא
8 בעל תשובה שמ״ר ווילנא
9 בלוטיגע נקמה ליניעצקע ווארשא
10 גיפונענע עלטערין — ווארשא
11 גליקליכע התן כלה ב״ב ווארשא
12 גיפערליכע ליבע — ווארשא
13 גירוש שפאניא — ווארשא
14 דאס יודישע עשירות — ווילנא
15 דער קינדער מערדער ווילנא
16 דיא שיינע מרים ווילנא
17 דיא אפגעשאסענע האנט אדעס
18 היינט מאדישע כלה, שמ״ר ווארשא
19 וואס וועט זאגן די וועלט ליניעצקי
20 חתן דמים שמ״ר ווארשא
21 טויט לעבעדיג — ווארשא
22 טיראנישער ברודער — ווארשא
23 יודעשע קעניגין — ווארשא
24 *יודעלע אבראמאוויטץ — ווארשא
25 יעקב טיראדע ע״ט ליניעצקי ווארשא
26 כשרער ממזר שמ״ר ווארשא
27 משיח׳ס צייטען — אדעס
28 נתן החכם ליניעצקי אדעס
29 עברי, ביכל פאר קינדער ווארשא
30 פריילעך הערשעלע אסטראפאלער
ג״ח ווארשא

31 פאלשער בוכהאלטער ל״ח ווארשא
32 פערליבטער סולטאן — ווארשא
33 פאדראיטשיק שמ״ר ווארשא
34 *פישקע דער קרעמער
אבראמאוויטץ אדעס
35 פערקויפטע כלה שמ״ר ווארשא
36 *פערמאסקירטער מערדער
בארדיטשעוו
37 פאלשער אריסטאקראט ווארשא
38 פראקטישער לעהרער בוך צאצקין
ללמד שפת עבר בנ׳ חלקים ווארשא
39 קארטין שפילער שמ״ר ווארשא
40 קארטעןווארפערקע אדעס
41 קאלענדאר אויף 50 יאהר אדעס
42 *קורץ את שארף קישענאוו
43 שטילער גנב ווארשא
44 *גמול אלהים פרידמאן ווארשא
45 הנער שמואל ווארשא
46 *כוורת אדעס
47 מחזות החיים ווארשא
48 *מקרא קודש פרידמאן ווארשא
49 נצח ישראל ווארשא
50 *סניגור (צווייפיעל) ווארשא
51 סידור יסוד עבודה ווארשא
52 ציורים מחיי עמנו ווילנא
53 קרוא מקרא ווארשא
54 שלחן המערכת ווארשא
55 תקוני הזבח על טרפות הריאה —
56 תקוני הזבח הלכות שחיטה ווארשא
57 תקוני הזבח הלכות טרפות ווארשא
58 תהלים אסיפות אמרים ווארשא

המפץ המעטאדע צאצקען יוכל לשלוח פאכט מארקעם בעד 1,50 ואשלח לו תיכף

אדרעססע שלי

## בעקאנטמאכונג.

# פֿון סקלאד ספרים של ר׳ יוסף חיים שוכמאן באדעסא

איך מאך באקאנט דעם פובליקום אז דער סקלאד ספרים וואס אבי ז״ל האט געהאט אין אדעסא 25 יאהר אויף יעווריישסקע גאס אנטקייגען דער גרויסע שוהל דאס קאנסטאנטינאָווסקי איז יעצט אונטער מיין פירמא יוסף חיים שוכמאן. אונ ביי מיר אין סקלאד געפֿינט זיך דאס גאנצע ספרי רומיל השכלה איצשעבניקעס ושארגאן אונ פֿערשידענע אלטע ספרים יקרי המציאות בלשון הקודש זא אויך טלתים זאיידענע וואלענע, תפילין מענטעלאך לספרי תורה פרוכתן אונד טלית זעקלאך זא אויך אללעם וואס געהער צום מסחר פֿון ספרים. אונ אללעם מיט די ביליגסטע פרייזין וואס נור מיגלאך איזט אונ עס ווירד אללעם בעזארגט ארינטליך ריכטיג אויך איז ביי מיר דא צו דער צייט וואס מען ברויכט אתרוגים אונ לולבים מארץ ישראל. איך שיק ארויס מיט האנד געלט אויף דער באהן אויך דורך פאסט מיט נאכנאמעס ווי געהעריג איז.

**דיזע ספרים זענען אסאבנע מיינע אויפלאגעס און מיינע סטארטיפען און פלאטין, און איך קען זיי געבען אין חילוף לכל מו״ם.**

הספרים הנרשמים באות כזה * מעט מהם נמצאים אתי:

קאפ׳

8 אבגינארטע ליעבע בוכבינדער ווארשא
55 בעל תשובה שמ״ר ווילנא
25 בלוטיגע נקמה אדער יעקב טיראדא לינעצקי ווארשא
50 *גלות שפניא בעלינסאן אדעססא
5 גירוש שפניא ווארשא
55 דיא צוויא יתומים שמ״ר ווילנא
15 די יודישע קאלאניען ווארשא
55 דיא בלוטיגע ליעבע שמ״ר ווארשא
12 דיא אומגליקליכע רחל שמ״ר ווארשא
10 דיא אומגליקליכע שיינדעלע „ ווארשא
12 דער קעניג קאזימיר שמ״ר ווארשא
*דער צבועק שפירא 1 רובל אדעססא
4 הגדה משלי ווארשא
5 וואס וועט זאגען די וועלט לינעצקי
15 זועלט שווינדלער בוכבינדער ווילנא
55 חתן דמים שמ״ר ווארשא
10 טיראנישער ברודער שמ״ר ווארשא
6 יודישע נשמה בוכבינדער ווילנא
12 יודישע קעניגען שמ״ר ווארשא
15 *יודענטהום על פי התלמוד היילפערן
10 כשרער ממזר שמ״ר ווארשא

קאפ׳

5 *ליעדער פון פאראהאד וולאדימיר
5 ליעד דער יוד מיט׳ן זעמעל-מעהל אדעסא
10 משיח׳ס צייטען אדעססא
4 עברי, ביכיל פאר קינדער ווארשא
15 פֿריילעך הערשעלע אסטראפאלער ג״ח
25 פאלשער בוכהאלטער ב״ח ווארשא
12 פארראיטשיק שמ״ר ווארשא
8 קארטען ווארפערקע אדעססא
25 קלוגער פריקאזטשיק בוכבינדער ווארשא
15 קינדער מארדער בוכבינדער ווילנא
8 ראזאליע דיא אריסטאקראטקע ווארשא
12 שיינע מאליע שמ״ר ווארשא
8 שיינע מרים בוכבינדער ווילנא
25 שיינע גיטעלע בוכבינדער ווארשא
4 קרוא מקרא ווילנא
פראקטישער לעהרער בוך צאצקין ללמד שפת רוסיא בג׳ חלקים 1.50 ר׳ ווארשא
40 *ברומו של עולם אדעססא
15 הנער שמואל וויסבערג ווארשא
15 ציורים מחיי עמנו וויינבערג ווילנא
5 מדרש ווישע עם פירוש בית הגדול ווארשא
5 מדרש עשרת הדברות עם פירוש הנ״ל „

**החפץ המעטאדע צאצקין יוכל לשלוח פאסט מארקים בעד 1.50 ואשלח לו תיכף**

אדרעססע שלי: יוסף חיים שוכמאן אדעססא. Книжный магазинъ

Іосифъ Хаимъ Шухманъ, Одесса, Еврейск. домъ Константиновскаго.